STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07341

# SHAKH-MAT DER - NES FUN MAYN LEBN

Mordekhai Wolfshaut-Dinkes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי וואָלפסהויט-דינקעס

# שאַך-מאַט — דער נס פון מײַן לעבן

M. Wolfshaut-Dinkes

# ECHEC ET MAT

## LE MIRACLE DE MA VIE

הילע געצייכנט:

מ. באַהעלפער

Copyright by M. Wolfshaut-Dinkes

Printed in France

Imprimerie IM.PO., 65, rue du Faubourg-Saint-Denis,
75010 PARIS

מרדכי וואלפסהויט-דינקעס

# שאך-מאט — דער נס פון מיין לעבן

## פון פשעמישל ביז טערעזיענשטאַט

פּאַריז — 1975

דאָס בוך ווידמע איך מיין משפחה, אומגעבראַכט אכזריותדיק אין פשעמישל, בעלזשעץ, שעבניאַ און אוישוויץ, ווי אויך מיין שוועער לייביש מאַנדעלבוים, אומגעקומען אין אוישוויץ.

---

איך דריק אויס אַ דאַנק מיין חבר, דעם שרייבער ב. שלעווין פאַר זיין מיטהילף אַרויסצוגעבן דאָס בוך.





מיין ייִנגערער ברודער נחמיה, אומגעקומען אין לאַגער שעבניאַ. דאָס ייִנגעלע, פון מיין עלטערן ברודער, הערמאַן איז אומגעקומען אין אוישוויץ.

# הקדמה

אַזויפיל יאָרן נאָכן באַפרייט ווערן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, און עפּעס לאָזט עס מיך נאָכאַנאַנד נישט צורו, נאָכאַמאָל אומצוקערן זיך צום וויטן עבר, וואָס זעט שוין היינט אויס אין אונזערע אייגענע אויגן ווי לעגענדע.

כמעט דרייסיק יאָר זענען פאַרביי; און אַלע יאָרן איז מיר נאָכגע־גאַנגען דאָס שאַרפע געפיל, אַז ס׳איז צייט אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן, דערציילן פון מיין אונטערגעגאַנגענער היים, פון מיין אונטערגעגאַנגענעם דור.

כאָטש ס׳איז שוין אַזויפיל דערציילט און באַשריבן געוואָרן, דוכט זיך מיר, אַז נאָך נישט אַלץ איז אויסגעשעפּט פון אונזערע ליידן, מיט וועלכע קיין שום פאָלק איז נישט געפּרוווט געוואָרן. איך בין אויך שטאַרק באַווירקט געוואָרן, לייענענדיק, ווי אַזוי מ׳האָט דעם אַלטיטשקן יידישן היסטאָריקער שמעון דובנאָוו געפירט צום אומקום, און ווי זיינע לעצטע ווערטער צו די אַרומיקע יידן זענען געווען: „פאַרשרייבט אַלץ, גאָרנישט זאָל פאַרלוירן ווערן פון דער טראַגישער געשיכטע פון אונזער פאָלק!״.

אַ געוויסער י. פּ. שטיינער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַרויסגע־געבן אַ בוך וועגן טרעבלינקע, און דאָרט באַשולדיקט ער, אַז יידן זענען ווי שאָף געגאַנגען צו דער שחיטה. דאָס איז אַ באַליידיקונג פאַרן הייליקן אָנדענק פון מיליאָנען יידישע קדושים. יידן האָבן זיך אומעטום געראַנגלט פאַר זייער עקזיסטענץ, געקעמפט אין די געטאָס, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין די וועלדער, אין די אַליאירטע אַרמייען, און וווּ נאָר זיי האָבן

געהאַט די מעגלעכקייט אויפצוהייבן דעם קאָפּ און צו קעמפן קעגן נאַצי־מערדער.

יעדער לעבן־געבליבענער ייִד איז — אַ נס. אַ נס פון אַלערליי צו־פאַלן. מײַן נס איז געווען, וואָס איך בין געווען אַ פּאַרקאַכטער שאָך־שפּי־לער. איך וועל שפּעטער דערציילן, ווי אַזוי צוליב אַ פּאַרטיע שאָך, מיט קאַפּאָס, מיט דײַטשן, בין איך אין לעצטן מאָמענט אָפּטמאָל געראַטעוועט געוואָרן. איך בין דורכגעגאַנגען פיל אַרבעטס־ און שטראָף־לאַגערן. איך האָב געוווגן נישט מער ווי 34 קילאָ, און מ׳האָט מיך נישט איינמאָל גע־זאָלט שיקן אין דער אוישוויצער קרעמאַטאָריע.

## קאַפּיטל 1

# פּשעמישל, מיין היימשטאָט

מיין היימשטאָט איז פּשעמישל, אויף דער גרענעץ פון מזרח־ און מערב־גאַליציע. נאָך לעמבערג און קראָקע, איז פּשעמישל געווען די דריטע שטאָט פון דעם קאַנט. אַ שיינע שטאָט, אין דער מיט צעטיילט פונעם טייך סאַן. אויפן העכערן ברעג האָט זיך געפונען דער שלאָסבאַרג, אינמיטן פון אַ שיינעם פּאַרק. 80 טויזנט איינוווינער האָט פאַרמאָגט פּשעמישל, און 20 טויזנט פון זיי האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די יידישע באַפעלקערונג. אין די שבתדיקע טעג האָט די יידישע יוגנט שפּאַצירט ביים טייך סאַן. מיטליאָריקע יידן זענען אַרויף מיט זייערע בני בית צום שלאָסבאַרג אויף שבתדיקע מנוחהדיקע שפּאַצירן; און ווען ס'איז צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט, האָבן זיי דאָרט, צווישן די אַלייען אוןביימער, אפילו אַריינגעכאַפּט אַ מנחה.

די שטאָט האָט געבראַוזט מיט יידישע יוגנט־באַוועגונגען פון אַלע אידעאָלאָגיעס אויף דער „יידישער גאַס". ס'איז געווען אַ שיין, אידיליש לעבן — אַזוי האָבן מיר געגלויבט — ביז דער שטורעם האָט זיך אָנגערוקט.

כמעט אַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך שבת אין דער פרי גע־זאַמלט אויפן שלאָסבאַרג, צו דיסקוטירן און אַרומצורעדן אָרגאַניזאַציאָ־נעלע, קולטורעלע, און אַקטועלע פּראָבלעמען. אונטן איז די שטאָט אין שבתדיקן טאָג געווען ווי אָפּגעשטאָרבן. די געשעפטן זענען געווען גע־שלאָסן, ווייל די מערסטע זענען געווען יידישע. די צענטראַלע גאַס, די פראַנצישקאַנער, האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די שטאָט איז באַוווינט דורכאויס פון יידן.

אין די אַלטע צייטן פון קייסער פראַנץ־יאָזעף, ווען די שטאָט האָט געהערט צו עסטרייך, איז פּשעמישל געווען אַ וויכטיקער סטראַטעגישער און מיליטערישער פּונקט, צוליבן ברייטן פלוס פון סאַן, צוליבן הויכן באַרג,

מיטן אויסבליק אויף דער גאַנצער געגנט ווייט אַרום. די שטאָט איז באַ־טראַכט געוואָרן ווי אַ וויכטיקע פעסטונג, ווי אַן אָנדענק פון די גרויסע שלאַכטן, וואָס זענען פאָרגעקומען אַרום פּשעמישל, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פון 1914, ווען די צאַרישע אַרמייען האָבן זיך געלאָזן אין גרויסן אָנגריף קעגן גאַליציע. דערנאָך זענען דאָ, ביים סאַן, די צאַרישע אַרמייען אויפגעהאַלטן געוואָרן אין משך פון עטלעכע חדשים, און זיי האָבן די פעסטונג פון פּשעמישל נישט געקאָנט נעמען. ערשט נאָך חדשים־לאַנגע שווערע קאַמפן איז פּשעמישל געפאַלן, און דער רוסישער צאַר אַליין איז געקומען באַוווּנדערן די העלדישקייטן פון זיין אַרמיי. די עסטרייכישע אימ־פּעריע איז זיך דערנאָך צעפאַלן און עס איז אַנטשטאַנען די פּוילישע מלוכה.

אַזוי אויך איז פּשעמישל שפּעטער, ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען די גרענעץ־שטאָט צווישן די סאָוויעטן און נאַצי־דייטשלאַנד. אַ האַלבע שטאָט איז פאַרבליבן אונטער דער מאַכט פון די סאָוויעטן, פון סעפּטעמבער 1939 ביז יוני 1941, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די דייטש־רוסישע מלחמה. ביז דעמאָלט איז דער טייך סאַן געווען די גרע־נעץ־ליניע צווישן די צוויי אימפּעריאַליזמען.

פּשעמישל איז אויך געווען דער קנופּ־פּונקט, דער צונויפטרעף פון דריי קולטורן, דריי שפּראַכן — דייטש, פּויליש, אוקראַיניש, און מען וואָלט דאָ געדאַרפט אויך צורעכענען — העברעאיש און יידיש. די יידישע אינטע־ליגענץ פון עלטערן דור איז נאָך געווען אונטערן איינפלוס פון דער דייטש־עסטרייכישער קולטור. זיי האָבן זיך גערעכנט ווי דער העכערער קלאַס צווישן די יידישע פאָלקס־מענטשן. די קעגנזייטיקע אינטערעסן פון די אַלע פיר מינדערהייטן און קולטורן האָבן זיך, איבעריקנס, געלאָזן פילן אין גאַנץ מזרח־גאַליציע, און דאָס איז אָפט געקומען צום אויסדרוק בעת די וואַלן צום פּאַרלאַמענט, ווי אויך צו די מאַגיסטראַטן. כמעט אין יעדער שטוב האָבן זיך געפונען די שווערע בענדער פון דער מייער־ענציקלאָפּעדיע, אין דער דייטשער שפּראַך.

די פּוילישע שפּראַך איז געווען די הערשנדיקע. פּויליש איז געווען די אָפיציעלע שפּראַך, די דאָמינירנדיקע אין אַלע אַמטן, אין די שולן, וווּ דאָס לערנען איז געווען אָבליגאַטאָריש. די פּוילישע שפּראַך און קול־טור האָט אויך באַהערשט אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, איבערהויפּט פון דער יוגנט. דאָס איז געווען די יוגנט, געניייגט צו אַסימי־לאַציע. זיי האָבן געזוכט אַ דערנענטערונג מיט די פּאָליאַקן, מיט דער פּוילישער קולטור. זיי האָבן געהאָפט דורך דעם צוגעלאָזן צו ווערן אין אַ מלוכה׳שן אַנשטאַלט. אָבער דאָס איז געווען נישט מער ווי אַן אילוזיע,

שוין אין דער צייט פון שלום. אָבער נאָך ערגער און טראַגישער האָט זיך עס אַרויסגעוויזן, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה, בעת דער אָקופּאַציע פון די דייטשן, אין דער צייט פון געטאָ. אין אוישוויץ, ווידער, האָבן זיך פיל פּאָליאַקן דעקלאַרירט אַלס פאָלקס־דייטשן, זענען געווען קאַפּאָס, און זענען זיך מיט אונז, יידן, באַגאַנגען אָפטמאָל מער ברוטאַלער און נידער־טרעכטיקער, ווי די דייטשן גופא.

די צווייטע שפּראַך אין אונזער געגנט, די אוקראַאינישע, איז געווען נאָר אַ געהילף־שפּראַך, צו פאַרשטענדיקן זיך מיטן פּויער, מיט וועלכן יידן האָבן געהאַנדלט און געפירט אַן אויסטויש־מסחר. נאָר אַ ייד האָט גע־מוזט קענען אַלע דריי שפּראַכן, וואָס האָבן זיך געקרייצט אין דעם פּונקט פון די עטנישע מינדערהייטן — דייטש, פּויליש, אוקראַאיניש. אויך האָט אין שטאָט געלעבט אַן אוקראַאינישע באַפעלקערונג. זיי זענען געווען נאַ־ציאָנאַליסטן־שאָוויניסטן, און האָבן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אַרויס־געוויזן זייער פיינטשאַפט, סיי צו די פּאָליאַקן, סיי צו יידן. אָבער דעם אמתן פּרצוף פון די אוקראַאינער האָבן מיר דערזען אין דער צייט פון דער מלחמה, דער עיקר ווי נאָר די דייטשן האָבן זיך נאָכן מלחמה־אויס־ברוך אַריינגעריסן אין דער שטאָט. ס'איז זיך נישט פאַרצושטעלן דעם סאַ־דיזם און ברוטאַליטעט זייערע צו די יידן, גלייכצייטיק צו די סאָוויעטן, וואָס האָבן נישט באַוויזן זיך צו עוואַקואירן. דאָס זענען געווען די זעלבע אוקראַאינער, וואָס האָבן בעת דער סאָוויעטישער הערשאַפט אין שטאָט אי־בערגענומען די גאַנצע מאַכט.

ווען די סאָוויעטן זענען אָפּגעטראָטן, זענען פיל יידן מיטגעלאָפן, אָבער אויפן וועג זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון די אוקראַאינער און זענען אויפן אָרט דערמאָרדעט געוואָרן. מיט די לאָפּאַטעס האָבן זיי געהאַקט קעפּ און די לעבן־געבליבענע אַריינגעוואָרפן אין די זאַלץ־גרובן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אונזער געגנט.

קיין סאָלידאַריטעט־אַקציעס אין פשעמישל זענען נישט געווען. די קאָמוניסטן זענען געווען כמעט בלויז... יידן. די סאָציאַליסטן, צווישן וועלכע עס זענען שוין געווען אויך אַביסל פּאָליאַקן, זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם יידישן אַסימילאַטאָר, אַדוואָקאַט הערמאַן ליבערמאַן. צו זיי האָט גע־הערט דער יידישער האַנטווערקער־פאַרבאַנד „יד חרוצים", ווי אויך דער „בונד".

אין די קרייזן פון „בונד" האָבן זיך געפונען אַ ריי אינטעלעקטועלע, שעפערישע כוחות, וועלכע האָבן געהאַט פיל איניציאַטיוו אויף אַלע גע־ביטן פון יידישן לעבן.

אַזוי זענען, מיט דער באַטייליקונג פון דער זייער באַגאַבטער יידישער דיכטערין רחל קאָרן, פאַרגעקומען פיל ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, אין וועלכע עס האָבן מיטגעאַרבעט די צוויי ברידער שוועיבל. דער עלטערער, שמעון, איז געווען אַן אַנאַרכיסט, מיט אַ טיפער ערודיציע, און דער ייִנגע־רער, לייבוש, איז געווען אַ בונדיסט, איינער פון די בעסטע רעדנער פון פשעמישל.

אין בונדישן לאָקאַל האָט זיך געפונען די יידישע שול־אָרגאַניזאַציע „יישאָ״, אָנגעפירט דורך די ברידער שוועיבל און חנוך האָנד.

אין יאָר 1939 איז צושטאַנד געקומען אַ ברייטער קאָמיטעט צו פיי־ערן דעם 50־טן געבוירן־טאָג פון שלום עליכם. אויפן פאָרשלאָג פון „בונד״, איז איינגעלאַדן געוואָרן פון וואַרשע דער באַקאַנטער בונדישער טוער ברוך שעפנער. אויף מיין פאָרשלאָג, איז איינגעלאַדן געוואָרן דער פועלי־ציון־טוער זרובבל, אַלס הויפט־רעדנער. די גאַנצע פייערונג האָט באַשיינט אונזער גרויסע יידישע דיכטערין, אַן איינגעוווינערין פון פשעמישל, רחל קאָרן. קיינמאָל האָט אַזאַ יידישע קולטור־פייערונג נישט געהאַט אַזאַ גרויסן דער־פאָלג, ווי די שלום־עליכם־פייערונג. עס האָבן אין איר אָנטיילגענומען אַלע פּאָליטישע, קולטורעלע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס; אפילו די יידי־שע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געפירט אַ סעקטאַנטישע אַרבעט, האָבן, נישט אַלס אָרגאַניזאַציע, נאָר אינדיווידועל, אָנטייל גענומען אין דער גרויסער פייערלעכקייט. עס איז אויך געקומען דער גרויסער יידישער היס־




שלום עליכם־פייערונג אין 1939 אין פשעמישל.

טאַריקער, אַ פשעמישלער תושב, מתתיהו מיזעס. ער איז באַקאַנט געווען דורך זיין וויכטיק ווערק „העלעניזם און יודאַיזם״.

די יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אין יענע יאָרן געבליט ביי אונז אין פשעמישל. ציוניסטן פון אַלע שאַטירונגען, אָנגעהויבן פון „השומר הצעיר״, „התאחדות״, פועלי ציון, גורדוניה. אַ גרויסער טייל פון זיי לעבט היינט אין ישראל. פיל חברים פון „השומר הצעיר״ לעבן היינט אין קיבוץ יד מרדכי און צוויי אָנפירנדיקע חברים פון גורדוניה, שמחה קרעבס (קריב) און ישעיה וועניג (זוטא), לעבן היינט אין קיבוץ רמת־דוד.

אויסער דעם — דער החלוץ, די אַלגעמיינע ציוניסטן, „מזרחי״, ביזן „ביתר״. אַלע האָבן זיי געפירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט אויפן פּאָליטישן און דערציאונגס־געביט.

די יידן אין פשעמישל זענען געווען אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר, סיי אין עקאָנאָמישן, סיי אין פּאָליטישן לעבן. די גאַנצע קליין־אינדוסטריע, כמעט דער גאַנצער האַנדל, די גאַנצע עקאָנאָמישע סטרוקטור, איז געלעגן אין יידישע הענט. ביז דער מלחמה האָבן די יידן ביי אונז אין שטאָט נישט קיין מורא געהאַט פאַר פוילישע „באָיוווקעס״, נישט פאַר די אוקראַינישע פּאָגראָמשטשיקעס. די אוקראַינער האָבן געקאַנט אַרויסווייזן זייער כוח נאָר אויף דער טאַרגאָוויצאַ, ווו זיי האָבן פאַרקויפט זייערע דאָרפישע פּראָדוקטן. דאָרט זענען זיי זיך צונויפגעקומען אין גרויסע מאַסן אויף די יאַרידים, אין די מאַרק־טעג.

אָבער דאָרט זענען אויך געווען די שטאַרקסטע יידישע קצבים, וואָס מ׳האָט געוווסט, אַז זיי קאָנען צוריקגעבן אַ קלאַפּ. אין שטאָט גופא זענען געווען שטאַרקע יידישע אָרגאַניזאַציעס, באַוווסטזיניקע חברה, וואָס האָבן זיך געקאָנט פאַרטיידיקן, אַז מ׳האָט באַדאַרפט.

איך בין פאַר דער מלחמה דעלעגירט געוואָרן פון התאַחדות פּועלי־ציון, מיטצואַרבעטן מיטן פאַרבאַנד פון האַנדלס־אַנגעשטעלטע אין אונזער שטאָט. נאָך יאָרן אַקטיוו זיין, האָט מען מיך אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון האַנדלס־אַנגעשטעלטע. אויף מיין איניציאַטיוו, איז אין יאָר 1938 אַרויסגערופן געוואָרן אַ שטרייק, מיט דער פאָדערונג צו העכערן די אָרעמע לוינען, צו אָנערקענען דעם פאַראיין אַלס פאַרשטייער פון אַלע האַנדלס־אַנגעשטעלטע. דער שטרייק איז פאַרביסן געפירט געוואָרן דורך איבער 350 אָנגעשטעלטע. אָבער קיין איין אָנגעשטעלטער פון אַ פּוילישער, אָדער אוקראַינישער פירמע האָט זיך מיט אונז נישט סאָלידאַריזירט. זיי האָבן געפונען פאַרשידענע תירו־

צים זיך אָפּצוזאָגן פון שטרייק. לסוף האָבן זיי געזאָגט, אַז — ס'איז „אַ יידישער שטרייק"...

בלויז עטלעכע פּאָליאַקן, וואָס האָבן געאַרבעט אין יידישע געשעפטן, האָבן געמוזט מיטשטרייקן. נאָך דריי וואָכן פירן פאַרביסן דעם שטרייק, מיט דער רעלאַטיווער אונטערשטיצונג פון דער סאָציאַליסטישער פּויליד־שער פּאַרטיי פּ. פּ. ס., האָבן די אַרבעטס־געבער געמוזט אָנערקענען דעם פאַרשטייער פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע. איבער 80 פּראָצענט האָבן באַ־קומען געהעכערטע זייערע לוינען.

אַזוי האָט אויסגעזען די „קלאַסן־ברודערשאַפט" פון די יידן מיט די פּאָליאַקן און מיט די אוקראַינער.



קאָמיטעט פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין פּשעמישל.

אין זעלבן יאָר 1938, אין אַ זומערדיקן שבת־פרימאָרגן, האָבן די ענ־דעקעס, אָדער ווי מ'האָט זיי גערופן — די „האַלערטשיקעס" — גערופן זייער יערלעכן קאָנגרעס אין פּשעמישל, אין אַ געביידע נישט ווייט פונעם סאַן. מיר, אַ גרופּע יידישע יוגנטלעכע, זענען אין זעלבן אין דער פרי גע־גאַנגען באָדן זיך אין טייך. אין הייזל ביים ברעג, וווּ מען האָט אויפן שטאָק אָנגעטאָן די שווים־הויזן, האָט מען אונטן פאַרקויפט „לאָדעס", לימאָנאַד, סאָדע־וואַסער, קוכן. מיטאַמאָל זענען די ענדעקעס באַפאַלן דאָס הייזל און אויסגעכאַפּט אַלץ, וואָס איז געווען צו פאַרקויפן. דער פאַרקויפער

האָט זיי נישט געלאָזן אויסכאַפּן די פלאַשן לימאָנאַד. האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטרייט. אין דעם שרייען זיי: „די זשידעס שלאָגן פּאָליאַקן״.

עס זענען אויסגעוואַקסן הונדערטער ענדעקעס און גענומען וואַרפן שטיינער און פלעשער איבער אונז. אויבן איז געווען אַ באַריערע פון אַ מעטער די הויך. און מיר, אַ צענדליק יינגלעך, אין די באַד־הויזן, אָן שום שוץ, האָבן געזען אַז מען קאָן דאָרט נישט בלייבן, ווייל אַלץ צעפּאַלט זיך. ס׳איז געווען געבויט פון דינע ברעטלעך.

די כוליגאַנעס, כאָטש זיי זענען געווען גרויס אין צאָל, האָבן אָבער נישט געוואָגט אַרויפצוקומען צו אונז. מיר ווידער, האָבן מורא געהאָט אַראָפּצוגיין קעגנאיבער אַזאַ צעיושעטע באַנדע, האָבן מיר געוואַרט לאַנג און דאַך באַשלאָסן אַראָפּצוגיין. יעדער פון אונז האָט געכאַפּט, וואָס ס׳איז אים געקומען אונטער דער האַנט, אַ שטעקן, אַ פלאַש, און געלאָזן זיך אַראָפּגיין פון די טרעפּלעך, כדי אַריבערצושווימען דעם פלוס, אַ 100 מעטער די ברייט, אָן ערך.

ווי נאָר מיר זענען אַראָפּ פון די שמאָלע טרעפּלעך, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אונז, אָנגעכאַפּט ביי די פיס, אַראָפּגעשלעפּט, געשטאָכן מיט די מעסערס. צייכנס פון יענע מעסער־שטעך זענען מיר נאָך פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. אָבער מיר האָבן זיך נישט פאַרלוירן. מיר האָבן מיט די פלאַשן און שטעקענער זיך פאַרטיידיקט, שריט נאָך שריט האָבן מיר זיך דערנענטערט צום פלוס. דאָס וואַסער איז אויף דעם אָרט געווען זייער שטראָמיק און טיף. מיר האָבן אָבער מיט אימפּעט געלאָזן זיך שווימען דורך דער גאַנצער ברייט פון סאַן.

איך בין געווען זייער אָפּגעשוואַכט. דאָס בלוט איז פון מיר גערונען. איך האָב קוים געקאָנט די העלפט פון טייך אַריבערשווימען.

געקומען צוהילף איז מיר מיינס אַ חברטע פון יענער זייט טייך. דאָס איז געווען סאַלאַ פּאַטער, אַ מיטגליד פון השומר הצעיר. (היינט רופט זי זיך לאַנדאו און לעבט מיט איר משפחה אין ישראל). זי האָט מיר געהאָלפן אַריבערצוקומען אויף יענער זייט טייך. באַלד זענען אָנגעקומען רעטונגס־וואָגנס פון שפּיטאָל. כמעט אַלע יידישע בחורים זענען געווען פאַרוואונדעט. יידן זענען געקומען אונז טרייסטן, אויסדריקן זייער צאָרן קעגן די פּוילישע כוליגאַנעס.



רעכטס: שמעון שוועיבל. נאָך אים: סאַלאַ פּאַטער. שטייענדיק לינקס, מיין יינגערער ברודער. דער פאַרוונדעטער: דער מחבר.

אָבער דאָס איז נאָר געווען אַן אָנהייב, דאָס אמתדיקע פּנים פון די פּאָליאַקן האָבן מיר ערשט שפּעטער דערקענט, אין דער צייט פון געטאָ. מען האָט אונדז געפירט צו דער אַרבעט, גרופּנווייז, אויפן מיטן שטראָז, ווייל אויפן טראָטואַר האָבן יידן נישט געטאָרט גיין. מען האָט אונז געפירט צום מיליטערישן שפּיטאָל, איבער דער סלאַווצקי־גאַס. אויף דער גאַס האָב איך געווינט אַלע מיינע יוגנט־יאָרן. דאָ האָב איך געהאַט מיינע פּוילישע חברים, מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען אין שולע, געשפּילט זיך צוזאַמען, אָבער אין די לעצטע יאָרן זענען מיר דערווייטערט געוואָרן. זיי האָבן געשליידערט אין אונז שטיינער, געשלאָגן מיט נאַהייקעס איבער די פּנימער. און ווען זיי האָבן דערזען ווי מען פירט אונז, אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי פון אַלע זייטן, האָבן זיי מיט שאָדנפרייד אונז אויסגעלאַכט, נאָכגעלאָפן און געשריגן: „יידן־טיפוס".

גייענדיק צו דער אַרבעט, האָבן מיר איינמאָל געזען ווי די פּוילישע פּאָליציאַנטן פירן אַ יידיש מיידל צו דער געשטאַפּאָ, ווייל זי איז געגאַנגען אויף דער אַרישער זייט, אָן אַ מגן־דוד אויפן אַרבל. דאָס מיידל איז שוין מער קיינמאָל נישט צוריקגעקומען.

אַ פּוילישע פרוי איז איינמאָל צוגעגאַנגען צו אַ פרוי, פון אונזער גרופּע. זי האָט צוזאַמען מיט אונז געאַרבעט אין שפּיטאָל, ביים רוימען,

פרוי שאַר (זי לעבט היינט אין ישראל) און געזאָגט, זי זאָל איר אָוועקגעבן דאָס טיכל, וואָס זי טראָגט אויפן קאָפּ, און זי וועט איר דערפאַר געבן אַ שטיקל ברויט. האָט איר די פרוי שאַר געפרעגט: „און וואָס וועל איך טראָגן?“. האָט די פוילישע פרוי געזאָגט: „דאַרפסט עס שוין נישט. ווייל מאָרגן וועט מען אייך אַלע דעפּאָרטירן. וועסטו כאָטש האָבן אַ שטיקל ברויט“.

— אַז מען וועט אונז דעפּאָרטירן, דאַרף איך שוין נישט דיין שטיקל ברויט — האָט איר פרוי שאַר געענטפערט.

אַזוי האָט אויסגעזען זייער מיטלייד, זייער סאָלידאַריטעט.

פשעמישל קאָן זיין שטאָלץ מיט די אַלע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געלעבט און געווירקט אין דער ברייטער יידישער קולטור־וועלט. דער ברודער פון מתתיהו מיזעס איז געווען דער הויפּט־ראַבינער פון דער פּוילישער אַרמיי. דאָ האָט געלעבט דער באַקאַנטער היסטאָריקער ד״ר יעקב צינבערג, דער באַקאַנטער דיכטער און פּובליציסט מלך ראַוויטש און זיין ברודער, הערץ בערגנער ז״ל, שטאַמען פון אַ שטעטל לעבן פשעמישל. צוויי באַרימטע אַדוואָקאַטן, ד״ר הערמאַן ליבערמאַן, אָדער דער רויטער הערשקע, ווי יידן האָבן אים גערופן, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז געווען יאָרנלאַנג דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים. דער צווייטער פּאָפּו־לערער אַדוואָקאַט איז געווען לייב לאַנדוי, דער פּאַרטיידיקער אין שטייגער־פּראָצעס אין לעמבערג, אין די אָנהייב 20־ער יאָרן, ווו ער איז מוטיק אַרויסגעטרעטן קעגן די בלבולים, וואָס מען האָט אויף שטייגערן אַרויפּ־געוואָרפן.

אין פשעמישל איז אויך געווען אַ פאַרלאַג פון סידורים, חומשים און תנ״ך. דער פאַרלאַג האָט געטראָגן דעם נאָמען פון „פריינד און אַמקרויט“, און איז געווען באַרימט און פאַרשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט. לעצטנס האָב איך נאָך געזען אין האַאַג (האָלאַנד) אין אַ בית־מדרש אַ סידור, אַרויס־געגעבן פון דעם פאַרלאַג אין פשעמישל.

פון פשעמישל שטאַמט אויך מיין פעטער, דער באַקאַנטער אַרטיסט סאָלאָמאָן שטראַמער. ער און זיין פרוי קלאַראַ האָבן געדינט דאָס יידישע טעאַטער איבער 65 יאָר, געשפּילט אין אַלע לענדער, ווו עס איז פאַראַן אַ יידישער ישוב; אין אונגאַרן, פּוילן, רוסלאַנד, רומעניע, יוגאָסלאַוויע, צפון־אַמעריקע, בראַזיל, אורוגוויי, טשילי, און דער עיקר אין אַרגענטינע, ווו ער וווינט אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר, ווו ער האָט באַרייכערט

דאָס יידישע טעאַטער, און אַפילו ביי זיינע 80 יאָר שפּילט ער נאָך וויכ־טיקע ראָלן.

אויך דער חסידיזם האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס ביי אונז אין דער שטאָט. זיי האָבן געגלויבט אין אַ העכערער קראַפט, וואָס וועט אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק פון גלות.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס יידישע גייסטיקע לעבן אין אונזער שטאָט אויף אַלע געביטן פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן, פּאָליטישן לעבן. אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט האָט פאַר דער מלחמה עולה געווען קיין ארץ ישראל. אַ קלענערער טייל איז אַוועק צום קאָמוניזם, ווייל זיי האָבן דעמאָלט נאַאיוו געגלויבט, אַז דורך אַ ראַדיקאַלער ענדערונג פון סאָציאַלן סיסטעם, וועט גלייכצייטיק אויך קומען אַ לייזונג פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן.

דאָס געדענקען מיר נאָך זייער גוט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּוילן איז באַשטאַנען כמעט דורכאויס פון יידן. אין אונזער שטאָט פּשע־מישל געדענק איך נישט עס זאָלן האָבן געווען קאָמוניסטן נישט־יידן. היינט קאָן קומען ווערבלאָן, אַ טרויעריקער „טעאָרעטיקער", און אויפ־ווייזן, אַז עס זענען געווען „צופיל יידן" אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דאָס הייסט, לויט אים אפשר 20 פּראָצענט יידן. קאָן מען אים ענטפערן דערויף, אַז עס זענען טאַקע געווען צופיל יידן, אָבער אויך — כמעט נישט קיין פּאָליאַקן. די מערסטע פּאָליאַקן האָבן קודם כל פּאַרטיידיקט זייערע נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישע אינטערעסן. אין אוישוויץ האָבן מיר געזען פאַרשיקטע פּאָליאַקן, אָבער נישט חלילה צוליב זייער קאָמוניסטישער טעטיקייט. ד. ה., אַז דאָס פּאָלק איז נישט געווען פעאיק צו ברענגען קרבנות פאַר אַלגעמיין־מענטשלעכע אידעאַלן. נאָר ביי יידישע קאָמוניסטן האָט גע־קאָנט אויפשטיין אַזאַ העלד ווי **נפתלי באָטווין**. אָבער אין היינטיקן אַזוי־גערופענעם קאָמוניסטישן פּוילן ווערט זיין נאָמען אפילו מער נישט דער־מאָנט, ווייל ער איז געווען אַ **יידישער** קאָמוניסט.

אַזוי האָבן זיך אויפגעפירט די קאָמוניסטישע יידישע נאָכלויפער, ווען די סאָוויעטן האָבן באַזעצט אונזער שטאָט. זיי האָבן זיך מיאוס אויפ־געפירט. איך בין דעמאָלט געווען סעקרעטאַר פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען ביי די האַנדלס־אָנגעשטעלטע. די פּוילישע, אָדער אוקראַאינישע אָנגעשטעלטע האָבן נישט געמסרט זייערע אַרבעטס־געבער, מען זאָל ביי זיי אַוועקנעמען די געשעפטן, זיי זאָלן באַטראַכט ווערן ווי „עקספּלואַטאַ־טאָרן" און פאַרשיקט ווערן קיין סיביר. לײדער, האָבן יידישע קאָמוניסטן, האַנדלס־אָנגעשטעלטע, יאָ געמסרט זייערע אַרבעטס־געבער.

# קאַפּיטל צוויי

## דער טרויעריקער אָנהויב

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, באַלד אין דער פרי האָבן אַלע דער־הערט אין פּוילישן ראַדיאָ, אַז היטלער־דייטשלאַנד איז באַפאַלן פּוילן, אַז מ׳האָט שוין אין דער נאַכט באָמבאַרדירט וואַרשע.

פאַר פיל איז עס געווען אַ טרויעריקע איבערראַשונג, ווייל נאָך די אַלע דראָאונגען, האָבן זיי דאָך נישט געגלויבט, אַז עס זאָל דערגיין צו אַ מלחמה־אויסברוך, בפּרט מיטן פּוילישן שכן, וואָס איז כמעט געגאַנגען אין די דרכים פון היטלערן, מיט דער פּאַשיזירונג פון לאַנד, מיט די קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן אין קאַרטוז־בערעזע, מיט אַ קאַרג יאָר צוריק דעם רויב פון טשעכאָסלאָוואַקיע, ווען פּוילן האָט באַקומען... אַ האַלבע שטאָט ציעשין. אָבער פאַר פיל, וואָס האָבן זיך מער פאַרשטאַנען אין דער פּאָלי־טיק, איז עס געווען אַ קאָנסעקווענטער וועג פון היטלערן, צוערשט צו פאַרכאַפּן פּוילן און דערמיט דערנענטערן זיך צו די רוסישע גרענעצן, געענוי לויט זיין טעאָריע אין „מיין קאַמף״. פּוילן איז גרייט געווען צו מאַכן קאָנצעסיעס היטלערן, אָבער דאָס אַלץ האָט סיי ווי נישט געהאָלפן.

אַלע, סיי פּאָליאַקן, סיי יידן, האָבן געגלויבט די פּראָפּאַגאַנדע פון די מיליטערישע און רעגירונגס־קרייזן, אַז פּוילן איז שטאַרק, אַז זי וועט קאָנען אויפהאַלטן דעם דרוק פון דייטשן מיליטער. בפּרט, אַז פּוילן האָט אָפּמאַכן מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך, פון איין זייט, מיט רוסלאַנד — פון דער אַנדערער זייט. איך געדענק, אַז די באַפעלקערונג אין פּשעמישל איז מיט אַזעלכע אַרגומענטן געווען באַרואיקט, און די לאָזונג איז געווען, אַז — „פּוילן וועט נישט אָוועקגעבן קיין איין מעטער פּוילישן באָדן״.
אין די ערשטע צוויי מלחמה־טעג האָט מען זיך אין שטאָט פונדעסטוועגן פאַרגרייט מיט עסן־רעזערוון און געוואַרט אויפן גרויסן ווידערשטאַנד פון

דער פּוילישער אַרמיי. אָבער די נייעסן פון פראָנט זענען געוואָרן ערגער פון שעה צו שעה. דער ראַדיאָ האָט יעדן טאָג געמאָלדן וועגן נייע שטעט, וואָס זענען אַריינגעפאַלן צום שונא, וועגן באָמבאַרדירונגען. די דייטשן זענען געווען די הערשער אין דער לופט. מען האָט זיך מער נישט גע־קאָנט באַשיצן קעגן די לופט־אַטאַקעס. עס זענען געווען בונקערס, אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, דאָס לויפן אין די קעלערן אַריין, וואָס זענען אָפט פאַרשאָטן געוואָרן צוזאַמען מיט די מענטשן. עס זענען שוין דער־גאַנגען טרויעריקע ידיעות, וואָס די דייטשן מאַכן מיט די יידן, ווען זיי רייסן זיך אַריין אין אַ שטאָט. נאָך איידער די שטאָט איז אָקופּירט געוואָרן דורך דער דייטשער אַרמיי, האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט פאַרדעכטיקע לייט, וואָס האָבן געזייעט פּאַניק און דעפעטיזם. דאָס זענען זיכער געווען אונטערגעשיקטע שפּיאָנען. איינעם פון זיי האָב איך געקענט פון פריער. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די פּשעמישלער גאַסן מיט אַ צעבראָכן וועגעלע און צוזאַמענגענומען אַלט אייזן, שמאַטעס; אַן אַלטער, אַ שמור־ציקער. מיטאַמאָל הערט מען, אַז די פּוילישע פּאָליציי האָט אים געכאַפּט, אַרעסטירט. ער איז גאָר געווען אַ פאַרשטעלטער דייטשער אָפיציר.

דערווייל האָט זיך דער פראָנט דערנענטערט צו אונזער שטאָט מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט; מיר, אַ גרופּע יוגנטלעכע, האָבן באַשלאָסן דעם זעלבן אָוונט צו פאַרלאָזן די שטאָט, לאָזן זיך אויף מזרח. יעדער פון אונז האָט מיטגענומען אַ רוקזאַק, אַביסל עסן, אַ פּאָר העמדער, און אין אָוונט זענען מיר אַלע אַרויס פון שטאָט, אין דער ריכטונג פון לעמ־בערג, כדי צו דערגרייכן די רומענישע גרענעץ, און פון דאָרט — אפשר דערקריגן זיך ביז ארץ ישראל.

גיין האָט מען נאָר געקאָנט ביינאַכט, ווייל בייטאָג, ווי נאָר די דײ־טשע אַוויאַציע, וואָס האָט שוין באַהערשט די פּוילישע הימלען, האָט דער־זען אַ גרופּע מאַרשירן איבערן שאָסיי, האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזן נידע־ריק און מיט זייערע מאַשין־געווער אַלעמען באַשאָסן. די וועגן זענען שוין געווען פאַרפּאַקט מיט אַנטלויפנדיקע מענטשן, מיט פערד־און־וואָגן, מיט וועלאָס, מיט אויטאָס און — צופוס. די מערסטע, פאַרשטייט זיך, יידן. די נעכט זענען גראָד געווען זייער פינצטערע. מען האָט גאָרנישט גע־זען ווו צו גיין. מיר האָבן מורא געהאַט צו פאַרלירן איינער דעם צווייטן. האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז יעדער פון אונז האָט געהאַט אַ נומער, און יעדע צען מינוט האָבן מיר קאָנטראָלירט צי עמיץ פעלט נישט, האָט יעדער איי־נער געמוזט אויסרופן זיין נומער, ביז ס'איז צוגעקומען צו נומער צען. אויב איינער האָט געפעלט, זענען אַלע שטיינגעבליבן. דאָס גיין איז געווען

שווער צווישן אַזאַ מאַסע אַנטלויפנדיקע. מען איז אין דער פינצטער גע־קראָכן איינער אויפן צווייטן. יעדער האָט געוואָלט וואָס שנעלער צוקומען ביז צו דער רומענישער גרענעץ. מיר האָבן מאַרשירט אַן ערך זיבן קילאָ־מעטער אַ שעה. אין דער ערשטער נאַכט האָבן מיר געמאַכט 50 קילאָ־מעטער, און דערגאַנגען ביז סאַנדאָוואַ־ווישניאַ, האַלב־וועגס ביז לעמבערג. דאָרט האָבן מיר געהאַט אונזערס אַ באַקאַנטן. ער האָט אונז אויפגענומען ביי זיך, געגעבן אַ פּלאַץ ווו זיך אויסצורוען, געגעבן עפּעס אָפּצועסן.

דעם אַנדערן טאָג זענען מיר ווידער אַרויס אויפן וועג, ביז מיר זענען פרימאָרגן־צייט אָנגעקומען קיין לעמבערג. אויך אין לעמבערג האָט שוין געהערשט אַ כאַאָס. שווער געווען צו באַקומען צו קויפן אַ שטיקל ברויט. איך האָב דאָרט געהאַט אַ פעטער. מיר זענען אַריין צו אים. דאָרט האָבן מיר זיך אַביסל אָפּגערוט. מיט דריי טעג שפּעטער זענען מיר אַרויס אין דער ריכטונג פון סטאַניסלאַוואָו. מיר זענען אָנגעקומען אין אַ קליין שטעטל פשעמישליאַני, נאָענט צו סטאַניסלאַוואָו. אין קיין שום אָרט זענען מיר נישט אויפגענומען געוואָרן מיט אַזאַ רואיק געמיט, ווי אין דעם שטעטל. דאָרט איז נאָך גאָרנישט געווען קיין מלחמה־פּסיכאָז. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי וויסן איבערהויפּט נישט וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט, אַז עס דראָט די יידן קיין שום געפאַר. עטלעכע משפחות האָבן אונז באַזאָרגט מיט עסן, מיט נאַכטלעגער. די שטימונג איז ביי אונז גע־וואָרן אַ ביסל אַ בעסערע, אָן פּאַניק. די פשעמישליאַנער יידן האָבן אונז באַרואיקט, אַז פּוילן איז גרויס און שטאַרק און קאָן זיך נאָך לאַנג פאַר־טיידיקן. בפרט, אַז פראַנקרייך און ענגלאַנד זענען אַריינגעטרעטן אין קריג קעגן דייטשלאַנד, איז גאָר נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

און באמת, די לופט־באָמבאַרדירונגען זענען דאָ געווען זעלטענער. מען האָט שוין געקאָנט אויך בייטאָג גיין איבער די שאָסייען. מיר זענען ווידער געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט און דעם אַנדערן טאָג זענען מיר בשלום אָנגעקומען קיין סטאַניסלאַוואָו. אין דער שטאָט איז נישט געווען קיין שום פּאַניק, ווי די גאַנצע מלחמה־בהלה וואָלט געווען ערגעץ טויזנ־טער קילאָמעטער ווייט פון דאַנען. דערנאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אַהער וועלן די דייטשן דערוויילן נישט דערגיין, ווייל עס איז פאַראַן אַן אָפּמאַך צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד וועגן צעטיילן פּוילן — און מזרח־גאַליציע איז לויטן אָפּמאַך צוגעטיילט געוואָרן צו רוסלאַנד.

אין סטאַניסלאַוואָו האָבן מיר געהאַט וווּ אַריינצוגיין, ווייל איינער פון אונזער גרופּע האָט דאָרט געהאַט זיין גאַנצע משפּחה. ווו צו שלאָפן האָט אונז נישט געפעלט. דאָרט זענען מיר פאַרבליבן עטלעכע טעג, דער־

וויסן זיך די לעצטע נייעס פון דער מלחמה. דאָרט האָבן מיר אויך אין איינעם אַ פרימאָרגן געהערט דורכן ראַדיאָ, אין דער סאָוויעטישער זענ־דונג, אין דער פוילישער שפּראַך, אַז דאָס פּוילישע מיליטער קאָן מער נישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד דער דייטשער אַרמיי; און כּדי די פּוי־לישע אַרמיי זאָל נישט האָבן קיין פולשטענדיקע מפּלה, פּוילן זאָל זיך נישט צעפאַלן, קומט די סאָוויעטישע אַרמיי צוהילף דער פוילישער אַרמיי. הערנדיק, אַז רוסלאַנד קומט צוהילף דער פוילישער אַרמיי און גלייכ־צייטיק — די קלאַנגען, אַז פראַנצויזישע און ענגלישע אַוויאָנען באָמ־באַרדירן שוין דייטשלאַנד, האָט זיך אונזער מוט אַ ביסל געהויבן. אָבער נישט אויף לאַנג.

מיר האָבן באַשלאָסן דערווייל צו בלייבן אין סטאַניסלאַוואָו און אָפּוואַרטן ווי אַזוי די סיטואַציע וועט זיך אַנטוויקלען. מיר זענען אַרומ־געגאַנגען איבער דער קאָכיקער יידישער שטאָט, און געזען ווי טויזנטער פּוילישע מיליטערישע אויטאָס פול מיט באַוואָפענונג, טאַנקן, קאַנאָנען, עסנוואַרג, פאָרן דורך דער שטאָט, אין דער ריכטונג פון דער רומענישער גרענעץ. די גאַסן זענען געווען פאַרפולט מיט מיליטער. מיר האָבן זיך געוווּנדערט אויף דער גרויסער צאָל מעכאַנישער באַוואָפענונג פון פּוילישן מיליטער, און אָט — אַנטלויפן זיי גאָר צו דער רומענישער גרענעץ...

צווישן די דורכפאָרנדיקע אויטאָס, האָב איך פּלוצים דערקענט דעם קליינעם לאַסט־אויטאָ פון מיין עלטסטן ברודער, באַדעקט מיט אַ מילי־טערישן צודעק. מיר האָבן גוט געקענט דעם קליינעם לאַסט־אויטאָ, ווייל מיין ברודער פלעגט אָפט קומען פון ביעלסקאָ־ביאַלאַ קיין פּשעמישל. און אָט האָבן מיר אים דערזען זיצן אינעווייניק, אין פּוילישן מונדיר. די קאָ־לאַנע אויטאָס איז שטעקן געבליבן, ווייל די וועגן זענען געווען פאַרשטאָפּט. ער אַליין, מיין ברודער, איז געזעסן ביים רודער פון אויטאָ, פול אַנגעלאָ־דעוועט מיט שפּייז־רעזערוון פון מיליטער. אַ רעטעניש! מיין ברודער האָט געוווינט און געאַרבעט אין ביעלסקאָ־ביאַלאַ, אַ זעקס־זיבן הונדערט קילאָמעטער פון סטאַניסלאַוואָו. אין דער היים האָט מען גאָרנישט געוווּסט, אַז ער איז מאָביליזירט אין דער אַרמיי, צוזאַמען מיט זיין לאַסט־וואָגן. ער האָט נאָך באַוויזן מיטצונעמען זיין פרוי מיטן ייִנגעלע, וואָס ער האָט זיי אויפן וועג געלאָזן אין פּשעמישל, ביי אונז אין דער היים. ער האָט מיטן וואָגן דורכגעמאַכט דעם זעלבן וועג וואָס מיר, איבער לעמבערג ביז סטאַ־ניסלאַוואָו. אויך מיין ברודער איז געווען זייער איבעררעשט. ער האָט גע־

ווסט, אַז מיר האָבן זיך געלאָזן אין וועג אַריין און איז געווען זיכער, אַז מיר זענען שוין אויף יענער זייט גרענעץ, אין רומעניע.

דאָ זענען מיר געבליבן שטעקן ווי אין אַ פּאַסטקע, און נישט גע־ווסט צי זאָלן מיר צוזאַמען מיט אים, זיך לאָזן איבער דער גרענעץ, אָדער דאָ צוּוואַרטן, ביז דאָס סאָוויעטישע מיליטער וועט אונטערקומען, און צוריקקערן זיך קיין פּשעמישל? מיין ברודער האָט געצווייפלט, צי דאָס סאָוויעטישע מיליטער וועט קומען צוהילף דער פּוילישער אַרמיי; ווען יאָ, וואָלטן דאָך די פּוילישע סאָלדאַטן נישט אַנטלאָפן אַזוי געשווינד פאַר די דייטשן. האָבן מיר דערוויל באַשלאָסן אַריינפאָרן מיטן אויטאָ אין הויף פון אונזערע באַקאַנטע, דערנאָך וועלן מיר זען וואָס ווייטער צו טאָן.

ס'איז געווען נישט קיין לייכטער באַשלוס אָנצונעמען. אויב מיר וועלן זיך דורכרייסן קיין רומעניע, וועלן מיר זיך אפשר ראַטעווען און האָבן אַ האָפענונג אָנצוקומען קיין ארץ ישראל. כאָטש דאָס אַלץ איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע ריזיקעס. ס'איז אונז אָבער אַ שאָד גע־ווען איבערצולאָזן אויף הפקר די גאַנצע משפחה, די עלטערן, מיין באָבע פון איבער הונדערט יאָר.

מיין ברודער האָט איבערגעלאָזן זיין פרוי און אַ קינדעלע פון אַ יאָר, ווי אויך זיין שוואָגער, דער פרוי'ס אַ ברודער. ער איז געקומען אַנצולויפן קיין ביעלסקאָ־ביאַלאַ פון זבאָנשין, דאָס טרויעריקע נאָמאַנס־לאַנד, צווישן דייטשלאַנד און פּוילן, וווהין די היטלעריסטן האָבן אַרויסגעטריבן די יידן פון דייטשלאַנד, און די פּאָליאַקן האָבן זיי אַ שטיק צייט נישט גע־לאָזן אַריינקומען אין לאַנד, פון וואַנען זיי שטאַמען. דעם ברודערס שוואָ־גער, וועלכער האָט שוין געלעבט אין דייטשלאַנד, האָט קיין וואָרט פּויליש נישט געקענט.

די גרעסטע טייל יידן, פּליטים, האָבן זיך באַזעצט אין גאַליציע, ווייל דאָ, אין אונזערע קאַנטן, האָבן זיי זיך גיכער געקאָנט פאַרשטענדיקן מיט יידן וואָס האָבן צוביסלעך געקענט דייטש נאָך פון פראַנץ יאָזעפס צייטן.

די לאַגע האָט זיך פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה פאַרערגערט. מ'האָט געהערט, אַז אויף געוויסע פּונקטן האָט נאָך דאָס פּוילישע מילי־טער, אין כאַאָטישן צוריקצוג, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די דייטשן. אָבער אין אַלגעמיין איז די לאַגע געווען האָפענונגסלאָז. דער כאַאָס אויף די וועגן, וואָס האָבן געפירט צו דער רומענישער גרענעץ, איז געווען אין לשער. דאָרט איז געווען אַ געדיכטער קעסל־אַרומרינגלונג, פון אַלע זייטן. איב־

צווישן איז אויך אונטערגעקומען דאָס סאָוויעטישע מיליטער און פאַרהאַלטן דעם צוריקטריט פון דער פוילישער אַרמיי. זיי האָבן פאַרכאַפּט אַלע פונקטן, אַלע סטראַטעגישע פּאָזיציעס, האָבן צוגענומען אַלע רעזערוון, דאָס גאַנצע געווער און אַמוניציע. אין דער שטאָט גופא איז געווען אַן אויסגעשטאָרבענע שטילקייט. ביז עס האָבן זיך אַריינגעריסן די שווערע לאַסט־אויטאָס און די טאַנקן פון דער רויטער אַרמיי. צווישן זיי האָבן מיר באַלד דערקענט פיל יידן, וואָס האָבן גערעדט מאַמע־לשון. מען קאָן זיך נישט פאָרשטעלן די פרייד פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג — וואָס הייסט, דער ראַטנפאַרבאַנד קומט צוהילף פוילן! אין די הימלען זענען מער נישט געפלויגן קיין דייטשע „שטוקאַס", נאָר רוסישע אַוויאָנען, שפּאָגל־נייע, וואָס האָבן געמאַכט אין דער לופט פאַרשידענע אַקראָבאַ־טישע מאַנעווערס. אַלע האָבן געזאָגט, אַז נאָר זיי, די רויטע אַרמיי, איז בכוח צו שטעלן אַ ריכטיקן ווידערשטאַנד דער דייטשער אינוואַזיע.

נאָך די ערשטע קאָלאָנעס סאָוויעטיש מיליטער, זענען אונטערגעקומען הונדערטער אויטאָס, טויזנטער וועגעלעך מיט פערד־און־וואָגן. זיי זענען געפאָרן אָן אויפהער, בייטאָג און ביינאַכט. ס'איז גלייך געווען אויפּ־פאַלנד — וואָס רוסלאַנד האָט געשיקט צוהילף דער פוילישער אַרמיי אַזויפיל טויזנטער וואָגנס, מיט סאָוויעטישער באַוואָפענונג.

אין דער גאַנצער סיטואַציע איז געווען אַ קאָנטראַסט — די פּויליר־שע אַרמיי, אַ צעשלאָגענע, אַנטלויפט פאַר די דייטשן אין אויטאָס, אין טאַנקן און דאָס סאָוויעטישע מיליטער קומט זיי העלפן מיט פערד־און־וועגעלעך. די פּוילישע אַרמיי אַנטלויפט אין איין ריכטונג און די רויטע אַרמיי גייט פאָראויס אין דער אומגעקערטער ריכטונג. עפּעס איז דאָ נישט קלאָר געווען. מען האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז מיט די פערד־און־וועגעלעך קאָן מען די שטאַרקע דייטשע אַרמיי נישט באַקעמפן.

אַזוי ווי די רומענישע גרענעץ איז געווען פאַרמאַכט, באַוואַכט פון די רויט־אַרמייער, האָבן מיר באַשלאָסן איבערצולאָזן אַ טייל עסנוואַרג, אין קאָנסערוון, אונזערע באַקאַנטע, און מיטן אויטאָ וועלן מיר אַלע אומ־קערן זיך צוריק, צוערשט קיין לעמבערג, אויב מיר וועלן קאָנען, און דערנאָך — קיין פּשעמישל. אונזער וועג האָט איצט געפירט צוזאַמען מיט די עשאַלאָנען פון דער רויטער אַרמיי, צוריק קיין מערב. די וועגן זענען אָבער ווידער געווען פאַרשטאָפּט מיט ציווילע פּוסגייער, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט ווי מיר צו זייערע היימען, פונוואַנען זיי זענען צוערשט

געהאַט אַנטלאָפן. נאָך עטלעכע טעג שלעפּן זיך אויף די וועגן, זענען מיר צוריק אָנגעקומען אין אונזער היימשטאָט.

אויף אַלע קרייץ־וועגן זענען שוין געשטאַנען שטרענגע קאָנטראָלן פון רוסישן מיליטער, נאָכגעקוקט די פּאַפּירן. אַזוי ווי מיר האָבן לייכט אויפגעוויזן, אַז מיר זענען פּשעמישלער, האָט מען אונז דורכגעלאָזן. מיר האָבן שוין די שטאָט כמעט נישט דערקענט. די דייטשן האָבן פּשעמישל שטאַרק באָמבאַרדירט, פיל געביידעס זענען געשטאַנען ווי אויסגעברענטע סקעלעטן.

אַזוי איז די שטאָט פּשעמישל צעטיילט געוואָרן אין צווייען, פון איין זייט טייך סאַן — די סאָוויעטישע אַרמיי, פון דער מערב־זייט — די דייטשע אַרמיי. און דער שיינער טייך אונזערער איז זיך ווייטער בנעימות־דיק געפלאָסן, גלייך ווי ס'וואָלט אויף דער וועלט גאָרנישט פאָרגעקומען.

די ערשטע טרויעריקע ידיעה, וואָס האָט אונז באַגעגנט, ווען מיר זענען צוריקגעקומען, איז געווען, אַז די דייטשן, וואָס האָבן פריער געהאַט פאַרנומען די גאַנצע שטאָט, האָבן דערשאָסן זעקס הונדערט און פערציק יידן, די שענסטע בעלי־בתים. דאָס איז געווען זייער ערשטער „ברוך הבא״ אין אַ געדיכטער יידישער שטאָט, אויף זייער וועג אומצוברענגען אונזער פאָלק. די דייטשן זענען, אין זייער גיכן פאַראויסמאַרש, דערגאַנגען כמעט ביז לעמבערג, אָבער לויט די אָפּמאַכן מיט די סאָוויעטן, האָבן זיי זיך דערנאָך געמוזט צוריקציען. דערוויילי אָבער האָבן זיי איבעראַל געמאָרדעט יידן. דאָס זענען געווען די ערשטע קרבנות, חוץ די אומגעקומענע פון די באָמבאַרדירונגען.

מיר האָבן געציטערט וועגן גורל פון אונזערע עלטערן. אין דער היים האָבן מיר געטראָפן די גאַנצע משפחה בשלום. זייער פרייד אונז צוריק־צוזען איז געווען זייער גרויס, דער עיקר, ווען זיי האָבן אונז דערזען צו־זאַמען מיטן עלטערן ברודער. מיין פאָטער האָט זיך געראַטעוועט אין דער גרויסער שחיטה. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין טואַלעט. די דייטשן זענען געקומען אים זוכן. זיי האָבן געהאַט מיט זיך אַ גענויע ליסטע פון אַלע בעלי־בתים.

אין שטאָט איז שוין געווען אַביסל רואיקער. דער ראַדיאָ אין דער רוסישער שפּראַך האָט איצט געליאַרעמט קעגן דער פּוילישער מיליטערי־שער קליקע, קעגן פּוילישן קריגס־מיניסטער רידז־שמיגלי. כאָטש זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען געקומען העלפן דעם פּוילישן פאָלק קעגן

דער אינוואַזיע, קעגן דער עקספּלואַטאַציע פון פאָלק. די סאָוויעטישע סאָלדאַטן האָבן פאַרפלייצט די שטאָט.

די שטאָט איז פול געווען מיט פּליטים פון יענער זייט סאַן, פון מערב־גאַליציע, פון די געגנטן אַרום קראָקע, ניי־סאַנטש. די דעמאַרקאַציע־ליניע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אונזער שטאָט. פון יענער זייט סאַן, וואָס איז געבליבן אין די דייטשישע הענט, זענען יידן מאַסנווייז געקומען אַנצולויפן אויף דער סאָוויעטישער זייט. פון ד ע ר זייט ווידער זענען פּוילישע, אוקראַינישע משפחות, ווי אויך סאָלדאַטן, אַריבער די בריק, צו די דייטשן. עס איז געווען אַ מין נאַטירלעכער עטנישער באַפעלקערונג־אויסטויש. פון איין זייט — אַ יידישע שטאָט באַזעצט פון די סאָוויעטן. פון דער צווייטער זייט אַ נישט־יידישע שטאָט, באַהערשט פון די דייטשן. אין אונזער טייל שטאָט איז געווען אַן ענגשאַפט, אין לשער. פיל האָבן נאָך געוואַרט אויף זייערע משפחות פון יענער זייט, כדי צוזאַמען ווייטער לויפן טיפער צו מזרח. דאָרט, אויף יענער זייט, איז געווען געראַנגל. זיי האָבן פאַרכאַפּט די מערסטע יידישע דירות און געשעפטן. דאָרט זענען כמעט נישט געווען קיין צעשטערטע הייזער, ווי די דייטשן וואָלטן אומישנע צעקלאַפּט דעם מזרחדיקן טייל פּשעמישל, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן די סאָוויעטן.

דאָס דערמאָנט אונז היינט אין דער צעטיילטער שטאָט בערלין, אָבער נישט מיט קיין וואַנט צעטיילט, נאָר אָפּגעטיילט האָט אונדז דער ברייטער טייך סאַן, די שטאָט, וואָס איז אָרגאַניש געווען פאַרבונדן, איז איצט געווען צעטיילט אין צוויי וועלטן, צוויי זיך באַקעמפנדיקע סאָציאַלע און אידייאישע סיסטעמען.

ס'איז געווען אויף אונזער זייט אַ גרויסע בהלה, אַן ענגשאַפט, און קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען — בלייבן אין שטאָט און וואַרטן, אָדער גיין ווייטער, קיין לעמבערג, אין טיף רוסלאַנד? דערצו זענען נאָך אָנגעקומען אַלאַרמירנדיקע בריוו, פון יענער זייט, פון ריישע, פון טאַרנע צו זייערע מענער. זיי האָבן געשריבן, מען זאָל צוריקקומען, דערווייל לאָזט מען זיי לעבן און אַרבעטן. דאָרט זענען פרויען און קינדער מערסטנס געבליבן אָן די פּרנסה־געבערס, און דאָ האָבן זיך די מענער געוואָלגערט, נישט געהאַט וווּ איבערצונעכטיקן. קיין אַרבעט איז נישט געווען. ווייל צו באַקומען אַרבעט האָט מען געמוזט האָבן אַ לאָקאַלן אויסווייז, אַז מען איז אַן אָרטיקער. און זיי קאָנען דאָך נישט לעבן דאָ ווי איינגעבעטענע געסט, אָדער אַרומדרייען זיך גאַנצע טעג אויף די גאַסן.

דערווייל האָבן זיך אָנגערוקט די האַרבסטיקע קעלטן, רעגנס. אין דער שטאָט זענען געווען עטלעכע רעסטאָראַנען. דאָרט איז געווען וואַ־רעם. ווען איינער איז אַרויס פון דאָרט, האָט מען אים געפרעגט: וואָס איז נישט פאַראַן צו עסן אין רעסטאָראַן? האָט מען זיי, למשל, געענט־פערט — גוליאַש. זענען זיי אַריין אינעווייניק, באַזעצט די טישן און זיך דערווייל דערוואַרעמט, ביז די באַדינער זענען געקומען זיי פרעגן, וואָס זיי פאַרלאַנגען. האָבן זיי אַלע פאַרלאַנגט גוליאַש, אָדער עפּעס אַנדערש, וואָס איז גראָד נישט געווען. דערווייל זענען זיי דאָ אָפּגעזעסן אַ האַלבע שעה, אַ שעה און דערנאָך אַוועק אין אַ צווייטן רעסטאָראַן, נאָכפרעגן זיך אויף מאכלים, וואָס זענען גראָד נישט געווען.

די דייטשע און סאָוויעטישע אַדמיניסטראַציע האָבן זיך פאַרשטענ־דיקט, אַז יעדער פליכטלינג, וואָס וויל זיך פאַרבינדן מיט זייערע מש־פחות פון דער דייטשער זייט, דאַרף קומען אין קאָנסולאַט, וואָס די דייטשן האָבן געעפנט אויף דער סאָוויעטישער זייט, אַרויסנעמען די געהעריקע פּאַ־פּירן, כדי צו קאָנען דורכגיין די דעמאַרקאַציע־ליניע. פיל פון די פּליטים האָבן זיך נאָך געוואַקלט, נישט געוווסט וואָס צו טאָן. אָבער זעענדיק זיי־ער אויסזיכטלאָזע לאַגע, האָבן דאָך אַ טייל באַשלאָסן צו גיין אין דייטשן קאָנסולאַט, צו פאַרלאַנגען אַזאַ דורכפאָר־שיין. כאָטש זיי האָבן גוט גע־וווסט, אַז זיי ריזיקירן מיט זייער לעבן. אָבער די פאַרצווייפלטע רופן פון זייערע משפחות, און זייער איינזאַמקייט אויף דער סאָוויעטישער זייט, האָט זיי באַוויגן צו באַגיין דעם אומפאַרזיכטיקן שריט.

מען האָט איצט געזען הונדערטער מענער שטיין אין דער רייע, אין די גרויסע קעלטן, ביים דייטשן קאָנסולאַט, כדי צו פאַרלאַנגען אַ דורכפאָר־שיין. שוין דעמאָלט האָבן אייניקע לינקע געשריגן, אַז יידן לויפן אַריבער צו די דייטשע פאַשיסטן. מ׳האָט אָבער געדאַרפט פאַרשטיין די פאַרצווייפל־טע לאַגע פון אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן געלאָזן אויף הפקר זייערע פרויען און קינדער. צי דאַרף מען דען וואַרפן שטיינער אויף פאַרצווייפלטע מענטשן? ווייל ס׳איז אויך געווען אַ פראַגע פון געוויסן. איך האָב גע־קענט זייער טרויעריקע לאַגע און וועל זיין דער לעצטער צו וואַרפן שטיי־נער אויף זיי.

אַזוי האָבן יידן אויסגעוויילט, אַנשטאָט פרייהייט — אומצוקערן זיך צו זייערע משפחות. זיי זענען אַריבער די סאָוויעטיש־דייטשע גרענעץ, צום געטאָ, צו די אַרבעטס־לאַגערן. ס׳איז געווען די משפחה־סאָלידאַרי־טעט; ווי שטייט אין פּרק: אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו. זאָלסט

נישט משפּטן דיין חבר, ביז ווּעסט זיך נישט געפינען אין זיין לאַגע. איינער פון די בונדישע טוער, לייביש שוועיבל, וואָס האָט געקאָנט בלייבן אין פּשעמישל, צוזאַמען מיט זיין ברודער שמעון, איז אָבער אַוועק מיט זיין מוטער, זיין פרוי און קינד, קיין בעלזשעץ, צו פאַרניכטונג. אויך זיין ברודער איז מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער געגאַנגען צום טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ.

די רעגיסטראַציע פון די פּליטים, אומצוקערן זיך צו די דייטשן, האָט זיך אָבער שנעל פאַרענדיקט. די סאָוויעטישע אַדמיניסטראַציע האָט פאַר־אָרדנט, אַז די אַלע פּליטים, אָן פּאַספּאָרטן, מוזן קומען צו דער מיליץ, כדי צו רעגולירן זייער אויפנטהאַלט אין פּשעמישל. פיל הונדערטער האָבן זיך פאַרשריבן, באַקומען פּאַספּאָרטן, באַקומען אַרבעט. ביי די סאָוויעטן מוז יעדער איינער אויפוויזן, אַז ער איז ערגעץ ווו באַשעפטיקט.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, זענען זייגער צוויי ביינאַכט סאָוויע־טישע סאָלדאַטן און מיליץ געגאַנגען פון איין הויז צום אַנדערן, ווו די פּליטים האָבן זיך אויפגעהאַלטן, געגעבן זיי אַ האַלבע שעה צוצוגרייטן זיך, אָנטאָן די קינדער, און אַלע זענען זיי אַוועקגעפירט געוואָרן צו די צוגעגרייטע אָפענע וואַגאָנען, אַוועקגעפירט צו ווערן, אין טיף רוסלאַנד. וווהין — האָט מען נאָך נישט געוווּסט. זיי האָבן דערביי נישט געמאַכט קיין אונטערשייד, צי איינער האָט יאָ אַרבעטס־פּאַפּירן, אָדער נישט. ס'איז גענוג געווען, אַז ער איז נישט קיין אָרטיקער. אין די וואַגאָנען איז געווען אַ שרעקלעכע שטיקעניש. מען האָט נישט צוגעלאָזט צו זיי קיין עסן און געטראַנק. אין משך פון עטלעכע טעג האָט די מיליץ אויסגערייניקט די שטאָט פון די פּליטים, וואָס זענען זיך אַנגעלאָפן מיטן מלחמה־אויסברוך. עטלעכע טעג זענען זיי דאָרט געווען אַנגעפּאַקט איינער אויפן צווייטן, ביז דער צוג האָט געריַרט איבער די ווייטע רוסישע שטרעקעס, אויפן וועג קיין סיביר.

דעפּאָרטירט האָט מען דעמאָלט פון אונזער שטאָט אַרום טויזנט צוויי הונדערט יידן. טייל פון זיי האָבן דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום און האָבן פּאַרט אָפּגעראַטעוועט דאָס נאַקעטע לעבן זייערס; פיל זענען געשטאָרבן אין די קאַלטע צפונדיקע לאַגערן, פון הונגער, פון שווערע האָרעוואַניע. אַ פאַקט איז, אַז די רעשטלעך זענען לעבן געבליבן, נאָר צוליב דעם וואָס זיי האָבן געהאַט דאָס „גליק" דעפּאָרטירט צו ווערן. דאָס איז ווייט פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון די קאָמוניסטישע צייטונגען, אַז

די סאָוויעטישע אַדמיניסטראַציע האָט קודם עוואַקואירט די יידישע באַ־פעלקערונג און אויסגעמיטן זייער אומקום ביי די נאַציס.

נאָכן אַוועקשיקן די פליטים, האָט זיך דאָס עקאָנאָמישע און אַדמיני־סטראַטיווע לעבן אין פשעמישל אָנגעהויבן אַביסל צו נאָרמאַליזירן. באַקו־מען אַ שטיקל ברויט האָט מען שוין נישט באַדאַרפט אויפשטיין דריי אַזיי־גער ביינאַכט, שטיין אין „אָטשערעד", ביז 8 אָדער 9 אַזייגער, כאָטש ברויט האָט תמיד אויסגעפעלט. איבערהויפּט האָט אויסגעפעלט צוקער, און ווען עס איז אָנגעקומען צוקער, האָבן נאָר די ערשטע פון „אָטשערעד" באַוויזן אַריינצוכאַפּן אַביסל. ערגער איז געווען מיט מלבושים, גאַלאַנטעריע־זאַכן. די אַרטיקלען האָט מען איבערהויפּט נישט באַקומען. איינמאָל זענען אָנ־געקומען עטלעכע וואַגאָנען זאָקן, נאָר אין צוויי קאָלירן, רויטע און גרינע. מיט איינמאָל זענען אַלע איינוווינער פון שטאָט געגאַנגען אין רויטע, אָדער גרינע זאָקן. אָבער אין דער צייטונג האָט זיך געשריבן, אַז נאָך קיינמאָל איז די פשעמישלער באַפעלקערונג נישט געווען אַזוי גליקלעך און צו־פרידן, ווי אונטער דער סאָוויעטישער אָרדענונג, און אַז די באַפעלקערונג האָט אין איר פּראָדוקציע איבערגעשטיגן דאָפּלט און דרייפאַכיק די נאָרמע פון פאַר דער מלחמה.

אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מען אָנגעוויזן אויף אַ פאַבריק, וואָס האָט פריער געהערט צו קלאַגסבאַלד; די פאַבריק האָט אויסגעאַרבעט ניי־מאַ־שינען פון אַן עסטרייכישער קאָנצעסיע, „ראָסט און גאָסער". אין דער פאַבריק האָבן פריער געאַרבעט 150 מענטשן. זיי האָבן פּראָדוצירט 50 ניי־מאַשינען אַ וואָך. אָבער אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט האָבן שוין דאָרט געאַרבעט איבער 300 אַרבעטער, און זיי האָבן אפילו נישט אויסגעפערטיקט קיין 25 מאַשינען. אָבער אין דער אַרטיקער פשעמישלער צייטונג זענען זיי געריימט געוואָרן ווי ש ל אָ ג ל ע ר, אַז זיי האָבן אי־בערגעשטיגן די נאָרמע פון פאַר דער מלחמה מיט 100 פּראָצענט . . . אַזוי האָבן מיר שוין דעמאָלט דערזען, וואָס הייסט פוסטע, ליגנערישע פּראָפּאַגאַנדע.

כמעט אַלע יידישע געשעפטן זענען נאַציאָנאַליזירט געוואָרן, כאָטש פיל בעלי־מלאכות האָבן נאָך געאַרבעט פּריוואַט. נאָר די שטייערן, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף זיי, זענען געווען זייער גרויסע. מ'האָט נאָך אָבער אַלץ געקאָנט אויסהאַלטן. אויף דער הויפּט־גאַס, אויף דער פראַנ־ציסקאַנער, איז געווען אַ גרויס שטאָף־געשעפט, מיט עטלעכע אָנגעשטעל־

טע. דאָס געשעפט האָט געהערט צו אַן אוקראַינער און איז נישט נאַציאָנאַליזירט געוואָרן, און נאָך פיל אַנדערע, נישט־יידישע געשעפטן.

די גאַנצע דעה־זאָגער ביי די סאָוויעטן זענען געוואָרן די נעכטיקע אוקראַינישע שאָוויניסטן. זיי האָבן איצט רעגירט אין דער שטאָט. האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, ז י י ע ר ע געשעפטן נישט אָנגערירט. אויך האָט די סאָוויעטישע אַדמיניסטראַציע נישט געוואָלט מיט זיי איינרייסן. דאַקעגן איז דאָס נאַציאָנאַליזירן די יידישע געשעפטן און אונטערנעמונגען, געווען פאַרבונדן מיט אַדמיניסטראַטיווע שווערע קאָנסעקווענצן פאַר די פריערדיקע בעלי־בתים. זיי אַלע זענען געוואָרן באַצייכנט דורך די סאָוויעטן ווי בורזשואַזע, עקספּלואַטירנדיקע עלעמענטן. אַלס אַזעלכע, האָט מען זיי טאָקע מיט אַ קורצער צייט שפּעטער אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר.

אַ יידישער הערינג־סוחר האָט צופעליק געהאַט אַן אָנגעשטעלטן, אַ קאָמוניסט. האָט מען זיין געשעפט צוגענומען און דעם בעל־הבית מיט דער גאַנצער משפחה פאַרשיקט. עס איז געהאַנגען אַ שרעק, אַ פחד איבער די דאָזיקע יידן, ווען זיי האָבן אַמאָל געהאַט עטלעכע אָנגעשטעלטע ביי זיך. מען האָט זיך געשראָקן פאַר מסירות, איינער האָט מורא געהאַט פאַר דעם צווייטן. די שרעק איז איצט דער עיקר געווען פאַר די יידישע קאָמוניסטן. פאַר זיי האָט מען מורא געהאַט ווי פאַר פייער. זיי זענען געווען אַן שום סקרופּולן.

אין איינעם אַ פרימאָרגן קומט אַריין צו מיין פאָטער אין ווערקשטאַט אַ גאַנצע קאָמיסיע, צוזאַמען מיט עטלעכע מיליציאָנערן. זיי באַקוקן אַלע מאַשינען און באַשליסן גלייך אויפן אָרט צו פאַרמאַכן די אונטערנעמונג. מיין פאָטער האָט אויסגעאַרבעט קני־רערן צו אויזוגס. אַלע האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס אָרט, און זיי האָבן איבערגענומען די שליסלען. אין שטוב ביי אונז האָט מען זיך געשראָקן, נישט אַזוי צוליבן רעקווירירן אונזער ווערקשטאַט, נאָר — מען קאָן אונז נאָך אַלע פאַרשיקן קיין סיביר. נישט נאָר אונז, נאָר אויך מיין אַלטע באָבע פון איבער הונדערט יאָר, מיין ברודערס קליין יינגעלע פון צוויי יאָר. די סאָוועטישע מענטשן האָבן דער עיקר אויסגעקוקט צו פאַרכאַפּן אַ דירה, ווייל ס'איז שוין אין שטאָט געווען אַ מאַנגל אין וווינונגען.

פאַר דער מלחמה בין איך געווען סעקרעטאַר אין די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און האָב געקענט די אָרטיקע קאָמוניסטישע טוער. איך בין גלייך געלאָפן צו זיי. זיי האָבן אונז געראָטן צו גיין צום סאָ־

וויעטישן קאָמיסאַר, וועלכער דיריגירט מיט אַלע נאַציאָנאַליזירטע אונ־טערנעמונגען. נאָך עטלעכע טעג אונטערהאַנדלען, אָפּשטעקן אַ סך שוחד־געלט — ווייל אָפּקויפן מיט סחורה האָט מען געקאָנט פון קלענסטן אָנגעשטעלטן ביזן הויפּט־שעף — האָט מען אונז אומגעקערט אַ העלפט פון דער אויסגעפּאַרטיקטער סחורה, די העלפט פון רוי־מאַטעריאַל. דאָס איבעריקע האָט מען געמוזט איינטיילן אין דרייען. דאָס הייסט, מיין פאָ־טער איז געבליבן אין ווערקשטאָט און מיינע צוויי ברידער האָבן געמוזט עפענען באַזונדערע ווערקשטאָטן. נאָר אַזוי האָבן מיר געקאָנט אויסמיידן דעפּאָרטירט צו ווערן פון אונזער שטאָט.

יעדער האָט געמוזט אַרבעטן, און ביי אַ קאָנטראָלע, וואָס איז אָפט פאָרגעקומען, האָט יעדער איינער געמוזט באַווייזן, אַז ער איז באַשעפ־טיקט. דאָס איז געווען אַ נייע געלעגנהייט צו נעמען כאַבאַר.

אין יעדן געשעפט, אין יעדער אונטערנעמונג האָבן זיך אַזוי אַרום פאַרדאָפּלט די צאָל אָנגעשטעלטע, כאָטש מען האָט גאָר אַזויפיל נישט באַדאַרפט צו האָבן — אָרדענונג־היטער, סעקרעטאַרן, בוכהאַלטערס, אויבער־ און אונטער־בוכהאַלטערס. זיי האָבן כמעט גאָרנישט פאַרדינט, אָבער אַלע האָבן זיי געמוזט אויפווייזן, אַז זיי אַרבעטן.

דער שוואַרצער מאַרק האָט געבליט. מען האָט דאָך געמוזט פון עפּעס לעבן. צוקער, מלבושים, שיך איז נישט מער געווען מעגלעך צו באַקומען אין די געשעפטן, אָבער אויפן שוואַרצן מאַרק האָט מען אַלץ באַקומען פאַר אויפגעשרויפטע פרייזן. אין די פוילישע צייטן האָט מען גאָרנישט געוווּסט פון קיין שוואַרצן מאַרק.

דאָס צווייטע, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, איז געווען דאָס, וואָס פרויען האָבן געמוזט אויספירן די זעלבע שווערע אַרבעט ווי מענער. אויך פריער האָבן פרויען געאַרבעט, אַלס האַנדלס־אָנגעשטעלטע, ביוראָליסטקעס, האָבן צוגעהאָלפן די מענער, אָבער נישט — ביי שוואַרצע אַרבעט, אין די פאַבריקן, ביים הייבן שווערע משאות. אַזאַ „גלייכבאַרעכטיקונג" פון דער פרוי האָט באַוויזן די ברוטאַלקייט פון רעזשים.

אין די קאַרגע צוויי יאָר, וואָס די סאָוויעטן זענען געווען אין פּשע־מישל, איז די גאַנצע עקאָנאָמיע, די פּראָדוקציע, דער האַנדל געפאַלן אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ. אַלץ האָט אויסגעפעלט. פיל האָבן געזאָגט, אַז — ס'איז מלחמה. אָבער אין ראַטנפאַרבאַנד האָט מען די מלחמה נישט געפילט , ביז יוני 1941. פאַרוואָס האָבן די זעלבע אַרטיקלען אויך אויס־געפעלט אין לעמבערג און אין קיעוו ? מען האָט געמוזט נאָך יעדער זאַך

שטיין אין לאַנגע רייען, ווייל עס האָט געפעלט די פּריוואַט־איניציאַטיוו, און די צוואַנגס־ווירטשאַפט קאָן עס נישט רעאַליזירן.

פיל האָבן זיך געפרעגט: אין וואָס באַשטייט דען די ענדערונג, נאָר אין אַוועקנעמען ביי יידן זייערע געשעפטן, און ענדערן די נעמען פון די פּראָדוקטאָרן? אַנשטאָט קלאַגסבאַלד הייסט ער ראָמאַנאָוו. מען זעט דאָך, אַז די עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטער עקזיסטירט מער אין די סאָציאַ־ליסטישע לענדער. עס שאַפט זיך אַ נייער קלאַס, אַ פירנדיקער קלאַס פון דירעקטאָרן־פּאָליטרוקן, פּאַרטיי־טוער, אָנפירער פון דער אַדמיניסטראַציע, פון דער מיליץ. זיי אַלע געהערן צום פּריווילעגירטן קלאַס. זיי אונטער־דריקן און הערשן איבער דער אומבאַהאָלפענער באַפעלקערונג. ביי אַזאַ סיטואַציע גיט דער אַרבעטער אַרויס ווייניק פּראָדוקציע, פאַרקלענערט מיט מער ווי 50 פּראָצענט.

ס'איז נישט אין מיין טענדענץ צו גלאָריפיצירן דעם קאַפּיטאַליזם, אַרונטערצורייסן דעם קאָמוניזם. אָבער אַ פאַקט איז, אַז די אַרבעטער האָבן נישט געהאַט קיין שום מוט און חשק צו אַרבעטן פאַר אַ לוין, פון וועלכן זיי האָבן סיי ווי נישט געקאָנט לעבן. דאַקעגן די קליינע פּריוואַטע וואַרשטאַטן האָבן געאַרבעט מיט דערפאָלג, און זיי האָבן טאַקע פאַרדינט.

אין גיכן האָט די סאָוויעטישע אַדמיניסטראַציע דורכגעפירט וואַלן. מיר זענען שוין דעמאָלט אַלע געווען סאָוויעטיש־אוקראַינישע בירגער. די זלאָטעס האָבן געמוזט געטוישט ווערן אויף רובלס. פאַר די פּוילישע צייטן איז אַ זלאָטע געווען אַ מטבע, מען האָט עפּעס געקאָנט איינקויפן דערפאַר, אָבער דער רובל האָט געהאַט אַ פינפטל די ווערט, און די פאַר־אָרדענונג איז געווען — אַ רובל פאַר אַ זלאָטע. און מען האָט זיך געמוזט צואיילן מיטן אויסטוישן, ווייל דערנאָך איז די זלאָטע גאָרנישט ווערט געווען. די צווייטע פאַזע איז געווען — דאָס שאַפן הויז־קאָמיטעטן. דאָס הייסט, אין יעדן הויז, אָדער צוויי הייזער, זענען געווען קאָמיטעטן, און אין פיל פאַלן איז אַ קאָמוניסט געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער. זיי האָבן געמוזט צושטעלן אַ ליסטע פון אַלע איינוווינער — וואָס זיי טוען, ווו זיי אַרבעטן, וואָס זיי האָבן געטאָן פאַר דער מלחמה, צו וועלכער פּאָליטישער פּאַרטיי זיי האָבן געהערט, ווי אַזוי איז זייער שטעלונג צו דער סאָוויעטן־מאַכט, און נאָך אַנדערע פראַגן. דער פאַראַנטוואָרטלעכער האָט געמוזט יעדע צוויי וואָכן אָפּגעבן אַ באַריכט דער אַדמיניסטראַציע.

אַן אומרו און אַ שרעק איז באַפאַלן אַלעמען. מען איז גאָרנישט גע־ווען צוגעוווינט צו אַזאַ סיסטעם פון דענונציאַציע, מורא האָבן איינער

פאַרן אַנדערן. מען האָט זיך שוין אַצינד געהיטן צו רעדן וועגן פּאָליטיק. אַנגעטון איז יעדער געגאַנגען אײנפאַך. נישט אַרויסצורופן קיין פאַר־דאַכט, מען זאָל אים נישט פרעגן : ווו ער האָט גענומען געלט שיין אָנ־צוטון זיך ?

גראָד פאַר דער מלחמה האָבן אונזערע עלטערן געמאַכט נײַע פּור־טער־מאַנטלען. מײַנע ברידער האָבן זיי גאָרנישט אָנגעטאָן. אין אַ שבת־דיקן טאָג, ווען ס'איז געווען זייער קאַלט, האָב איך אײנמאָל אָנגעטאָן דעם מאַנטל און אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. איך האָב זיך געשלײַכט, גלײַך ווי כ'וואָלט דעם מאַנטל געווען האָבן געגנבעט. איך בין גלײַך אַהיימגע־גאַנגען, אים צוריק אויסגעטאָן און מער קײנמאָל נישט באַוויזן זיך אין גאַס מיטן מאַנטל.

די הויז־קאָמיטעטן, ווי געזאָגט, האָבן צוגעטײלט אַלע אײַנוווינער אויס־צופילן צירקולאַרן מיט פאַרשיידענע אָנפראַגן; און צווישן זיי — צי מען האָט פריער געהערט צו אַ פּאָליטישער פּאַרטיי ? צו וועלכער פּאַרטיי ? ווו מען אַרבעט ? ווי זענען די אַרבעט־באַדינגונגען ? צי האָט מען קרו־בים אין אויסלאַנד ? אויף דער לעצטער פראַגע, האָבן כמעט אַלע געענט־פערט — ניין. מען האָט סײַ ווי נישט געקאָנט שרײַבן קיין אויסלאַנד, נישט באַקומען קיין בריוו. מײַן פאָטער האָט געהאַט צוויי ברידער אין אַמעריקע, מײַן מוטער האָט געהאַט צוויי שוועסטער אין אַמעריקע, איין ברודער אין ווין, איינעם אין אַרגענטינע, ווו ער לעבט ביזן הײַנטיקן טאָג אין בוענאָס אײַרעס. מײַן באָבע האָט געהאַט פיר קינדער אין אויסלאַנד. אָבער אַלע האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן קיין שום משפחה נישט אין אויסלאַנד.

די פערטע פאַזע זענען געווען די וואַלן. מיט עטלעכע וואָכן פריער האָט מען זיי פּראָקלאַמירט, צעטײלט פלוג־בלעטלעך מיט די פּאָטאָס פון אַלע קאַנדידאַטן, מיטן פּראָגראַם, וועלכן זיי וועלן אויספירן. דאָס זענען געווען קאַנטאָנאַלע וואַלן. עטלעכע טעג פאַר די וואַלן זענען די מיטגלידער פון די הויז־קאָמיטעטן, מיט זייערע פאַרשטייער בראש, געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, אינפאָרמירן אַלעמען, אַז יעדער בירגער ד אַ ר ף און מוז גיין שטימען. ס'איז אָבער נישט געווען קיין וואַל־קאַמף, ווי מ'איז געוווינט געווען אין די פּוילישע צײַטן. ווײַל תמיד זענען געווען עטלעכע ליסטעס פון פאַרשיידענע פּאַרטייען, גרופּירונגען און יעדער האָט געשטימט לויט זײַן פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט, אָדער לויט זײַן פאַראינטערעסירונג.

ביי די סאָוויעטן איז אָבער דאָ נאָר איין פּאַרטיי, די קאָמוניסטישע, אָדער אומאָפּהענגיקע, ווי זיי רופן עס. ס'איז די זעלבע יענטע, נאָר אַנ־

דערש געשלייערט. די פּאַרטיי שטעלט נאָר אַרויס איין ליסטע, אויסצו־ווילן, נישטאָ קיין אָפּאָזיציע. מיט איין מאָל זענען פאַרשוווּנדן אַלע אי־דעאָלאָגישע דיסקוסיעס, די שטרייטן, די געשלעגן צווישן ציוניסטן, בונ־דיסטן, קאָמוניסטן, פאַרשוווּנדן, דאָס גאַנצע אָרגאַניזאַציאָנעלע לעבן, מיט אַלע זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, פון פאַרשיידענע ריכטונגען, פאַרשיי־דענע טענדענצן. פריער האָט יעדן אָוונט די שטאָט געלעבט אין יוגנט־לעכן רויש, מיטגעלעבט דאָס גאַנצע שיינע, פּראָדוקטיווע גייסטיקע לעבן פון אַ יוגנט, וואָס האָט געשטרעבט אויסצובעסערן די וועלט. אָבער ביי די סאָוויעטן האָבן אַלע ערשט דערזען און דערשפּירט, וואָס דאָס הייסט דאָס פעלן פון אַביסל פרייהייט, דעמאָקראַטיע. אמת, עטלעכע מאָל אין דער וואָך זענען אין די גרעסטע זאַלן פון פשעמישל פאַרגעקומען אין די אָוונטן טאַנץ־בעלער. דאָס האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרטרעטן דאָס גייסטיקע אויסלעבן זיך.

אין טאָג פון די וואַלן האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכע פון די הויז־קאָמיטעטן שוין גאַנץ פרי בעזוכט די איינוווינער און זיי העפלעך איינ־געלאַדן צו גיין שטימען. ס'איז געווען אָבליגאַטאָריש. נישט וועלן שטימען האָט גלייך אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט. דערפון קאָן מען פאַרשטיין, אַז די אָפיציעלע ליסטע (און קיין אַנדערע איז נישט געווען) האָט אָנגע־צויגן ביי די וואַלן ביז 99 פּראָצענט שטימען, און אפשר די גאַנצע 100 פּראָצענט. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע וואַלן זענען נישט מער ווי אַ קאָמע־דיע, דריקן נישט אויס די מיינונג פון דער באַפעלקערונג; אָבער די פאַר־לוירענע ענערגיע, די קאָסטן, מוזן געדעקט ווערן דורך די אַרבעטס־מענטשן. אמת, די וואַלן ווערן באַגלייט מיט מוזיק, ביי יעדן איינגאַנג צו די וואַל־ביוראָען.

אַזוי ווי מיין באָבע איז אַלט געווען איבער הונדערט יאָר, האָבן די וואַל־קאָמיטעט־לייט געוואָלט קומען מיט אַ בריטשקע, אַ פערד און וועגעלע, און פירן זי צו דער וואַל־אורנע. אָבער די באָבע האָט נישט געוואָלט פאָרן. זי איז אַליין געגאַנגען, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקעלע, געפירט דורך מיין מוטער. אויפן אַנדערן טאָג איז געווען איר פאָטאָגראַפיע אין דער אוקראַי־נישער צייטונג, ווי אַזוי די עלטסטע ווילערין פון פשעמישל איז געגאַנ־גען ווילן. אַזוי האָבן זיי זיך געגרויסט, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג איז געגאַנגען שטימען פאַר דער סאָוויעטישער אוקראַינע. דעם טאָג האָט קיינער נישט געאַרבעט, ס'איז געווען אַ פאָלקס־יום־טוב. אַזוי האָבן אויסגעזען די „דעמאָקראַטישע" וואַלן.

ווען דייטשן פּאַשיזם איז במשך די קאַרגע צוויי יאָר קיין איין מאָל קיין וואָרט נישט געזאָגט געוואָרן אין דער צייטונג. עס איז נישט געשריבן געוואָרן, אַז די דייטשן האָבן שוין אין 1940 געשאַפן אין קראָקע אַ געטאָ. דאָס זענען מיר ערשט געוואָר געוואָרן אין די לעצטע חדשים פון יאָר 1941. ווען די מלחמה צווישן דייטשלאַנד און ראַטנפאַרבאַנד איז אויסגעבראָכן, איז אונז אַריינגעפאַלן אַן אַלטע דייטשע צייטונג, און דאָרט האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז אין קראָקע איז פאַראַן אַ יידן־געטאָ. אין אַלגעמיין איז ביזן מלחמה־אויסברוך די גרענעץ־שטאָט געווען אַ פּריד־לעכער פּונקט פון אויסטויש צווישן ביידע לענדער. יעדן טאָג האָבן מיר געזען גיין טראַנספּאָרטן פון לאַנגע אָנגעפּראָפּטע צוגן, אויף דער דייטשער זייט — נאַפט, מעטאַלן, קוילן און לעבנס־מיטל, כאָטש אין פּשעמישל גופא האָט זיך שוין געפילט אַ הונגער.

אין די לעצטע טעג פון יוני 1941 האָבן שוין אַלע ביי אונז אין שטאָט געשפּירט, אַז עס דערנענטערט זיך דער שטורעם פון יענער זייט סאַן. אָבער נאָך אין דער לעצטער נאַכט זענען געגאַנגען צוגן מיט עסנ־וואַרג קיין דייטשלאַנד. מיר האָבן זיך געוווּנדערט — דער ראַטנפאַרבאַנד פירט אַזאַ ראַפינירטע פּאָליטיק, נאַרט אָפּ, סיי מיט די געפעלשטע וואַלן, סיי מיט די סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן, מיט עקספּלואַטאַציע פון אַר־בעטער, — לאָזן זיי זיך אַליין אַזוי אָפּנאַרן ?

צוערשט האָבן אַלע געגלויבט, וואָס די סאָוויעטן האָבן צוגעזאָגט — צו געבן יעדער מינאָריטעט אַ מעגלעכקייט אויסצולעבן זיך אין זיין קולטור. אויך די רעליגיעזע יידן האָבן געגלויבט, אַז מען וועט זיי נישט פאַרפאָלגן. די שטאָט איז געווען אַ מקום תורה — אַ ישיבה, אַ תלמוד־תורה, חדרים, בתי־מדרשים, קלויזן, קליינע שילעכלעך. צוויי גרויסע שילן זענען געווען, איינע, די שטאָטישע, אויף דער יידישער גאַס, די צווייטע גרעסטע שיל איז געווען שיינבאַכס שיל, אויף דער סלאָוואַצקי־גאַס. דאָרט האָבן געדאַווענט די רעפאָרמירטע, מער אַסימילירטע יידן פון מיטל־קלאַס, פיל בעלי־מלאכות. ווען די סאָוויעטן זענען אַריין איז די שיינ־באַכס שיל געווען טיילווייז צעשטערט, אויף דער יידישער גאַס איז כמעט אַלץ געווען באָמבאַרדירט. די פרומע יידן האָבן געדאַווענט מיט אַ מנין, אָבער די סאָוויעטישע אַדמיניסטראַציע האָט נישט דערלויבט די פרומע יידן נישט צו אַרבעטן שבת. זיי זענען דערקלערט געוואָרן ווי סאַבאָטאַזש־ניקעס, און ס'האָט זיי געדראָט אַ פּראָצעס. נאָך ערגער איז געווען, ווען ס'איז געקומען ראש־השנה און יום־כיפור. אַ פּאָר טעג פריער איז גע־

מאָלדן געוואָרן אין די אַרבעטס־וואַרשטאַטן, אַז אויב די יידן וועלן נישט קומען צו דער אַרבעט אין די יום־טוב־טעג, וועלן זיי שטרענג באַשטראָפט ווערן. זענען אַלע יידן, בלית ברירה, געקומען אין די טעג צו דער אַרבעט. פרומע און נישט פרומע. די פרומע יידן האָבן זיך אָבער געקליגט, זיך אַן עצה געגעבן. זיי האָבן אויפן אָרט געמאַכט מנינים און געדאַוונט. זיי האָבן אַרויסגעשטעלט עטלעכע פון זיי ביי די איינגענג, אַכטונג צו געבן אויב עס קומט נישט קיין קאָנטראָלער.

אָבער די שיקאַנעס קעגן די רעליגיעזע יידן זענען כסדר אָנגעגאַנגען. עס איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג די אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע, אָנגעפירט דורך יידישע קאָמוניסטן, און זייערע נאָכלויפער. עס זענען איצט געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן פריער נישט אָנגעהערט צו קיין שום אָרגאַניזאַציע, האָבן אפילו נישט געוווסט וואָס עס איז אַזוינס קאָמוניזם. די דאָזיקע עלעמענטן דער עיקר זענען איצט אַרויפגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך, די, וואָס זוכן אַלעמאָל צו געפעלן ווערן „מלכות". זיי זענען עס געווען די, וואָס האָבן געזוכט צו שיקאַנירן פרומע יידן, צו כאַפּן זיי ביי אַ מינדסטער עבירה קעגן דער סאָוויעטישער אַדמיניסטראַציע. דערפאַר האָבן זיי באַקומען גוטע פּאָסטנס, אַלס דירעקטאָרן, אָדער אָנפירער פון די רעקוויזירטע געשעפטן.

אַנדערע, וועלכע זענען פאַר דער מלחמה באמת געווען קאָמוניסטן, זענען געווען מער ערלעך, האָבן זיך מיטאַמאָל אַרומגעזען, אַז דער גאַנצער סיסטעם האָט גאָרנישט קיין שייכות מיטן קאָמוניזם. זיי האָבן געמורמלט, אומצופרידענע, קריטיקירט דעם פּראָטעקציאָניזם, די אָנגעלאָפּענע קאַריערע־זוכער, די קאָרופּציע, וואָס האָט זיך געלאָזן מערקן אומעטום, אין אַלע אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען. אָט די אומצופרידענע, וואָס האָבן געוואַגט אויפצומאַכן דאָס מויל, האָט מען ביסלעכווייז אַרעסטירט, און אַוועקגעשיקט זיי אין די פּיאַרן, אין לעמבערגער משוגעים־הויז.

אַזאַ פאַל איז געווען מיט מיין באַקאַנטן דונעק ווייַנבערגער, אַ סטודענט. ער האָט פריער געהערט צו „גורדוניה", אַ יוגנט־גרופּע פאַר אַרבעטער־ציוניזם, דערנאָך איז ער געווען צווישן די אָנפירער פון פּועלי־ציון התאחדות. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ קאָמוניסט. אַ פיינער, ערלעכער בחור, האָט מען אים אומעטום געשיקט אַלס פּרעלעגענט און פּראָפּאַגאַנדיסט. אָבער ווען ער האָט אַצינד געזען וואָס עס קומט פאָר, האָט ער אין די העכערע אינסטאַנצן רעאַגירט, געפאָדערט, פאַרלאַנגט. געזען, אַז זיי האָבן

פאַר זיך אַזאַ „גאַיון" קאָמוניסט, האָבן זיי אים אויך פאַרשיקט אין פּסי־כיאַטרישן אַנשטאַלט אין לעמבערג.

געבליבן אויף זייערע פּאָסטנס זענען נאָר די, וואָס האָבן פאַרשטאַ־נען צו שווייגן, אויסנוצן אַלע פּריווילעגיעס, וואָס די אַרטיקע אַדמי־ניסטראַציע האָט זיי געגעבן. אָבער די מערסטע מיטאַרבעטער זענען גע־ווען אומפּאַרטייאישע מענטשן, טייל אפילו מיט אַ צווייפלהאַפטער פאַר־גאַנגענהייט. דער גרעסטע טייל אינטעליגענץ האָט נישט מיטגעאַרבעט, האָט זיך געהאַלטן אין אַ זייט, פון דער ווייטן. אָבער איינער פון די פריער־דיקע אַנפירנדיקע פון פּועלי־ציון התאחדות, אברהם ראָזענפעלד, איז פון ערשטן טאָג אָן, ווען די סאָוויעטן זענען אַריין צו אונז אין שטאָט, אויף פאַרזאַמלונגען אויפגעטרעטן קעגן ציוניזם, און מיט אַזאַ מיאוסער שפּראַך, אַז — דער ציוניזם האָט אונז יאָרן לאַנג אָפּגענאַרט... און אַז ערשט איצט זעט ער איין, אַז די איינציקע לייזונג פאַרן יידישן פאָלק, פּונקט ווי פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, איז נאָר דער קאָמוניזם. . . ער האָט נאָר פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז ער אַליין איז געווען פריער איינער פון די וואָרטזאָגער פון אַרבעטער־ציוניזם. זיין שפּראַך איז געווען אַן אַדוואָקאַטישע, ער האָט ערב דער מלחמה פאַרענדיקט זיינע שטודיעס. אַלע האָבן אים, נאַטירלעך, געוויכט, אָפּגעקערט זיך פון אים און אפילו די האַנט נישט געוואָלט דער־לאַנגען.

ס׳זענען אויך געווען פאַלן מיט עטלעכע בונדיסטן, וואָס האָבן אויס־גענוצט די מעגלעכקייט צו קריטיקירן „דעם רעאַקציאָנערן ציוניזם", די רעליגיעזע קרייזן פון „מזרחי", „אַגודת ישראל". די זעלבע קריטיק האָבן זיי אָבער שווער געקאָנט אַנווענדן קעגן די, וואָס האָבן שטאַלץ געטראָגן דאָס יידישע וואָרט, די יידישע קולטור. זיי זענען געווען אַ מינדערהייט, ווייל די יוגנט ביי אונז איז מערסטנס געווען אַסימילירט, גערעדט נאָר פּויליש. דאָס איז געווען דער מיטל־קלאַס, די אינטעליגענץ, די „פּאַניענ־קעס". פאַר זיי איז געווען אַ בושה צו רעדן יידיש. זייער שפּראַך איז געווען — פּויליש, אַן אינטעליגענטישער פּויליש, וואָס דאָס פּראָסטע פאָלק האָט אַזוי נישט גערעדט.

קיין יידישע שול איז אין פּשעמישל נישט געווען, ווי אין די מזרח־געביטן, אָדער ווי אין טייל שטעט פון קאָנגרעס־פּוילן. גאַליציע איז, מער ווי אַנדערע געביטן, געווען אונטערן איינפלוס פון אַסימילאַציע, אין די צייטן פון עסטרייך — דייטש, און אין נייעם פּוילן — פּויליש. כאָטש אַ העברעאישע גימנאַזיע איז יאָ געווען ביי אונז. זי האָט געהאַט מלוכה־

רעכט, בייצולייגן עקזאַמענס, פּונקט ווי די אוקראַינישע און פּוילישע גימנאַזיעס. הונדערטער יידישע יוגנטלעכע האָבן געלערנט אין דער גימ־נאַזיע, זענען געווען גוטע העבּרעאיסטן. מיט יידיש איז געווען פיל שווערער. ס'איז שוין דעמאָלט געווען די סנאָבּישע באַציאונג צו אונזער אייגן לשון, צו אונזער מוטער־שפּראַך. די גרויסע יידישע שרייבער, וואָס שטאַמען דווקא פון גאַליציע, האָבן אָבער באַוויזן, וואָס פאַראַ רייך פאָלקס־לשון מיר פאַרמאָגן.

דער בונד האָט יאָ געפירט זיין פאַרצוויגטע טעטיקייט אין יידיש. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ רייכע ביבליאָטעק מיט הונדערטער לייענער. יעדן פרייטיק אָוונט און שבת אין דער פרי איז אין זייער לאָקאַל געווען פול מיט יידישע יוגנט. מען האָט אין לייען־זאַל געפונען יידישע ציַיטונגען פון דער גאַנצער וועלט. יידן זענען געקומען לייענען יידישע נייעס, דיסקו־טירן וועגן ליטעראַרישע און פּאָליטישע פּראָבּלעמען.

אַ רעזערוואַר פון יידיש איז אויך געווען דאָס רעליגיעזע יידנטום. פון דער תלמוד תורה און פון דער ישיבה זענען אַרויסגעקומען די ליב־האָבער פון אַ היימיש יידיש וואָרט. דאָס האָט זיי אויך געפירט צו די סאָ־ציאַלע באַוועגונגען, ווען זיי זענען געוואָרן פריידענקער, נאָך שווערע אינערלעכע ראַנגלענישן. איך דערמאָן וואָס פאַר אַן אומגליק ס'איז גע־ווען פאַר אונזערע עלטערן, און איך באַדויער עס ביזן היינטיקן טאָג, ווייל מיין מוטער האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד, ווען איך און מיין על־טערער ברודער האָבן אויפגעהערט צו דאַווענען און געוואָרן פריידענקער. כ'האָב געלערנט אין חדר, אין דער ישיבה, און מיינע עלטערן זענען זיכער געווען, אַז כ'וועל זיין אַ רב, אָדער אַ ראַבּינער. אַז מ'איז יונג, גיט מען זיך נישט אָפּ קיין חשבון — וואָס פאַראַ צרות און יסורים איך האָב אָנ־געטאָן מיינע עלטערן, איבערהויפּט מיין מוטער, ווען איך האָב אין איינעם אַ טאָג אויפגעהערט צו לייגן תפילין. ערשט שפּעטער, אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָב איך עס זייער שטאַרק באַדויערט פאַרן עגמת נפש, וואָס איך האָב זיי אָנגעטאָן. אָבער איך האָב אין געטאָ ריזיקירט מיט מיין לעבן, כדי צו ראַטעווען מיינע עלטערן, מיטן געפיל, אַז איך האָב זיי פאַרשאַפן אַ סך האַרץ־ווייטיק.

איך בין שוין דעמאָלט, ווי די גאַנצע יוגנט, געווען אַ פריידענקער, האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין פּאָליטישן לעבן און אין דער פּראָפעסיאָנע־לער באַוועגונג. איך האָב אָנגעהערט צו דער פּועלי־ציון התאחדות, אָנ־געפירט מיט אַ יוגנט־גרופּע, אַ פּופציק בחורים, אין יידיש, פאַרשטייט זיך,

בין אַרויסגעטרעטן אין נאָמען פון דער גרופּע אין אַלגעמיינעם קאָמיטעט „ראַדאַ מלאָדזשיעזשי״. איך בין דאָרט געווען דער איינציקער, וואָס האָב גערעדט אין יידיש. אויף מיין איניציאַטיוו האָט אונזער באַוועגונג און די סינדיקאַלע אָרגאַניזאַציע אַנטייל גענומען אין אַלגעמיינעם קאָמיטעט צו פּייערן דעם 80־סטן געבוירן־טאָג פון שלום עליכם.

מיטן אַריינקומען פון די סאָוויעטן, האָט זיך אָבער די גאַנצע קול־טור־טעטיקייט אָפּגעשטעלט. עס זענען מער נישט דערשינען קיין יידישע צייטונגען. די איינציקע יידישע צייטונג, וואָס איז אָנגעקומען, איז געווען דער קיעווער „שטערן״. דער אויסלייג דאָרט איז געווען פאַר אונז נישט לייכט. די העברעאישע ווערטער, אויסגעלייגט פאָנעטיש, האָבן מיר שווער־לעך געקאָנט לייענען. די גרעסטע אַנטוישונג האָבן מיר איבערגעלעבט, ווען דער קיעווער „שטערן״ האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן נומער, אין יידיש, געווידמעט דעם קאָזאַקישן באַנדיט און פּאָגראָממשטשיק באָגדאַן כמיעלניצקי. כמיעלניצקי איז ביי יעדן ייד פאַרשאָלטן, און מען דערמאָנט זיין טריפהנעם נאָמען מיט ימח שמו. און דאָ האָבן זיי אים באַשריבן מיט אַזויפיל ליוב־געזאַנגען, מיט שטאָלץ, צו די 300 יאָר פון זיין אויפשטאַנד קעגן די פּוילישע פּאַנעס, צו באַפרייען דאָס אוקראַיינישע פאָלק. אין דער צייט ווען ביי אונז איז עס פאַרבונדן מיט פּאָגראָמען, מיטן אויסקוילען גאַנצע שטעט און שטעטלעך יידן, מיט די באַרימטע אין אונזער געשיכטע : גזרות ת״ח ות״ט.

און דאָס אַלץ האָט אַ יידישע צייטונג מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט. דאָס האָט געמאַכט אויף אונז אַ שווערן, דערדריקנדיקן איינדרוק. מיר, די, וואָס האָבן ליב דאָס יידישע וואָרט, האָבן לאַנג נאָכ־געקלערט. ס׳הייסט, מיר זענען פאַרגוואַלדיקט געוואָרן אין אונזערע יידישע געפילן, אין אונזער אייגענער יידישער שפּראַך. פאַר אונז איז דאָס יידישע לשון, אַלס קולטור־שפּראַך, אַלס פאַרמיטלער פון איין גענעראַציע מיט דער צווייטער, דער פאָלקס־אויסדרוק, אָבער — צי דאַרף די יידישע שפּראַך זיין אַ געהילף דעם קאָרומפּירטן פּסיידאָ־קאָמוניזם, צו העלפן נאָר דאָס שאָוויניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע אוקראַינע, צו גלאָריפיצירן זייערע טרויע־ריק־באַרימטע העלדן ? דאָס הייסט, וואַרפן שמוץ אויף זיך אַליין. און נאָך האָט אונז מיטאַמאָל באַוויזן, די טרויעריקעווירקלעכקייט, אַז די באַ־רימטע לאָזונג : אַרבעטער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך, און דער קאַמף פאַרן אינטערנאַציאָנאַליזם, דאָס אַלץ איז — בלאָף, אָפּנאַרעריי. ווייל אין קאַמף צווישן נאַציאָנאַליזם און פּאָליטישן אידעאַליזם, אין וועל־

כער פֿאָרם עס זאָל נישט זיין, סיי פֿאַשיסטישער, סיי קאָמוניסטישער, קומט דער נאַציאָנאַליזם אַרויס אויף דער אויבערפֿלאַך, און די פֿעלקער, אַלע אָן אויסנאַם, זענען נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטיש.

אין דעם מאָמענט האָבן מיר שוין געוווסט, אַז עס איז אוממעגלעך, לויט אונזער פּלאַן אין די ערשטע מלחמה־טעג, אַריבערצוכאַפּן זיך קיין רומעניע און דערקריגן זיך ביז צו די ברעגן פֿון ארץ ישראל. מען האָט מער נישט געקאָנט פֿאָרן פֿריי פֿון שטאָט צו שטאָט, אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פֿון דער אָרטיקער מיליץ. און וועגן מיין קוזינע פֿון לעמ־בערג, אַ הונדערט קילאָמעטער פֿון פּשעמישל, האָט חתונה געהאַט, האָט זי אונז געמוזט שיקן אַן אָפֿיציעלע איינלאַדונג. אויף דעם סמך האָט ערשט די מיליץ אַרויסגעגעבן אַ פּאַפּירל. אויך דאָרט, אין לעמבערג, איז געווען די זעלבע לאַגע, מיט די לאַנגע „אָטשערעדן", מיט כאַבאַר, עס האָט אויס־געפֿעלט לעבנס־מיטל, און מ'האָט געמוזט קויפֿן אויפֿן שוואַרצן מאַרק.

אָבער איינמאָל האָט מען געקאָנט פֿאָרן פֿון איין שטאָט אין דער צווייטער. די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּן־רייזע קיין קיעוו. מיר זענען אַהין געפֿאָרן מיט גרויס אינטערעס, צו זען ווי אַזוי זיי לעבן דאָרט. ס'האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן, אַז די אָרטיקע באַ־פֿעלקערונג איז פֿיל אָרעמער אָנגעטאָן, אַז אומעטום שטייען לאַנגע רייען, „אָטשערעדן", צו באַקומען די מינדסטע זאַך. זיי האָבן אָבער אונז, די „זאַפּאַדניקעס", באַדויערט, וואָס מיר זענען געלעגן אונטער די שטיוול פֿון פּוילישן „פּאַן", אפֿילו קיין שטיקל צוקער נישט אָנגעקוקט. . . זיי האָבן בכלל זייער ווייניק געוווסט וועגן לעבן אין אונזער העמיספּערע, ווייל קיין אַנדערע קוואַלן ווי די אָפֿיציעלע אינפֿאָרמאַציע, האָבן זיי נישט געהאַט. ס'איז אָבער נישט געווען דער מאָמענט צו רעדן, אויפֿצווייזן. מען האָט געדאַרפֿט שווייגן און אויסהערן וועגן זייערע „גליקן", וואָס זיי האָבן אַליין געוווסט, אַז ס'איז ליגן . . .

נישט אַלע ביכער, וואָס מיר האָבן פֿאַרמאָגט אין אונזערע קליינע ביכער־זאַמלונגען, זענען איצט געווען כשר. מען האָט שטיל געמורמלט, אַז ס'איז גלייכער פּטור צו ווערן פֿון אַזעלכע ביכער, וואָס רעדן אָפֿן, קריטיש, וועגן ראַטנפֿאַרבאַנד, וועגן קאָמוניזם, וועגן ציוניזם. ביכער, וואָס האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט פּאָליטיק, זענען נאָך דערווייל געווען מער־ווייניק כשר. מען האָט כסדר סעלעקציאָנירט, ווייל מ'האָט זיך געשראָקן פֿאַר רעוויזיעס; כאָטש די ביבליאָטעק פֿון „בונד" האָט נאָך אין אַ געווי־סער מאָס פֿונקציאָנירט, און פּריוואַטע ביכער זענען געגאַנגען פֿון האַנט

צו האַנט. מען האָט דווקא אין די פּאָר חדשים פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט זייער פיל געליטן, געזוכט צו דערפּאַרשן די סיטואַציע, צו וועלכער מיר זענען דערפירט געוואָרן.

קיין נייע ביכער זענען אין מזרח־גאַליציע מער נישט דערשינען. אין דעם פּאַפּיר־געשעפט, וווּ מיין ברודער איז געווען באַשעפטיקט, זענען אָנגעקומען פון קיעוו עטלעכע יידישע ביכער. מען האָט זיי גלייך צעכאַפּט. זיי זענען געווען זייער ביליק. פיל מער איז געקומען, אין די צענדליקער טויזנטער, די פּאָרטרעטן פון אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, דער עיקר בילדער פון סטאַלינען, אין אַלע גרייסן, אין פאַרשיידענע קאָלירן און פאַרשיידענע פּאָזיציעס. אין יעדער ביוראָ, אין יעדן געשעפט, שוין נישט רעדנדיק, אין אַלע אָפיציעלע אַמטן, האָבן זיך געמוזט געפינען אָט די פּאָרטרעטן. דאָס פּאַפּיר־געשעפט איז געווען צו קליין אַריינצונעמען אַזויפיל פּעק פון די סטאַלין־פּאָרטרעטן. אונז האָט געוווּנדערט אָט דער קולט און האָט דערמאָנט אין די הייליקע בילדער, די איקאָנעס, וואָס הענ־גען אין די קריסטלעכע הייזער. איז דער קאָמוניזם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעליגיע ? און נישט בלויז די פּאָרטרעטן פון די פירער, נאָר אויך אַלץ, וואָס זיי האָבן געזאָגט אין זייערע רעדעס, איז רעפּראָדוצירט גע־וואָרן פון דער מאָסקווער „פּראַוודאַ" אין די לאָקאַלע צייטונגען, ציטאַטן, אויספירן, לאָזונגען.

אַלע ראַיאָן־צייטונגען זענען ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך גע־ווען איינע צו דער אַנדערער, זייער לאַנגווייליק, מאָנאָטאָן. אָבער קיינער האָט זיין מיינונג נישט געוואָגט אַרויסצוזאָגן. אויף פיל זייטן זענען גע־ווען צעלייגט די באַשלוסן פון אַלע זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט, כאָטש קיינער האָט זיי נישט מער געליינט, ס'האָט קיינעם נישט אינטערע־סירט. פיל פּלאַץ האָבן אויך פאַרנומען אין די צייטונגען באַריכטן, וויפל יעדער קאָלכאָז, סאָווכאָז, אָדער פאַבריק האָט געשלאָגן רעקאָרדן, וויפל שלאָגלער עס זענען פאַראַן אין יעדער פאַבריק.

וועגן דייטשלאַנד, וואָס האָט שוין געהאַט באַהערשט אַ שטיק איי־ראָפּע, פּוילן, פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע, נאָרוועגן, האָט מען קיין איין קריטיש וואָרט נישט געפונען אין די צייטונגען. וועגן דער מלחמה האָט מען נאָר צווישן די שורות געקאָנט אַרויסלייענען. אויך די יידישע צייטונג פון קיעוו האָט געשריבן גענוי דאָס זעלבע. קיין ספּעציפישע יידישע פּראָ־בלעמען האָבן זיי קיינמאָל נישט באַרירט, אויסער ווען מען האָט קריטי־קירט די אויסלענדישע יידישע „רעאַקציאָנער־בורזשואַזע קרייזן". אַפילו

וועגן דער סינדיקאַלער טעטיקייט אין די בורזשואַזע לענדער, דאָרט, ווו זיי פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס, האָט מען קיין וואָרט נישט געקאַנט לייענען. קיין אַלגעמיינע סינדיקאַלע אָרגאַניזאַציע ביי אונז גופא האָט מער נישט עקזיסטירט. נאָר יעדע פאַבריק, יעדע אונטערנע־מונג, האָט געהאַט זייער סינדיקאַלן אָנפירער, האָבן צוקאָאָפּטירט נאָך צוויי־דריי אַרבעטער, וואָס זיי אַליין האָבן אויסגעוויילט. זיי מאַכן עס זייער ראַפינירט. רופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע אַרבעטער און דאָרט שלאָגן זיי פאָר די, וועלכע זיי רעקאָמענדירן. ווער פון די פאַרזאַמלטע וועט זיך דען אַנטקעגנשטעלן דער דירעקציע ? קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן דעם ווערט פון אַזעלכע פּראָפ־פאַראיינען, וואָס פאַרטיידיקן קיינמאָל נישט די אינטערעסן פון די אַרבעטער. די אָנפירער רופן צונויף איין מאָל אין חודש אַ פאַרזאַמלונג, האַלטן פּאַטריאָטישע רעדעס, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז דעם אַרבעטער נישט אַזוי גוט, ווי אין ראַטנפאַרבאַנד; אַז יע־דער איינער דאַרף אַרויסוויזן זיין פריינטשאַפט, געבן אַ ביישפּיל, און שלאָגן פאָר, אַז יעדן צווייטן זונטיק זאָלן די אַרבעטער קומען פרייוויליק אָפּאַרבעטן אַ טאָג, אָן באַצאָלט, אַלס באַשטייערונג צו פאַרגרעסערן און פאַרבעסערן די פּראָדוקציע פון דער אונטערנעמונג. און קיין איין שטימע הייבט זיך נישט אויף קעגן דאָזיקן באַשלוס. אויב עמיץ וואָלט געשטימט קעגן, וואָלט ער דעם צווייטן טאָג פאַרלוירן זיין אַרבעטס־פּלאַץ. מען וואָלט שוין געפונען עפּעס אַ פּרעטעקסט — פּאַראַזיטיזם, אַז ער קאָן זיך נישט צו־פּאַסן צו די אַרבעטס־באַדינגונגען. פאַרלוירן דעם פּאָסטן, קאָן ער שוין קיין אַנדערן נישט געפינען. ער ווערט פאַרמשפּט אַלס פּאַראַזיט און מען קאָן אים פאַרשיקן.

אַזוי זעט אויס די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין ראַטנפאַרבאַנד. זיי זענען אָנגעשלאָסן אין אַלוועלטלעכן סינדיקאַטן־פאַרבאַנד, און זיי מיט זייערע נאָכלויפערס באַשטימען וועלכעס לאַנד און וועלכער סינדיקאַט איז כשר און ווער — נישט. דאָס הייסט — חוזק געמאַכט פון זיך אַליין. אויך די וועלט־עפנטלעכקייט וואָגט זיי נישט פאַרוואַרפן עס, אַז זיי נוצן אויס די אָנמעכטיקייט פון אַרבעטער, אָנשטאָט צו פאַרטיידיקן די אמתע אינטערעסן פון די אַרבעטער, דערלאָזן זיי צו אַ גרעסערער עקספּלואַטאַ־ציע, ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

ווי איז געווען די באַציאונג פון די סאָוויעטן צו אַלע אַנדערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס ? מיטן אַריינקומען פון די סאָוויעטן האָט זיך זייער טעטיקייט באַלד אָפּגעשטעלט. די ציוניסטישע לאָקאַלן זענען גלייך פאַר־

מאַכט געוואָרן. דער לאָקאַל פון „בונד״, מיט זייער רייכער ביבליאָטעק, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלגעמיינעם קלוב, און די פירער זע־נען געוואָרן די יידישע קאָמוניסטן. אָבער נישט אַלע יידישע יוגנטלעכע זענען אַהין געקומען. זיי האָבן זיך עפּעס געהאַלטן פון דער זייט. די אור־קראַינער, פאַרקערט, האָבן זיך פלוצים אַלע פּראָקלאַמירט ווי אַנהענגער פון דער נייער מאַכט, כאָטש פיל פון זיי האָבן פריער אָנגעהערט צו נאַ־ציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן איצט באַקומען די בעסטע אַר־בעטס־פּלעצער אין שטאָט, געאַרבעט אין דער מיליץ.

יידן האָבן שוין באַצייטנס צוביסלעך געלעבט אין פּחד. עס זענען שוין געווען אַרעסטן פון „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן״, און קיינער איז נישט זיכער געווען מיטן מאָרגן. אַזוי איז איין נאַכט אַרעסטירט געוואָרן די גאַנצע אָנפירונג פון „ביתר״, די רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע, מיט באַבאַטן בראש; און באַבאַט איז געווען דער זון פון ראש הקהל פון פּשע־מישל. זיי האָבן אויך אַרעסטירט דעם פירער פון פּועלי־ציון התאחדות, חיים עליאַס, אַ צעבראָכענער אַלטער ייד. זיי האָבן אַרעסטירט עטלעכע מיטגלידער פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מ׳האָט זיי ערגעץ פאַרשיקט, און זיי זענען מער קיינמאָל נישט צוריקגעקומען.

קיינער אין שטאָט איז נישט געווען זיכער, צי ער געפינט זיך נישט אויף דער ליסטע אַרעסטירט צו ווערן. עס איז אויך אַרומגעגאַנגען דאָס באַרימטע ווערטל: אַז אין ראַטנפאַרבאַנד זענען פאַראַן דריי קאַ־טעגאָריעס בירגער, די, וועלכע זענען געזעסן, די, וואָס זיצן און די, וואָס וועלן גיין זיצן . . .

דערמיט וויל איך נאָר, אַלס עדות, דערציילן דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געזען און מיטגעמאַכט. אָן שום טענדענציעזן, אַנטי־סאָוויעטיזם. אַזאַ איז דעמאָלט געווען די לאַגע. אפשר האָט זיך דאָרט היינט די עקאָנאָ־מישע לאַגע אַביסל פאַרבעסערט, די פּאָליצייאישע אַדמיניסטראַציע — איז געוואָרן אַביסל מער ליבעראַל. כאָטש לויט די באַריכטן, איז דער אַנטיסעמיטיזם דאָרט שטאַרק אויסגעוואַקסן. דער עקספּלואַטירנדיקער קלאַס, די דירעקטאָרן, די פּאָליטרוקן, די מיליץ, די גענעראַלן, זענען וייטער דער פּריווילעגירטער קלאַס פון רעזשים, אין דער צייט, ווען דער אַרבעטער, דער פּויער פון קאָלכאָז, די אַרבעטער אין די קוילנגרובן, די פּראָפ.־פאַראיינען, האָבן נישט קיין שום רעאַלן ווערט צו פאַרטיידיקן דעם אַרבעטס־מענטש. דאָס איז קאָמוניזם ?

און די רעכט פון יידן ? עס איז געגוג באַקאַנט, ווהין זיי האָבן דערפירט דאָס אַמאָל רייך־שפּרודלדיקע יידישע קולטור־לעבן פון יידן אין רוסלאַנד, נאָכן מאָרד איבער די יידישע שרייבער, נאָכן אויסמעקן יעדן שפּור פון יידישער קולטור. זיי באַקעמפן אַלע יאָרן דעם ציוניזם. צי האָט דאָס יידישע פאָלק, פרעגט זיך, נישט קיין רעכט אויף איר באַפרייערישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, פונקט ווי אַלע פעלקער ?

דאָס אַלץ האָבן מיר אין פּשעמישל שוין דעמאָלט דערפילט און פאַרשטאַנען, אין דעם קורצן פּעריאָד פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט ביי אונז, ביז עס איז געקומען דער טרויעריקער חודש יוני 1941, ווען די גרויסע קאַטאַסטראָפע האָט זיך אָנגערוקט. דאָס איז די טראַגישע דאַטע פון 22־טן יוני 1941. פאַר אונז, יידן, איז עס אייגנטלעך געווען דער המשך פון סעפּטעמבער 1939. ביז דעמאָלט האָט די וועלט נאָך געגלויבט, אַז נאָך דעם שענדלעכן אָפּמאַך אין מינכען, וועלן די היטלעריסטישע אַפּעטיטן זיך אַביסל באַרואיקן. איין אילוזיע נאָך דער אַנדערער איז צערונען געוואָרן, און אייראָפּע האָט זיך געקייקלט צום אָפּגרונט.

# קאַפּיטל 3

## 22־טער יוני 1941

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די טרויעריקע דאַטע פון 22־טן יוני 1941. עס האָבן אונז אויפגעוועקט שרעקלעכע אויפרייסן, און אַלע האָבן מיר נאָך געמיינט, אַז דאָס זענען מאַנעווערעס פון דער סאָוויעטישער אַרמיי. אָבער דאָס האָבן אַזוי די דייטשע קאַנאָנען שוין באָמבאַרדירט אַלע פּאָזיציעס פון דער זייט סאַן. באָמבעס זענען געפאַלן איבער אונזער שטאָט, איבער די געדיכטע יידישע קוואַרטאַלן. דאָס האָט דער ראַטנפאַרבאַנד באַצאָלט דעם טייערן פּרייז פאַרן שענדלעכן מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־אָפּמאַך. דער אָפּמאַך האָט אונטערגעצונדן דאָס פייער אין גאַנץ אייראָפּע, וואָס איז שוין זייט כמעט צוויי יאָר געשטאַנען אין קאַמף, בראש מיט די אַליאירטע אַרמייען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך.

במשך פון קאַרגע צוויי יאָר האָט רוסלאַנד געהאָלפן דער דייטשער אַרמיי מיט לעבנס־מיטל, מיט נאַפט, מיט וויכטיקע מעטאַלן, פאַר דייטשלאַנדס קריגס־צילן. די צוגן זענען יעדן טאָג, יעדע נאַכט, רעגולער דורכגעגאַנגען די גרענעץ דורך פּשעמישל; און אפילו אין לעצטן טאָג פאַר דער מלחמה, אין דער נאַכט פון 21־טן אויפן 22־טן יוני, איז נאָך דורכגעגאַנגען אַ גרויסער טראַנספּאָרט קיין היטלער־דייטשלאַנד. אָבער די אַליאירטע האָבן גלייך ווי ס'איז אויסגעבראָכן די דייטש־רוסישע מלחמה, געשלאָסן אַ מיליטערישן אָפּמאַך מיט רוסלאַנד און נאָר אַדאַנק דער מאַסן־צושטעלונג פון געווער, פון לעבנס־מיטל, האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער קאַמף צו דערשטיקן די היטלערישע חיה. מיר האָבן היינט דעם איינדרוק, אַז די מלחמה פון 1939 האָט פאַרט געקאָנט אויסגעמיטן ווערן, אָבער מער נישט — די מלחמה פון 1941. די היטלערישע חיה האָט שוין גע־

האָט פֿאַרנומען כמעט גאַנץ אייראָפּע. פֿיל חדשים פֿריער האָט מען ממש געזען ווי די דייטשע אַרמיי גרייט זיך אָנצופֿאַלן אויפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד.

מיר האָבן פֿון צייט צו צייט געהערט פֿון יענער זייט סאַן אויפֿ־רייסן. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס עס זאָל באַדייטן, מיר האָבן בחוש געפֿילט, אַז עפּעס גרייט זיך. ס'איז געווען אַזוי צוגעגרייט פּסיכאָלאָגיש, אַז דאָס מיליטער און די באַפֿעלקערונג זאָל זיך אין ערשטן מאָמענט נישט כאַפּן, אַז די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן.

און אַזוי איז טאַקע געווען. דעם 22־טן יוני, 3 אַזייגער פֿאַרטאָג, האָט מען ווידער געהערט אויפֿרייסן, שאָסן פֿון קאַנאָנען, דאָס בילן פֿון מאַשין־געווער, מיט אַן אומגעוויינלעכער העפֿטיקייט. די מענטשן האָבן זיך שנעל אָנגעטאָן און אַרויס אויף דער גאַס, זען וואָס דאָ קומט פֿאָר. ווייל ס'איז געווען אומגעוויינלעך. די שאָסן און אויפֿרייסן האָבן זיך אַלץ מער דערנענטערט. קיינעם איז נאָך נישט איינגעפֿאַלן, מ'האָט זיך נישט געוואָלט צוגלויבן, אַז דייטשלאַנד, אַזאַ „גוטער" פֿריינט פֿון רוסלאַנד, זאָל באַפֿאַלן דעם שכן. ערשט מיט צוויי שעה שפּעטער איז די גאַנצע שטאָט אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ פֿייער. הונדערטער סאָוויעטישע סאָלדאַטן פֿון גאַרניזאָן, האַלב־אָנגעטאָנענע, זענען אין געאייל געלאָפֿן איבער דער שטאָט. אויף די גאַסן זענען שוין געלעגן פֿיל טויטע.

מען האָט געהערט דעם סאָוויעטישן ראַדיאָ, און — קיין איין וואָרט נישט וועגן דעם אומגעריכטן אָנפֿאַל פֿון די נאַציס אויפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד. האָבן אַלע געמיינט, אַז דאָס איז נאָר אַ לאָקאַלער סכסוך; עס האָט זיך ווידער אַריינגעכאַפּט אַ האָפֿענונג, אַז עס וועט זיך איינשטילן, ס'וועט נישט זיין קיין מלחמה.

אָבער די אילוזיע איז צערונען, ווען מען האָט פֿלוצים דערזען אַרום 8 אַזייגער אין דער פֿרי אַריינרייסן זיך די דייטשע מאָטאָריזירטע אַרמיי אויף די גאַסן פֿון פּשעמישל. זיי האָבן געשאָסן אין אַלע זייטן. די בהלה איז געווען גרויס צווישן יידן, אין לשער. מען קאָן זיך נישט פֿאָרשטעלן די פּאַניק. די דייטשן זענען גאָרנישט געקומען פֿון יענער זייט סאַן, נאָר פֿון מזרח־זייט, ווייל די גאַנצע געגנט איז שוין געווען אַרומגערינגלט, און קיינער האָט זיך נישט געקאָנט ראַטעווען פֿון דער שטאָט.

קיין שום ווידערשטאַנד האָט אין אַזאַ סיטואַציע נישט געקאָנט זיין. מען האָט נאָר געהערט שיסן פֿון אַלע זייטן, מען האָט נישט געוווּסט פֿון וואַנען עס קומט די שיסעריי. מען האָט אויך געזען ליגן אַ טויטן דייטשן סאָלדאַט, אָבער אַרום אים — הונדערטער סאָוויעטישע סאָלדאַטן, דער־

שאָסענע, אויף אַלע גאַסן. אין שטאָט האָבן זיך געפונען פיל רוסישע פרויען פון מיליטערלייט, פון באַאַמטע. ביי זיי איז די פּאַניק געווען נאָך פיל גרעסער. די מענער זייערע זענען צוערשט געלאָפן צו די קאַזאַרמעס, און זיי געלאָזן אין די היימען, מיט זייערע קינדער, אויף הפקר.

זייער מצב איז אין דעם מאָמענט געווען פיל ערגער, ווי פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג; ווייל יעדער האָט זיך געהאַט אָנגעגרייט אַביסל שפייז, דורכצולעבן עטלעכע טעג, אָבער זיי האָבן געלעבט פון טאָג צו טאָג. זיי זענען געווען די פּאַוואָריזירטע, האָבן נישט געקלערט אָנצוגרייטן זיך.

ניין אַ זייגער אין דער פרי קומט אַ פאַראָרדענונג, אַז די יידישע באַפעלקערונג זאָל זיך צונויפזאַמלען.

אַלע האָבן זיך געמוזט צונויפקומען ביים גימנאַזיום, אויף סלאָוואַצקיעגאָ גאַס, און פון דאָרט — האָט מען זיי געזאָלט פירן אויף יענער זייט סאַן. אין אַ קורצער צייט האָבן זיך צונויפגעזאַמלט טויזנטער יידן. זיי האָבן פאַרשטאָפּט די גאַנצע באַוועגונג אויף די גאַסן. אַרום 11 אַ זייגער איז געקומען אַן אַנדערע פאַראָרדענונג — יידן זאָלן צוריקגיין אין זייערע היימען. אַזוי האָט זיך פון ערשטן מאָמענט אָן, ווען די דייטשן זענען אַריין, אָנגעהויבן אַ כסדרדיקע פּאַניק.

נאָך די ערשטע פּאָר שעה פאַרלוירנקייט, האָבן די סאָוויעטישע טרופּן, דער גאַרניזאָן, אָנגעהויבן צונויפזאַמלען די כוחות, אַרום 30 קילאָמעטער פון פּשעמישל, און געמאַכט אַ קעגן־אַטאַקע קעגן דער מעכטיקער און קאָנצענטרירטער דייטשער אַרמיי. ס׳איז געווען אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, ווייל אין הינטערלאַנד זענען נאָך פאַרבליבן פיל משפחות זייערע, פרויען און קינדער. די קאַמפן זענען געווען פאַרביסענע אַרום און אין דער שטאָט. עס זענען געווען פיל געפאַלענע פוןביידע זייטן. די דייטשן האָבן זיך געמוזט צוערשט צוריקציען אויסער דער שטאָט, איבערן סאַן, און האָבן אָנגעהויבן באַשיסן די שטאָט מיט אַרטילעריע. די סאָוויעטן האָבן באַשאָסן די שטאָט פון דער צווייטער זייט און פּשעמישל איז געלעגן אַזוי אַרום אונטערן פייער פון ביידע זייטן. מיר זענען געלעגן באַגראָבן אין די קעלערס.

ביי אַזאַ שיסעריי האָט מיין מוטער דורכאויס פאַרלאַנגט מען זאָל זיך פאַרשטענדיקן מיטן עלטערן ברודער, מיט זיין פרוי און קינד, וועלכע האָבן געוווינט אַ 500 מעטער ווייט פון אונז, זיי זאָלן אַריבערקומען אין אונזער קעלער. ביי אונז איז דער קעלער געווען גרויס, אויסער דעם

האָט זיך ביי אונז אָנגעקליבן געגוג עסנוואַרג, וואָס מיין מוטער האָט תּמיד צוגעגרייט. איך האָב מיין מוטער נישט געלאָזן גיין און בין אַליין געלאָפֿן, אין אַ מאָמענט, ווען די שיסעריי האָט אַביסל אויפגעהערט. איך בין דורך פֿאַרשידענע הייזער און געסלעך, געלאָפֿן, ביז צו זיי אויף סמאָלקי גאַס און זיי געטראָפֿן אין אַ פֿאַרצווייפלטער לאַגע. קיין יידישע שכנים האָבן זיי נישט געהאַט, אַרויסגיין האָבן זיי נישט געקאָנט צוליבן קינד, און צו עסן האָבן זיי אויך נישט געהאַט. זיי האָבן נישט געקענט אַלע הינ־טערשטע אַרויסגענג.

געכאַפּט די נויטיקסטע זאַכן, האָב איך גענומען דאָס קינד אויף דער האַנט און מיר האָבן אָנגעהויבן צו שלייכן זיך אין אַ זייט פֿון די הייזער, דורך הינטערגעסלעך, צו אונז אַהיים. מיטאַמאָל האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי. איבער אונז האָבן זיך פֿון די הייזער געשאָטן ציגל, שטיינער. מיר האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן אַ לענגערע צייט, ביז דאָס פֿייער האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט, און קוים דערקריגן זיך צו אונז אין הויז. מיין מוטער איז געווען בלייך, דערשראָקן, ס'האָט איר שוין באַנג געטון, וואָס זי האָט מיך אין אַזאַ געפֿאַר געשיקט נאָך זיי. אָבער איר פֿרייד איז געווען זייער גרויס, ווען זי האָט אונז אַלעמען דערזען צוריק לעבעדיקע.

אויף ביינאַכט האָט מען זיך איינגעטיילט, יעדן אויף אַן אַנדער אָרט, צום שלאָפֿן. די, וואָס האָבן זיך ווייניקער געשראָקן, זענען פֿאַר־בליבן אין הויז, און די איבעריקע — אין קעלער. אין אונזער קעלער זענען געווען עטלעכע פֿרויען און קינדער פֿון די סאָוויעטישע סאָלדאַטן, וואָס זענען גלייך אַוועק מיטן פֿראָנט. מ'האָט זיך געטיילט מיטן ביסן. די שרעק פֿאַר די דייטשן האָט אַלעמען פֿאַראייניקט.

אין פֿרימאָרגן בין איך געשטאַנען ביים טויער, אַכטונג צו געבן, וואָס פֿאַראַ געפֿאַר עס קאָן קומען אונטערקומען. די שיסעריי איז נאָך אַלץ געווען זייער שטאַרק. די קוילן האָבן געלויערט פֿון אַלע זייטן. די גאַסן ביז אַראָפּ זענען געווען אָפּגעליידיקט. קיינער האָט נישט געוואַגט אַרויסצוגיין. מיט אַמאָל איז אָנגעפֿאַרן אַ סאָוויעטישער לאַסט־אויטאָ צו אונזער הויז. געקומען איז ער אָנצופֿאָרן פֿון פּלאַץ נאַ בראַמיע. דאָס איז געווען דער צענטער פֿון שטאָט. ער האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט ביי אונזער טויער. פֿון אויטאָ איז אַרויסגעשפּרונגען אַ יידיש־סאָוויעטישער אָפֿיציר. ער האָט געוווינט אויפֿן זעלבן שטאָק וואָס מיר.

— וווּ איז מיין פרוי? — האָט ער מיך געפרעגט, זייער צעטומלט.

איך האָב אים געזאָגט ער זאָל צוואַרטן, ביז אַראָפּגעלאָפן אין קעלער, זיך דורכגעשטופּט דורך אַלע מענטשן. די פרוי זיינע איז געזעסן גאַנץ הינטן, צוזאַמען מיט מיין באָבען און מיין מוטער. איך האָב איר געזאָגט, אַז איר מאַן איז זי געקומען נעמען מיט אַן אויטאָ. איז זי אויפגעשפּרונגען און איז געלאָפן גלייך נאָך מיר, צום טויער. איך האָב זי פּאַמעלעך געפירט, ווייל זי איז געווען שוואַנגער. ווי נאָר דער מאַן האָט זי דערזען, איז ער צוגעשפּרונגען, זי אַרויפגעזעצט אויפן לאַסט־וואָגן; און צו מיר האָט ער געזאָגט:

—קום מיט אונז. שפּרינג אַרויף. נישקשה, מיר וועלן זיך דורכרייסן דורך דער דייטשער אַרומרינגלונג.

אין דער רגע האָב איך באַדאַרפט דעצידירן — מיטגיין, אָדער נישט? ווער ווייסט, וווהין דער וועג וואָלט מיך געפירט, ווען איך וואָלט זיך געווען דעצידירט מיטצוגיין אין אָט דער רגע? איך האָב אָבער נישט געקאָנט — אין אַזאַ שווערן מאָמענט איבערלאָזן מיין גאַנצע משפחה, מיינע עלטערן, מיינע ברידער, מיין באָבע פון איבער הונדערט יאָר, אַלע אין אַזאַ געפאַר, און אַליין לויפן זיך ראַטעווען, ערגעצוו אין רוסלאַנד?

— ניין — האָב איך אים געזאָגט — איך קאָן עס נישט. דאָס, וואָס וועט זיין מיט אַלעמען, וועט אויך זיין מיט מיר. איך וועל מיין משפחה נישט פאַרלאָזן.

ער איז איינגעשטיגן אין אויטאָ און צוריקגעפאָרן אין דער זעלבער ריכטונג, פון וואַנען ער איז געקומען.

מיר זענען געבליבן פאַרשטעקט אין קעלער נאָך צוויי טעג און צוויי נעכט. אין דרויסן האָט די שיסעריי ביסלעכווייז זיך איינגעשטילט. מען האָט זיך פאַרזיכטיק אומגעקערט אין די וווינונגען. אָבער קיינער איז נישט געווען רואיק. ווייל ווי לאַנג די שיסערייען האָבן אָנגעהאַלטן, האָט מען נאָך געהאָפט, אַז די סאָוויעטן וועלן צוריקשטויסן די דייטשן. אָבער מען האָט אָנגעהויבן צו זען די דייטשע פּאַטרולן אויף די גאַסן. מען האָט שוין געוווּסט, וואָס זיי האָבן געמאַכט מיט די יידן אין 1939, ווען זיי האָבן דאָס ערשטע מאָל אַריינגעריסן זיך קיין פּשעמישל. פאַרפאַלן! דאָס לעבן גייט ווייטער. מען מוז אָנהייבן זאָרגן וועגן אַ שטיקל ברויט, וועגן אַ ביסל מילך פאַר אַ קינד.

זעט אויס, אַז דער פראָנט האָט זיך דערווייטערט פון דער שטאָט. די דייטשן זענען דאָ געוואָרן די בעלי־בתים, האָבן פייערלעך דערקלערט,

אַז עס וועט קיינעם גאָרנישט געשען, מען מוז נאָר אַרבעטן. האָט מען זיך אַ ביסל באַרואיקט. יעדער איז צוריקגעגאַנגען צו זיין מלאכה, ווי אין די סאָוויעטישע צייטן. דער סאָוויעטישער רובל איז מער גאָרנישט ווערט געווען. מען האָט אים אפילו נישט געקאָנט אויסטוישן אויף פוילישע זלאָטעס, וועלכע האָבן קורסירט אין דייטשן „גענעראַל־גוווערנעמענט”. פאַר אַ פּאָר זלאָטעס האָט מען נאָך באַקומען עפּעס צו קויפן, כאָטש די זלאָטעס האָבן אויך מער נישט געהאַט דעם פריערדיקן ווערט. מען האָט געאַרבעט, אָבער אין אָוונט איז קיין שום ייד נישט אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. מען האָט מורא געהאַט. מיין יינגערער ברודער איז בכלל נישט אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל נישט זען די דייטשן.

אָבער באַלד אין אָנהייב האָבן זיך אָנגעהויבן די יידן־־פאַרפאָלגונגען. די דייטשן האָבן גלייך נאָמינירט אַ שטאָט־ראָט, און גלייכצייטיק — אַ יידן־ראָט, מיט ד״ר דולדיק בראש. מיטן שטאָט־ראָט האָט אָנגעפירט אַ דייטש, גיזעלמאַן, אַן אינוואַליד. ער איז געגאַנגען מיט אַ שטעקן, איז געווען אַ געפערלעכער אַנטיסעמיט. ער האָט צוזאַמענגערופן דעם יידן־ראָט, האָט זיי בפירוש דערקלערט :

— ווייסט איר וואָס מיר וועלן מאַכן מיט די יידן ? — האָט ער זיי געזאָגט — שטעלט אייך פאָר, אַ פרוי נעמט איבער אַ פרישע וווינונג, און עס וואַלגערט זיך אַ סך מיסט. נעמט זי קודם אַ לאָפּאַטע און שאַרט צוזאַמען דאָס מיסט און וואַרפט עס אַרויס. דערנאָך נעמט זי אַ בעזים, קערט צוזאַמען און וואַרפט עס אַרויס. צולעצט טוט זי אַ בלאָז, און דער לעצטער שטויב צעפליט זיך . . .

אַזאַ פאַרשוין איז ער געווען, דער אַליינהערשער איבער אַלע יידן אין פשעמישל. הינטער אים איז געשטאַנען די געשטאַפּאָ, די פּאָליציי, די זשאַנדאַרמעריע, דערצו נאָך — די אוקראַאינער, כאָטש די זעלבע, וועלכע זענען געווען אין די סאָוויעטישע צייטן אָנגעזעענע באַאַמטע, סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם אפילו. אָבער ווען די דייטשן האָבן באַהערשט די שטאָט, האָבן זיי באַלד מיטגעאַרבעט מיט די נייע הערשער, דער עיקר אין זייערע בעסטיאַלישקייטן קעגן יידן, זיי האָבן אויך צוגעהאָלפן די פוילישע אויסוווּרפן. אַלע זענען מיט אַמאָל געווען קעגן אונז.

ביז עס איז אין איינעם אַ טאָג אַרויס די פאַראָרדענונג, אַז אַלע יידן מוזן טראָגן אויף די אָרעמס אַ געלן מגן־דוד. דאָס איז געווען אַ נייע געלעגנהייט צו פאַרפאָלגן די יידן, וועלכע זיי האָבן געכאַפּט, אָן דעם מגן־דוד. אַזוי ווי פשעמישל איז געווען אַ גרויסע באַן־קנופּ־סטאַציע, זענען

די יידן־מערדער געווען אויפן וואָקזאַל, דורכגעגנישטערט יעדן וואַגאָן און געזוכט יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס, טראָגן נישט דעם מגן־דוד. זיי האָבן טאַקע געכאַפּט פיל יידן, צווישן זיי, די צוויי שוועסטער זילבער־מאַן, וועלכע האָבן זיך מיט געלט און גאָלד אויסגעקויפט, מען זאָל זיי נישט איבערגעבן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ.

טאָג־טעגלעכע שיקאַנעס, באַליידיקונגען. דער יידן־ראַט האָט געמוזט צושטעלן אַ געהעריקע צאָל מענטשן צו דער אַרבעט. פּשעמישל איז גע־ווען זייער באַשעדיקט נאָך די שלאַכטן און באָמבאַרדירונגען, איז באַ־פוילן געוואָרן צו צעשטערן אַלע באַשעדיקטע הייזער. האָט זיך דער יידן־ראַט געוואָנדן צו אַ גרופּע יוגנטלעכע, אַראָפּצורייסן די בלעכערנע דעכער פון די צעשטערטע הייזער. איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין זיי. אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט אויסווייזן, אַז מיר זענען באַשעפטיקט. מיין ברודערס שוואָגער האָט אויך געוואָלט האָבן אַזאַ אַרבעט־אויסווייז. ער איז געווען אַן אינזשיניער, געקאָנט גוט רעדן דייטש, ווייל ער האָט געלעבט פריער אין בערלין. ער איז געוואָרן אונזער גרופּן־פירער. ס'איז גע־ווען אַ ריזיקאַלישע אַרבעט דאָס קריכן אויף די דעכער פון צעשטערטע הייזער. נישט אַלע האָבן זיך אויסגעקענט אין דער אַרבעט. מען האָט אַרויסגעריסן און אויסגעגלייכט די בלעכן.

ביי דער אַרבעט איז געווען אַ מעגלעכקייט צו רעדן, דיסקוטירן, באַטראַכטן אונזער אייגענע און די אַלגעמיינע פּאָליטישע לאַגע. ס'האָט אונז ווי געטאָן, וואָס די דייטשע אַרמיי גייט אַלץ טיפער פאַראויס אין רוסלאַנד. אָבער די אַלע דיסקוסיעס זענען גאָרנישט געפעלן געוואָרן מיין ברודערס שוואָגער, ווייל דורך דער צייט, וואָס מען האָט דיסקוטירט, אַרבעט מען ווייניקער, מען נעמט צוזאַמען ווייניקער בלעכן פון די דעכער. מיר האָבן אַלע געקוקט אויף אים קרום און אפילו מורא געהאַט פאַר אים. מיר האָבן אים געפּרוווט אויפקלערן, אַז ער ברענגט קיינעם קיין שאָדן נישט, אויסער די דייטשן. און ער איז געבליבן ביי זיינעם : דיסקוטירן קאָן מען אין דער היים, אָבער נישט ביי דער אַרבעט. אין דער צייט פון דער אַרבעט, מוז מען אַרבעטן. דאָס הייסט — דייטשע דערציאונג.

ער האָט געוווינט און געגעסן ביי אונז. די אַרבעט האָט ער אַ דאַנק אונז באַקומען, און ווי נאָר ער איז געוואָרן אַ שטיקל אָנפירער, האָט ער שוין געקאָמאַנדעוועט, ווי אַן אמתער יעקע.

אַזוי זענען זיי, די יעקעס — לייגט מען אויף זיי אַרויף אַן אויפגאַבע, פירן זיי זי אויס מיט נאַרישער דיסציפּלין און פּינקטלעכקייט.

די אַרבעט האָט געדויערט עטלעכע וואָכן. מיין עלטערער ברודער האָט געאַרבעט אין אַ פּאַפּיר־געשעפט. אין די פּוילישע צייטן האָט עס געהערט צו אַ ייד, דוקאַטנציילער, אין די דייטשע צייטן האָט דאָס געשעפט איבערגענומען אַ פאָלקס־דייטש, דאָס הייסט אַ פּאָליאַק. ביי אונז האָבן סיי ווי פיל פּאָליאַקן גערעדט דייטש. אַלע עפּנטלעכע אַמטן, ווי אויך די געשטאַפּאָ, האָבן זיך צוגעאייגנט און געקויפט פאַר שפּאָט ביליק ביוראָ־מכשירים און שרייב־פּאַפּיר. מען האָט דאָרט באַרואיקט מיין ברודער און אים פאַרזיכערט:

— האָב קיין מורא נישט, טאָמער וועט עפּעס געשען מיט די יידן, וועלן מיר דיך נעמען אונטער אונזער שוץ.

מיין ברודער האָט געהאַט צוטרוי צום פאָלקס־דייטש, דעם געשטאַפּאָ־מאַן, אָבער ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז דער זעלבער פאַרברעכער ווי אַלע, כאָטש ער האָט מיך און מיינע ברידער אין געוויסע מאָמענטן געראַטעוועט דאָס לעבן.

און מיין פאָטער האָט געאַרבעט אין זיין בלעכער־ווערקשטאַט. אַזוי אַרום האָט ער אויך באַקומען די באַשייניקונג פון יודען־ראַט, אַז ער אַרבעט.

מיט איין מאָל האָט די געשטאַפּאָ אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יידן טאָרן נישט האָבן קיין געשעפטן, נישט קיין ווערקשטאַטן אויף דער הויפּט־גאַס. די פאַראָרדענונג האָט מיט איין מאָל צעשטערט די גאַנצע עקאָנאָמישע פּאָזיציע פון יידן. אונזער בלעכער־ווערקשטאַט האָט זיך טאַקע געפונען אויף דער הויפּט־גאַס, האָבן מיר געזוכט אין געאייל עפּעס אַ ווינקל אין אַ זייטן־גאַס, גענוג גרויס, נישט צו אַרבעטן, נאָר מ'זאָל קאָנען די מאַשינען און די סחורה אַריינשטעלן. מיר האָבן געפונען אַזאַ ווינקל אויף דער באַשטאָוואַ־גאַס, ווו ס'איז פריער געווען אַ בעקעריי. צוויי צימערלעך, דער אַריינגאַנג פון דער גאַס, אָבער מען האָט געמוזט אַראָפּגיין אפשר צען צעבראָכענע טרעפּלעך. ס'איז געווען אַ סכנה צו גיין דערויף, נאָך דערצו אַראָפּטראָגן אַזעלכע שווערע מאַשינען. אָבער עס איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה, און מען איז שוין צופרידן געווען דערמיט. דאָס איז געווען צוויי הונדערט מעטער פון אונזער ווערקשטאַט, און — ווו געפינט מען אַ וואָגן, אָדער אַ האַנט־וועגעלע אַלץ אַריבערצופירן? יעדע זאַך איז געוואָרן אַ שווער פּראָבלעם. מען האָט געמוזט דעמאָנטירן די מאַשין, וועלכע האָט געמאַכט קאָלאָנקעס צו אויוונס. דאָס איז געווען אַ טשעכישע מאַשין, וואָס האָט געווויגן אפשר טויזנט קילאָ, און האָט געהאַט 7 ביז 8 מעטער די לענג. צו אינסטאַלירן זי, האָט געמוזט

קומען אַ ספּעציאַליסט פון טשעכאָסלאָוואַקיע. איצט האָט מען זי אין גע־איל געמוזט צענעמען. מען האָט זיך גוט צוגעקוקט און פאַרשריבן, ווו יעדער טייל געהערט. און ווען מען האָט זי שוין צענומען און צעשרויפּט, איז געווען די שווערקייט פון איבערפירן זי און דערנאָך אַראָפּשלעפּן זי אין קעלער. מיט די אַנדערע מאַשינען איז געווען פיל לייכטער. ס'איז געווען אַ מאַשין צו מאַכן רערן צו אויוונס. זי איז געווען לאַנג, אָבער די וואַלצן האָט מען געקאָנט לייכט אָפּשרויפן. שווערער איז געווען מיט די פּרעסן, יעדער האָט געוויגן מער ווי 100 קילאָ.

די גאַנצע אַרבעט האָבן מיר אַליין געמוזט מאַכן, מיין פאָטער, מיינע ברידער און איך. פון דער גאַנצער סחורה, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָט מען נאָך געקאָנט אויסאַרבעטן און פאַרדינען עפּעס צום לעבן. אָבער די אַלע מאַשינען, וואָס מען האָט אַריבערגעפירט פון איין אָרט צום צווייטן, און וואָס האָט געקאָסט אַ סך כוחות און געלט, דאָס אַלץ איז געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. מיר האָבן זיי קיינמאָל נישט באַנוצט. מען האָט געפונען אַ האַנט־וועגעלע, קוים דערטראָגן די טיילן פון די מאַשינען און אַראָפּגעשלעפּט אין קעלער. נאָך דער אָנגעגעבענער צייט, האָבן מיר סיי ווי געמוזט איבערגעבן דעם ווערקשטאַט, מיט פיל רוי־מאַטעריאַל, ווייל ס'איז נישט געווען קיין פּלאַץ ווו עס אַלץ אַוועקצולייגן.

מיין פאָטער איז געווען באַשעפטיקט אין בלעכער־וואַרשטאַט, מיין עלטערער ברודער — אין פּאַפּיר־געשעפט אויף מיצקעוויטש־גאַס, מיין יינגערער ברודער און איך זענען געגאַנגען אַרבעטן אין אַ קאַזאַרמע אויף דער קאָפּערניק־גאַס און אויף טשאַרני־עצקיעגאָ. דער לייטער איז געווען אַ געוועזענער עסטרייכישער אָפיציר, שלעזינגער. אַ גאַנץ רואיקער מענטש. מען האָט געקאָנט מיט אים אַרומרעדן פאַרשיידענע טעכנישע ענינים פון שלאָסער־ און בלעכער־ווערקשטאַט. אָבער ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין כעס, האָט ער געקאָנט אומברענגען מענטשן. שפּעטער איז ער ווידער געוואָרן צוגענגלעך, רואיק.

דאָרט, אין דער קאַזאַרמע, איז שוין פריער געווען באַשעפטיקט אַן עלטערער ייד, אָבער ווייט פון יידישקייט, אַן אַסימילירטער. ביז דער מל־חמה האָט ער געאַרבעט אין דער באַן־לייטונג אַלס שלאָסער, נישט אַזאַ אָנגענעמער מענטש. ער איז געווען אונזער אָנפירער. גערופן האָט ער זיך קלינגער. זיינע צוויי זין האָב איך גוט געקענט. דער עלטערער איז געווען אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער און האָט צוזאַמען מיט מיר געהערט צו דער סינדיקאַלער לייטונג. מיט אים איז אויך געווען שווער צו אַרבעטן. ער

האָט געהאַט אויסטערלישע באַנעמונגען. ער איז געווען אַ קאָמוניסט. ביי אַ דיסקוסיע, איז ער געווען זייער ברוטאַל און טיילמאָל אפילו געוואָרפן זיך שלאָגן. אָבער אַזוי ווי מיר האָבן געהערט צום זעלבן קאָמיטעט, האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט. טאַקע דורך אים און זיין יינגערן ברודער, אַ באַשיידענער בחור, ער האָט געהערט צום „השומר הצעיר".

האָבן מיר זיי געבעטן צו אינטערווענירן ביי זיין פאָטער, ער זאָל זיין פריינטלעכער ביי דער אַרבעט. ווייל מען האָט געהאַט גענוג צרות פון דייטש־עסטרייכישן אָנפירער שלעזינגער, האָט מען נאָך באַדאַרפט אַנדערע צרות? אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. ער האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ, ווייל ער איז געווען אַ פּוילישער אָפיציר און שפּעטער האָט ער געאַרבעט אַלס שלאָסער ביי דער באַן־געזעלשאַפט. אַזוי ווי ער איז געווען אַ ייד, האָט אים די באַן־דירעקציע פאַרשאַפט די אַרבעט אין די קאַזאַר־מעס, און ער האָט באַקומען אַ באַשייניקונג, אַז ער אַרבעט און איז אַ „נוצ־לעכער ייד". אין די קאַזאַרמעס האָט מען נאָר אָנגענומען קוואַליפיצירטע אַרבעטער, און פון דאָרט האָט מען געשיקט אין שטאָט, צו אַלע אָפיציעלע אַמטן, אינסטיטוציעס, אפילו אין דער געביידע פון דער געשטאַפּאָ, דורכ־צופירן פאַרשיידענע אַרבעטן.

אַזוי האָט מען מיך געשיקט פון דאָרט אין מיליטערישן שפּיטאָל, אויף דער סלאָוואַצקי־גאַס. דאָרט האָב איך געאַרבעט עטלעכע חדשים אַלס שלאָסער און בלעכער. דערנאָך האָב איך געאַרבעט אין הויף פון דער געשטאַפּאָ, וווּ איך האָב מיט נאָך צוויי אַרבעטער, אויפגעשטעלט אַ רונדע אַלטאַנקע אין מיטן גאָרטן, וווּ די געשטאַפּאָ־לייט מיט זייערע ווייבער און קינדער האָבן זיך געוויילט.

דער אַרבעטס־אויסווייז איז גילטיק געווען. מיט איינמאָל האָט דער יודען־ראַט באַקומען אַ פאַראָרדענונג צוצושטעלן ביז אַ געוויסן טערמין טויזנט יונגע יידן, צו שיקן אויף אַרבעט. אַזוי האָט פאַרלאַנגט די גע־שטאַפּאָ, אָבער פאַקטיש האָט מען זיי געשיקט אין יאַנאָווער לאַגער, לעבן לעמבערג. אָנשטאָט טויזנט, האָבן זיי דערווייל געכאַפּט אויף די גאַסן עלף הונדערט יידן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין באַשייניקונג, אַז זיי אַרבעטן. דער יודען־ראַט האָט צוגעשטעלט טויזנט, און די געשטאַפּאָ אַליין האָט געכאַפּט אויף די גאַסן נאָך מער יידן.

אָט די ערשטע מאַסן־דעפּאָרטאַציע האָט אויפגערודערט דעם גאַנצן פּשעמישלער יידישן ישוב. מען האָט אָבער נאָך אַלץ געגלויבט און גע־האָפט, אַז די פאַרשלעפּטע וועלן אין קורצן, נאָך זייער פאַרענדיקן די

אַרבעט, צוריק אַהיימקומען. אַזוי האָבן אויך פאַרזיכערט די דייטשע זשאַנדאַרמען, צוזאַמען מיט די פּוילישע פּאָליציאַנטן, וואָס זענען געגאַנ־גען פון שטוב צו שטוב מיט ליסטעס פון יידן. זיי דאַרפן נעמען — האָבן זיי געזאָגט — נאָר איינעם פון דער משפחה. זיי זענען אָבער אויך געקומען צו דער פאַמיליע קלינגער אויף דער קאָפּערניקאַ־גאַס, צו דעם, וועלכער האָט מיט אונז געאַרבעט. ער איז געווען זייער אַ שווערער מענטש. זיי האָבן אָנגערופן דעם פאַרנאָמען פון עלטערן זון, וועלכן זיי דאַרפן מיטנעמען, האָט די מוטער אָנגעהויבן צו וויינען, פאַרוואָס מען נעמט איר אָוועק דעם זון. די דייטשן האָבן אויך דערזען דעם ייִנגערן זון, האָבן זיי געזאָגט דער מוטער, אַז אַזוי ווי מען שיקט זיי צו דער אַרבעט, וועלן זיי זיין צוזאַמען; און זיי האָבן מיטגענומען ביידע זין.

דער גאַנצער טראַנספּאָרט פון עלף הונדערט יידן איז פאַרשיקט געוואָרן אין יאַנאָווער לאַגער, לעבן לעמבערג, פון דאָרט — אין אַ פאַר־ניכטונגס־לאַגער, און זעלטן ווער עס איז פון דאָרט צוריקגעקומען. איך האָב דערנאָך אָנגעטראָפן אַ יונגן בחור, וועלכער איז אַנטלאָפן פון יאַ־נאָווער לאַגער, און איז צופוס צוריקגעקומען קיין פשעמישל. ער איז געווען קראַנק, אויסגעשעפּט. זיינע פיס זענען געווען געשוואָלן. מען האָט אים אַריינגענומען אין קראַנקן־הויז ביי די קאָשאַרן, צו היילן. אָבער גיין נאָרמאַל האָט ער מער נישט געקאָנט, און ביי דער אויסזידלונג אין נאָ־ווועמבער 1942 איז ער מיט דריי קליינע קינדער דערשאָסן געוואָרן אויפן פּלאַץ דורכן געשטאַפּאָ־מאַן, וועלכער איז כלומרשט אָנגעגאַנגען אַלס פּיי־נער מאַן. דורך דעם זעלבן געשטאַפּאָ־פאַרשוין זענען מיר, איך און מיין ברודער, צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע, אַראָפּגענומען געוואָרן פון אויסזידלונג־פּלאַץ, אַוועקגעשיקט צו ווערן קיין בעלזשעץ, צו פאַרניכ־טונג. אָבער מיר האָבן זיך געראַטעוועט.

די דעפּאָרטאַציע פון עלף הונדערט יידן אין יאַנאָווער לאַגער איז געווען די ערשטע מאַסן־דעפּאָרטאַציע פון די פשעמישלער יידן. דאָס האָט אַלעמען זייער שטאַרק איינגעבראָכן, ווייל ס'איז נישט געווען קיין משפחה, וווּ ס'זאָל נישט זיין קיין פאַרשיקטער. מען האָט צוערשט געהאָפט, אַז מען שיקט זיי צו דער אַרבעט און אַז נאָך אַ געוויסער צייט וועלן זיי צוריקקומען.

די דייטשן האָבן אָנגעוואָנדן זייער ראַפינירטע מעטאָדן. אַ פּאָר וואָכן פאַר דער מאַסן־דעפּאָרטאַציע האָבן זיי אויך, דורך דער פאַרמיטלונג פונעם יודען־ראַט, צוזאַמענגענומען אַ פּופציק יוגנטלעכע, צווישן זיי,

מיין יינגערן ברודער, און זיי אַוועקגעשיקט אויף אַרבעט 30 קילאָמעטער פון פשעמישל. עטלעכע טעג נאָך דער ערשטער מאַסן־דעפּאָרטאַציע, איז דער גרעסטער טייל פון זיי צוריקגעקומען. אַלע יידן האָבן געגלויבט און געהאָפט, אַז מיט די עלף הונדערט יידן וועט זיין דאָס זעלבע. אָבער, ליידער.

נאָך דער אַקציע, האָבן אַלע יידן געמוזט צוריקגיין צו זייער געוויינ־לעכער אַרבעט. זיי האָבן זיך געקלאַמערט אין דער באַשייניקונג, געגלויבט, אַז דורך דעם, וואָס מען האָט אַ באַשטעטיקונג, אַז מען אַרבעט, קאָן מען אויסמיידן פאַרשיקט צו ווערן אין יאַנאָווער לאַגער.

נאָך דער אַקציע איז אין דער קאַזאַרמע, ווו איך האָב געאַרבעט, געווען זייער אַ געדריקטע שטימונג. מען האָט אויך פאַרכאַפּט עטלעכע יידן, וועלכע האָבן מיט אונז געאַרבעט. זייערע עלטערן זענען געקומען צולויפן צו אונזער דייטש־עסטרייכישן אָנפירער שלעזינגער, ער זאָל גיין אינטערוועניר̈ן מען זאָל זיי אַרויסלאָזן. איינער פון אונז, קלינגער מיט זיין פרוי, האָט אים געבעטן ער זאָל אינטערוועניר̈ן וועגן זייערע צוויי זין. די אַלע אינטערווענצן האָבן גאָרנישט געהאָלפן, און קיינער איז נישט אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון זייערע לאַפּעס. קלינגער איז געווען זייער נידערגעשלאָגן. ער האָט איצט דערזען, אַז עס העלפט גאָרנישט, אפילו ווען מען איז אַן אַסימילירטער, עס העלפט נישט אפילו ווען מען איז אַ געוועזענער הויכער פּוילישער אָפיציר, עס העלפט אויך נישט, אפילו ווען מען האָט געאַרבעט אויף דער באַן אַלס הויכער באַאַמטער: „דו ביסט אַ ייד... כאָטש ער האָט נישט געקענט קיין איין יידיש וואָרט.

אָבער אויך ער האָט געטיילט דעם גורל פון אַלע יידן, כאָטש קיין שטאָלצער ייד איז ער נישט געווען. ער איז אַוועק מיט דער אַלגעמיינער אַקציע דעם 27־טן יולי 1942, אין דעם טאָג, ווען מען האָט איבער פינף טויזנט יידן פאַרשיקט קיין בעלזשעץ צו פאַרניכטונג. ער איז דאָרט געווען מיט זיין פרוי, און פון דאָרט זענען זיי מער קיינמאָל נישט צוריקגעקומען.

# קאַפּיטל 4

## די דורכגעפאַלענע פּאַרטיזאַנער

אין אַזאַ שווערער סיטואַציע האָט אונזער שטאָט געלעבט בעתן מלחמה־אויסברוך. די נאַציס האָבן געטראָפן אַ גרייטן באָדן צו דער פאַרניכטונג פון פּוילישן יידנטום. הינטער די דייטשע אָקופּאַנטן זע־נען געשטאַנען די פּאָליאַקן און אוקראַינער, פאַרקויפט אַ יידן פאַר אַ קילאָ צוקער. און אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט האָבן זיי גע־ווּוסט, אַז דער קאָמוניזם שטייט הינטער זיי, האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין אַ לאַ פּיאַסעצקי, אַנטיסעמיטן, איבערגעדרייט דעם פעלץ, געוואָרן טרייע קאָמונסטן. נאָך אין יאָר 1938, ווען ס'איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער חרפּהדיקער מינכענער אָפּמאַך, האָבן אַלע אַנטיסעמיטן אויפגעהויבן די קעפּ, געשריגן: „סוואָי דאָ סוועגאָ", דאָס הייסט, מען זאָל נישט קויפן ביי יידן, האָט מען מיטאַמאָל דערזען די טיפע מחיצה צווישן יידן און פּאָליאַקן.

אין יענעם שווערן מאָמענט האָבן יידן געהאָפט, אַז די אוקראַי־נישע באַפעלקערונג אין אונזער געגענט, וואָס זיי האָבן אַלע יאָרן פיינט געהאַט די פּאָליאַקן, אַז זיי וועלן זיך כאָטש סאָלידאַריזירן מיט די יידן, אָדער ווייניקסטנס — זיין נייטראַל; ווייל אויך זיי זענען, ווי אַ מינדערהייט אין פּוילן, שיקאַנירט געוואָרן.

און דאָ האָבן מיר דערזען דאָס אמתע פּנים פון די אוקראַינישע „גוטע שכנים". זיי האָבן דערשפּירט, אַז זייער מאָמענט איז געקומען. אין דער פּראָפּאַגאַנדע, האָט זיי היטלער־דייטשלאַנד צוגעזאָגט, אַז מען וועט אינגיכן שאַפן אַן אומאָפּהענגיק, זעלבסשטענדיק אוקראַינע.

איין קליינער פאַקט: מיין פאָטער האָט באַשעפטיקט אוקראַי־נישע סטאָלער־אַרבעטער אין אַ דאָרף, זיבן קילאָמעטער פון פּשע־מישל. מיין פאָטער האָט איינגעקויפט פאַר זיי די נייסטע מאַשינען,

די מאָדערנסטע איינריכטונגען, צו פאַבריצירן האָלץ־מאַשינקעס צום וואַשן וועש. דאָס גאַנצע דאָרף כמעט האָט פאַר אונז געאַרבעט. איינער פון זיי איז פון אָט דער אַרבעט געוואָרן רייך. ער האָט עס תמיד געזאָגט, אַז דאָס האָט ער צו פאַרדאַנקען נאָר מיין פאָטער.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן און דער פראָנט האָט זיך האַסטיק דערנענטערט צו אונזער שטאָט, איז מיין פאָטער אַוועק די זיבן קילאָמעטער אין דאָרף אַריין, זיך אויסצובאַהאַלטן עטלעכע טעג. אַלע פויערים פון דאָרף האָבן אים זייער גוט געקענט. אָבער קיין שום פויער האָט אים נישט אַריינגעלאָזן צו זיך. דאַניעל, דער פויער, וואָס האָט אַלע יאָרן געאַרבעט פאַר אונז, האָט געזאָגט צום פאָטער, אַז ער איז מער נישט דער זעלבער. דאָך האָט ער געטראָפן איין פויער, אַ פשוטער, ערלעכער פורמאַן, וועלכער האָט געפירט די אויסגעאַרבעטע וואַש־ברעטלעך אין דער אַרומיקער געגנט. ביי אים האָט ער געקאָנט פאַרבלייבן בלויז עטלעכע טעג. מיין פאָטער האָט געמוזט שנעל אומקערן זיך אַהיים, ווייל יענער האָט מורא געהאַט, אַז די פויערים פון דאָרף וועלן אים מסרן.

נאָך אַ פאַקט מיט אַן אוקראַינער : יידן זענען פאַרשפאַרט געווען אין געטאָ. אין אַן אָוונט איז אַ געשטאַפּאָ־מאַן, איינער פון די ערגסטע מחבלים — רייזנער האָט ער געהייסן — אַ שיכורער, אַריבער דעם פּלויט פון געטאָ. ס'איז געווען אַרום 11 אַזייגער ביינאַכט. ער האָט פון ווייטן באַמערקט אויף אַ שטאָק, ווי ס'האָט זיך דורכגעלויכטן דאָס ליכט פון אַ פאַרהאָנגענעם פענצטער. ער איז אַרויף און דאָרט געטראָפן אין באַלויכטענעם צימער דעם בחור קרעבס. זיין פאָטער איז געווען אַ קצב. ער איז דאָרט געזעסן מיט זיין מיידל. האָט דער געשטאַפּאָניק זיך אָנגעהויבן צו טשעפּען צום מיידל. דער בחור, אַ געזונטער יונג, האָט זיך גענומען ראַנגלען מיט אים. דער געשטאַפּאָוויעץ האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער צו אים. האָט זיך דער יידישער בחור געוואָרפן, אַרויסגעדרייט אים פון דער האַנט דעם רעוואָלווער, אים שטאַרק צעשלאָגן און אַראָפּגעוואָרפן אים פון אַלע טרעפּ. יענער איז געבליבן ליגן אין דרויסן, מיט אַ צעבראָכענער האַנט. אין דער פרי האָט דער יודענראַט געגעבן צווויסן די געשטאַפּאָ און זיי האָבן אים אין אַ שווערן מצב געפונען אויפן גאַס.

מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן די פּאַניק, וואָס דער פאַל האָט אַרויסגערופן אין געטאָ. דער בחור קרעבס, ווויסנדיק וואָס אים דערוואַרט,

איז נאָך אין דער זעלבער נאַכט, מיט נאָך צוויי אַנדערע יידישע בחו־רים, אַנטלאָפן פון געטאָ. זיי האָבן אויך געהאַט ביי זיך רעוואָלווערן. איינער פון זיי האָט געהייסן גרין; ער איז מיט זיינע עלטערן געווען פון די אַרויסגעטריבענע פון דייטשלאַנד, קיין זבאָנשין. זיין פאָטער איז געווען אַן אינזשיניער. זייער ציל איז געווען צו אַנטלויפן אין וואַלד און זיך אָנשליסן אין אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע. אין אונזער געגנט זענען אָבער אין 1943 נאָך נישט געווען קיין פּאַרטיזאַנער, נישט קיין פּוי־לישע און אוודאי נישט קיין אוקראַיִנישע.

די דריי העלדישע יידישע בחורים זענען פּאַרטייעטע געלאָפן פון איין דאָרף אין אַנדערן, געלאָפן אין די וועלדער אַרום שטאָט, אָבער קיין פּאַרטיזאַנער האָבן זיי נישט אָנבאַגעגנט. זיי זענען אַריין אין דאָרף צו אַן אוקראַינער, געבעטן אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל וואַרעמס, אָבער פון אומעטום האָט מען זיי פאַרטריבן, געדראָט זיי מיט די ווידלעס. די צעווילדעוועטע אוקראַינער זענען זיי נאָכגעלאָפן. נאָך זייער פאַר־שווינדן, זענען די אוקראַינער געלאָפן אין דער פּאָליציי, צו דער געש־טאַפּאָ, און אָנגעוויזן די ריכטונג, זיי זאָלן זיך לאָזן נאָך זייערע שפּורן.

אַזוי האָט אויסגעזען די „סאָלידאַריטעט" פון די אוקראַינער, מיט וועלכע יידן האָבן אַ גאַנץ לעבן געהאַנדלט, געווען אפילו גוט באַ־פריינדעט.

די דריי יידישע בחורים האָבן, בלית ברירה, נאָך אַ געוויסער צייט, געמוזט צוריקקומען אין געטאָ. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס בעסטע באַהעלטעניש וועט דערווייל זיין — צווישן יידן אין פּשעמישל. דאָרט וועלן זיי געפינען נאָך אַזעלכע ווידערשטענדלער, ווי זיי, צו אָרגאַ־ניזירן אַ גרעסערע גרופּע, אַרויסצורייסן זיך פון געטאָ און אָוועקלאָזן זיך אין דער געגנט, צווישן די וועלדער, קעמפן קעגן די דייטשן און אוקראַינער.

זיי האָבן אָבער נישט געוווסט וואָס פאַראַ שרעקלעכע סיטואַ־ציע ס'האָט זיך, נאָך זייער אַנטלויפן, געשאַפן אין געטאָ. ווייל מיט אַ טאָג שפּעטער, ווען מען האָט אָוועקגעפירט דעם געשטאַפּאָ־באַנדיט אין שפּיטאָל, האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דעם געטאָ, און אַריינמאַר־שירט גרופּנוויז. די גאַסן זענען געווען פּוסט. זענען זיי אַריין אין די הייזער, אַרויסגענומען פּופּציק יידן, מערסטנס יונגע בחורים, און אַוועקגעפירט זיי אין אַרעסט אויפן שטח פון געטאָ. די טאַטעס און מאַ־מעס זענען געווען טויט־איבערגעשראָקן. דערנאָך איז די געשטאַפּאָ גע־

קומען און געשטעלט אַן אולטימאַטום דעם יודען־ראַט, אַז אויב זיי וועלן צושטעלן די דריי יידישע בחורים, וואָס איינער פון זיי האָט צע־שלאָגן דעם געסטאַפּאָווניק, וועלן זיי באַפרייען די פופציק יינגלעך. ווער אָבער קאָן אויף זיך נעמען אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אי־בערגעבן אין די רוצחישע הענט דריי יידישע בחורים ? מען איז זי־כער געווען, אַז מען וועט זיי אומברענגען. קיינער האָט נישט געוווסט ווו זיי זיך באַהאַלטן אויס דערווייל און ווו זיי זענען אַהינגעקומען. מען איז געווען זיכער, אַז זיי זענען שוין אָפּגעלאָפן הונדערטער קילאָ־מעטער ווייט פון פשעמישל. קיינעם איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז אַפילו מיט געווער אין האַנט, וועלן זיי נישט קאָנען איינשאַפן זיך ביי די פויערים אין דער געגנט אפילו אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ טרונק וואַסער.

און דאָ פלוצים איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז זיי זענען צוריק־געקומען, אָבער נישט אין געטאָ, נאָר אין די קאַשאַרן. דאָס איז געווען אַ לאַגער, ווו עס האָבן געאַרבעט אַ פּאָר הונדערט יידן, די באַדינגונגען זענען געווען לייכטערע, ווי אין געטאָ גופא.

אַזוי ווי דער יודען־ראַט איז געוווּיר געוואָרן, אַז די בחורים גע־פינען זיך אין לאַגער, האָבן זיי אַהינגעשיקט עטלעכע יידישע פּאָלי־ציאַנטן. קודם האָבן די פּאָליציאַנטן אויסגענאַרט ביי די בחורים די רעוואָלווערן, און דערנאָך — איבערגעגעבן זיי אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ. דערמיט זענען זיי זיכער געווען, אַז די געשטאַפּאָ וועט באַ־פרייען די פופציק אַרעסטאַנטן.

דער כעס, דער אויפברויז פון די יידן אין געטאָ, סיי אין אַר־בעטס־לאַגער, קעגן דער היפּאָקריזיע פון יודען־ראַט, איז געווען אין לשער. זיי דאָרט האָבן אָבער געטענהט, אַז זייער איינציקע זאָרג איז צו באַפרייען די פופציק אומשולדיק־אַרעסטירטע יידן. דאָס איז נאָר געווען אַ פּרעטעקסט צו פאַרדעקן זייער שענדלעכע, פאַרעטערישע, האַנדלונג, צו געניסן די פּריווילעגיעס פאַר זייערע אייגענע משפחה־מיטגלידער צווישן די אַרעסטירטע. זיי האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז די דייטשן נוצן זיי נאָר אויס, און אַז זיי וועלן דעם גרעסטן טייל אַרעסטירטע במילא אומברענגען. דאָס אַלץ האָט טאַקע נישט געהאָלפן. ווי נאָר דער יודען־ראַט האָט אויסגעליפערט די דריי העלדישע יידישע בחורים דער געשטאַפּאָ, האָבן זיי פאַרלאַנגט דערפאַר די באַפרייאונג פון די אַרעסטירטע פופציק יידן.

אַט ווי אַזוי די געשטאַפּאָ האָט געהאַנדלט: זיי האָבן אויסגע־שטעלט די אַרעסטירטע אין איין רייע, איינעם געהייסן גיין רעכטס, דעם אַנדערן — לינקס. צו פינף און צוואַנציק פון ביידע זייטן. זיי האָבן אויפגעמאַכט די טויערן און באַפוילן די פון דער רעכטער זייט אַרויס־צוגיין. ווי נאָר זיי זענען שוין געשטאַנען ביים טויער, שרייט־אויס דער געשטאַפּאָ־שעף בענעוויץ: „ביי די דייטשן ציילט מען נישט פון דער רעכטער זייט, נאָר פון דער לינקער זייט, ווי מען שרייבט". און ער האָט זיי באַפוילן צוריקצוגיין; און די אַנדערע פינף און צוואַנציק, פון לינקס — זענען צוריקגעשיקט געוואָרן אין געטאָ. דאָס איז געווען די מאַקאַברישע קאַץ־און־מויז־שפּיל פון די דייטשן מיט זייערע קרבנות. איין מאָל אין וואָך, פרייטיק, האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט אַלע אַרעס־טירטע יידן, ווי אויך אַלע קראַנקע, זיי דערשאָסן אויפן בית־הקברות און פאַרשאָטן אין איין ברודער־קבר. די דייטשן האָבן שוין תמיד געפונען תירוצים וועמען אומצוברענגען.

די משפחות פון די אַרעסטירטע האָבן געציטערט פאַרן פרייטיק, וואָס דערנענטערט זיך. זיי האָבן נאָך געהאָפט אויף אַ נס, אָבער דער נס איז,ליידער, נישט געקומען.

ביז פרייטיק פרי זענען שוין יידן אין געטאָ נישט געשלאָפן. דאָס אַרעסט־הויז האָט זיך גראָד געפונען צווישן געטאָ און דעם אַר־בעטס־לאַגער. ס'איז געווען נאָענט און מען האָט אַלץ געקאָנט אָב־סערווירן. אַלע פענצטער, וואָס גייען אַרויס צום אַרעסט־הויז, זענען די גאַנצע נאַכט געווען באַלייגט. 4 אַזייגער באַגינען זענען אָנגעקו־מען עטלעכע אויטאָס, מאָטאָציקליסטן פון דער זשאַנדאַרמעריע, צוויי לאַס־אויטאָס באַזעצט מיט סאָלדאַטן, מיט געשטאַפּאָ. אַביסל שפּע־טער האָבן די סאָלדאַטן אַרויסגעפירט די קרבנות, געבונדענע, און אַרויפגעוואָרפן זיי אויף די לאַסט־וועגן, די סאָלדאַטן, מיט מאַשין־געווער באַשטעלט אין אַלע פיר זייטן. זיי האָבן באַפוילן די יידן צו קניען, די קעפּ אַראָפּבייגן. פון פאָרנט זענען געפאָרן עטלעכע מאָטאָ־ציקליסטן, אַן אויטאָ פון דער געשטאַפּאָ, און הינטער זיי די צוויי לאַסט־אויטאָס מיט די 25 יידישע בחורים.

איך געדענק עס צו באַשרייבן זייער גענוי, ווייל כ'דערמאָן זיך, אַז עטלעכע טעג פריער האָט מען די אַרעסטירטע בחורים געגעבן שטיל צו וויסן, אַז ווי נאָר מ'וועט זיי אַרויספירן פונעם געטאָ, זאָלן זיי אַראָפּשפּרינגען פון די אויטאָס. פון דרויסן וועט מען זיי העלפן. אַזוי

וועלן זיך כאַטש עטלעכע יידן ראַטעווען; אָבער אַזוי באַוואַכט, ווי מ׳האָט זיי געפירט, איז אוממעגלעך געווען אַרויסצורייסן זיך פון זייערע לאַפּעס. צווישן די קרבנות האָבן זיך געפונען עטלעכע פון מיינע נאָענטע חברים.

דער טרויעריקער קאַראַוואַן האָט זיך דערנענטערט צום יידישן בית־עולם. דאָרט איז שוין געווען אויסגעגראָבן אַ גרויסע גרוב. געבונדענערהייט, האָט מען זיי געפירט צו דעם גרוב, זיי דערשאָסן און זיי זענען אַריינגעפאַלן אין גרוב.

די דריי בחורים, וואָס זענען געלאָפן אין די וועלדער, צו קעמפן קעגן דייטש, זענען אין געטאָ געכאַפּט געוואָרן דורך דער יידישער פּאָליציי און זיי זענען איבערגעגעבן געוואָרן דער געשטאַפּאָ. זיי זענען, ווי די 25 יידן, דערמאָרדעט געוואָרן. געשען איז עס אַזוי:

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון דער געשטאַפּאָ און באַפוילן דעם יודען־ראַט, אַז עס מוז אָפּגערייניקט ווערן דער גרויסער פּלאַץ, עס וועלן אויפגעשטעלט ווערן דריי תליות. צען אַזייגער אין דער פרי מוז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון געטאָ זיך געפינען אויפן פּלאַץ. די פאַרצווייפלונג, דער עיקר פון די משפחות פון די פאַרמשפּטע, איז געווען אין לשער. די געשטאַפּאָ־לייט האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די יידן אויפן פּלאַץ. זיי האָבן געקאָנט מאַכן מיט די יידן, וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט. קיין שום געזעץ, קיין שום שוץ.

עס איז אָנגעקומען די באַנדע געשטאַפּאָ־לייט, בראש מיטן שעף זייערן, בענעוויץ, עס איז אויך געקומען דער בירגערמייסטער פון שטאָט, גיזעלמאַן, אַ דייטש, אַ קאַליקע, וואָס האָט געהונקען אויף אַ פוס. ער איז עס באַשטימט געוואָרן דורך די דייטשן צו רעגירן איבער דער שטאָט. אַלע הויך־געשטעלטע באַאַמטע, פּאָליאַקן, אוקראַינער, זענען געקומען, כדי בייצווזיין דעם טרויעריקן „ספּעקטאַקל״.

מיר, אין דעם אַרבעטס־לאַגער, האָבן נישט געמוזט בייזיין, אָבער די וועלכע האָבן געהאַט שטאַרקע נערוון, זענען געשטאַנען ביי די פענסטער און צוגעזען דעם טרויעריקן צערמאָניאַל פון אומברענגען אומשולדיקע יידישע לעבנס; געזען די ברוטאַליטעט פון די הערשער איבער אונדזער לעבן. צען אַ זייגער אין דער פרי האָט מען די אַרעסטירטע, געבונדענע, צוגעפירט צו דער תליה. דער שעף פון געסטאַפּאָ האָט

אויסגעטיילט נאָך צווײ. יעדער פון זיי האָט פאַרלייגט דעם שטריק אויפן האַלדז פון די טויט־פאַרמשפּטע, אין איידער וואָס, האָט זיך שוין זיין וואַרעמער קערפּער געוויגט אין דער לופט. ביי אַלעמען, פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ, האָט זיך אַרויסגעריסן אַ טיפער זיפץ, אַ פאַרשטיקטער שלוכץ.

אַזוי טרויעריק האָט זיך פאַרענדיקט דער דרייסטער ווידערשטאַנד פון די עטלעכע יידישע בחורים. אַ שרעק איז געהאַנגען איבערן געטאָ אין פּשעמישל, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געציילט איבער צען טויזנט יידן, פאַרמאַכט הינטער שטעכל־דראָט־צוימען, באַוואַכט דורך פּוילישע און אוקראַינישע פּאָליציאַנטן, אין סאַמע האַרץ פון דער שטאָט, אַרומגערינגלט דורך אַ פיינטלעכער באַפעלקערונג פון פּוילישע אַנטיסעמיטן און נאָך ערגערע אוקראַינישע סאַדיסטישע באַנדיטן.

נישט געווען קיין שום אויסזיכט, אַז אַ ייד זאָל זיך קענען ראַטעווען צווישן אַזאַ אַרומרינגלונג פון בלויז שונאים, אויסער איניקע זעלטענע פאַלן. דאָס לעבן פון אַ ייד איז געווען ביליק, פאַר אַ ליאַדע וואָס, איז ער אומגעברענגט געוואָרן, פאַר אַ קילאָ צוקער, האָט אַ פּאָליאַק, אָדער אַן אוקראַינער, פאַרקויפט אַ ייד. געווען פאַלן, ווען מ'האָט זיך נאָך ביי זיי געקענט אויסקויפן מיט געלט, אָדער גאָלד. אַזאַ פאַל איז געווען מיט די צוויי שוועסטער זילבערמאַן, וועלכע לעבן היינט אין פּאַריז. אַ קילאָ צוקער! דאָס איז צוערשט געווען דער פּרייז פאַר אַ ייד. די דייטשן האָבן דערנאָך רעדוצירט דעם פּרייז צו אַ האַלבן קילאָ צוקער, זענען די פּאָליאַקן און אוקראַינער אויך אויף דעם איינגעגאַנגען.

באַלד אין אָנהייב, ווען דער געטאָ איז געשאַפן געוואָרן, איז זיך געהיים איז אַ ווױנונג צוזאַמענגעקומען אַ גרופּע ענערגישע בחורים, פון אַלע פּאַרטייען, פון „השומר הצעיר" ביזן „בונד". איך בין אויך ביי־געווען אויף דער וויכטיקער באַראַטונג. מען האָט באַדאַרפט באַטראַכטן די נייע סיטואַציע, אין וועלכער די יידן פון אונזער שטאָט זענען אַריינ־געוואָרפן געוואָרן. ווער האָט זיך אָבער נאָך דעמאָלט געקענט פאָר־שטעלן, אַז די דייטשן האָבן אַ טייוולאָנישן פּלאַן אומצוברענגען אַלע יידן? כאָטש מען האָט אינטואיטיוו געפילט, אַז עס גרייט זיך עפּעס שלעכטס. פאַר אַ ליאַדע פּראָוואָקאַציע האָבן זיי אומגעבראַכט אומשול־דיק די בליענדיקע יונגע יידישע מענטשן. זיי האָבן אונדז, 25 טויזנט יידן, אַריינגעשפּאַרט אויף אַ קליינעם שטח, אַ פּאָר גאַסן, געדיכט און ענג צוזאַמענגעפּרעסט. דער גאַנצער פּלאַץ טאַרגאָוויצאַ איז געווען באַ־זעצט פון יידן. קעלערס, בוידעם־שטיבלעך — אומעטום האָבן זיך אַרייג־

געשפּאָרט די משפחות. עס האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט מענטשן, גע־שוואָלן פון הונגער.

אין אַזאַ מצב זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען, צו באַטראַכטן די לאַגע, זוכן אַ מעגלעכקייט פון קעגנשטעלן זיך דעם שונא, וואָס זוכט אונדז אויסצוהונגערן, אומצוברענגען. נאָך עטלעכע באַראַטונגען, איז באַשלאָסן געוואָרן, מען זאָל אַרויסשיקן אויף דער אַרישער זייט אַ דע־לעגאַט, מיט אַ „גוטן אויסזען״, מען זאָל נישט דערקענען, אַז ער איז אַ ייד. דער דעלעגאַט איז געשיקט געוואָרן צו דער אָנפירונג פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פּ. פּ. ס. קיין קאָמוניסטישע, נישט־יידישע אָנפירונג האָט נישט עקזיסטירט, ווייל אַלע קאָמוניסטן ביי אונז אין שטאָט זענען דאָך אַליין געווען... יידן. אַלס דעלעגאַט איז אויס־געוויילט געוואָרן אַ חבר פון דער סטודענטן־גרופּע פון התאַחדות־פּועלי־ציון, דער חבר שונעק הירש.

עטלעכע טעג האָבן מיר אומגעדולדיק געוואַרט אויף זיין צוריק־קומען; ווייל מיר האָבן געוווסט, אַז ווען מען כאַפּט אים, איז זיין לעבן און אונדזער אַלעמענס לעבן אין געפאַר. ער איז צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט, אָן אַנטוישטער, אַ צעבראָכענער. ער האָט נישט באַקומען, נישט קיין רעוואָלווער, נישט קיין געלט. די אָנפירונג פון די פּ. פּ. ס. האָט אים דערקלערט, אַז אויב זיי וועלן אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד, וועלן זיי עס שוין מאַכן אָן אונדז, יידן, ווייל מיר קענען זיי נאָר ברענ־גען אין געפאַר.

אַזוי האָט אויסגעזען די „מיטהילף״ פון אונדזערע סאָציאַליסטישע פּוילישע חברים. מיר זענען געווען הערמעטיש פאַרמאַכט אין אַן אומק־רייז פון 50 קילאָמעטער אַרום דער שטאָט, באַזעצט מיט פיינטלעכע אוקראַינער, און דורך דער געשטאַפּאָ און זייערע אַרויסהעלפערס — דער יודען־ראַט, אין שטאָט גופא — דורך די „שמאַלצאָווניקעס״, וואָס האָט אומעטום געלויערט אויף אַ ייד, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן אויף דער אַרישער זייט. חוץ דעם — די אַנטיסעמיטישע פּוילישע גראַנאַ־טאָווע פּאָליציי, מערדערישע אוקראַינער, וועלכע האָבן אָפּט אַליין, מיט לאָפּאַטעס, דערהרגעט יידן, אַפילו נישט איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ.

וואָס פאַראַ שלעכטס האָבן מיר דען געטון אונדזערע שכנים, צווישן וועלכע יידן האָבן געלעבט הונדערטער יאָרן? ווי אַזוי איז דען מעג־לעך געווען צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד קעגן בלוטדורשטיקן נאַצי, אין אַזעלכע באַדינגונגען?

## קאַפּיטל 5

# אפילו די גוטע דייטשן...

די אַרבעטער און פּאַכמענער, וועלכע זענען געקומען אַרבעטן אין די קאַשאַרן אונטער דער אָנפירונג פון עסטרייכישן דייטש שלעזינגער, האָבן געמיינט, אַז נאָר דורך אַרבעט, דורך זיין פּראָדוקטיוו, וועט מען אפשר זיך קענען ראַטעווען דאָס לעבן. ווייל די אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַן אַרבעטס־אויסווייז, האָט מען דערווייל נישט פאַרשיקט אין יאַנאָווער לאַגער. מען האָט שוין אָבער אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, אַז מען וועט יידן אַפּשליסן אין אַ געטאָ. מען האָט נאָך נישט געוווּסט ווען עס וועט קומען די דאָזיקע גזירה. מיטאַמאָל איז געקומען אַ פאַרשטייער פון געשטאַפּאָ, מען זאָל שיקן פיר פּאַכמענער, צוויי סטאָליערס און צוויי בלעכערס, צו זייער געביידע, וועלכע האָט זיך געפונען אויף זאַסאַניע. דער גורל איז גראָד אויסגעפאַלן אויף מיר, איך זאָל זיין איינער פון די בלעכער־אַרבעטער.

צו דער באַשטימטער צייט, זענען מיר אַלע אַהין געקומען. עס האָט אונדז אָפּגעוואַרט דער שעף פון געשטאַפּאָ, בענעוויץ, ימח שמו. עס האָבן געוואַרט זיינע פאַרטרעטער און געהילפן. זיי האָבן אונדז אָנגעהויבן אויפצוקלערן און אָנצוצייכענען אַ ווערענדע אין מיטן גאָרטן, רונדיק, מיט אַ פּאָדיום פאַר מוזיק, אַ שיינער אַריינגאַנג, און שיינע באַפּוצונגען, דער דאַך זאָל נישט זיין רונדיק, נאָר פאַרשידנפאַרמיק.

די מלחמה איז דערווייל געגאַנגען, אַ פּאָר הונדערט קילאָמעטער פון אונדז זענען יעדן טאָג געפאַלן טויזנטער מענטשן. און דאָ זענען די געסטאַפּאָ־לייט, וואָס רופן אַרויס אַזאַ מורא, שטיל, אַפילו איידל, רעדן מיט אונדז גאַנץ נאָרמאַל, פּלאַנירן אויס, עס זאָל ווי אַמבעסטן און ווי אַמשנעססטן דורכגעפירט ווערן זייער באַשטעלונג. מען האָט

אונדז אַרויסגעגעבן צעטעלעך, מען זאָל אונדז געבן האָלץ, בלעך, טשוועקעס און אַלע איבעריקע מאַטעריאַלן. קיינער פון אונדז האָט נישט געגלויבט, אַז די זעלבע מענטשן, וועלכע אַרבעטן מיט אונדז וואָכן־לאַנג, גיבן אַכטונג אויף יעדער קלייניקייט, די זעלבע, ווען זיי גייען נאָר אַרויס אין זייערע גלאַנציקע מונדירן אויף דער גאַס, ווערן זיי מערדער און באַנדיטן, הרגענען מענטשן יעדן טאָג; ווייל כמעט יעדן פרימאָרגן זענען זיי אַלע אָוועקגעפאָרן מיט זייערע אויטאָס און מאַשין־געווער און צוריקגעקומען עלף, אָדער צוועלף בייטאָג, באַשפּריצט מיט בלוט די מונדירן. דער עיקר זענען די שטיוול ביי זיי געווען באַשפּריצט מיט בלוט. זיי האָבן רואיק אָוועקגעשטעלט זייערע מאַשין־געווערן, אַרייַנגעגאַנגען אין באַד־צימער אַרומוואַשן זיך, דערנאָך אָפּגעגעסן און געשפּילט זיך מיט זייערע קינדער, ווי עס וואָלט ביי זיי גאָרנישט פאָרגעקומען.

מיר האָבן צוגעזען, אַז די געסטאַפּאָ־מענטשן (אויב מען קען זיי אָנרופן מענטשן) האָבן איבערהויפּט נישט קיין מענטשלעך געוויסן. יעדן טאָג האָבן זיי דורכגעפירט די זעלבע שחיטות. מיר האָבן נאָר נישט געוווסט אין וועלכע אָרטשאַפטן זיי האָבן די שחיטות דורכגעפירט.

אין די נאָכמיטאָג־שעהן זענען זיי ווידער אַרויס אין גאָרטן, גלייך עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען. זיי האָבן זיך צוגעקוקט בייגעריק ווי אַזוי מיר אַרבעטן ביי דער אַלטאַנקע, געגעבן עצות, ווי אַזוי עס זאָל שענער אויסזען. זיי זענען גאָרנישט געווען די זעלבע מענטשן. זיי האָבן געהאַט אין זיך אַ מין דואַליזם — זייער פיינקייט פון רעדן, כאָטש זיי האָבן געוווסט אַז מיר זענען יידן. און ווען זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס אין זייערע מונדירן, זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בעסטיעס, אין מערדער. אויך ביי זיי אין הויז האָבן געאַרבעט אַרום צען יידישע מענער און פרויען ביי דער ווירטשאַפט, אין קיך, אין גאָרטן, ביי די אויטאָס. די יידן זענען זיכער געווען, אַז זיי וועט גאָרנישט געשען. די געסטאַפּאָ־לייט האָבן זיי פאַרזיכערט, אַז ווען עס וועט זיין אַן אַקציע קעגן יידן, זאָלן זיי נישט קיין מורא האָבן. זיי וועט גאָרנישט שאַטן. אָבער ס'איז געווען אַ ליגן.

ווען עס איז געקומען די ערשטע אַקציע, דעם 27־טן יולי 1942, ווען מען האָט אויסגעזידלט קיין בעלזשעץ 5 טויזנט יידן און דאָרט זיי אומגעברענגט, זענען צווישן זיי אויך געווען די צען יידן פונעם געסטאַפּאָ־הויז, כאָטש אַ דעלעגאַציע פון זיי איז געגאַנגען צום שעף בענע־

וויץ, ער זאָל זיי אַראָפּנעמען פונעם אויסזידלונג־פּלאַץ. דער גוטער „פריינט" בענעוויץ האָט זיך אָװעקגעדרייט פון זיי, אָבער װען זיי זענען צוגעשטאַנען, האָט ער זיי ברוטאַל געענטפערט, אַז דאָ אויפן פּלאַץ איז נישטאָ קיין פּראָטעקציע, אַז אַלע יידן זענען גלייך.

אָבער מיין פּאָטער, מיינע צוויי ברידער און דריי הונדערט יידן, איז דאָך געלונגען אַראָפּצוגיין פון אויסזידלונג־פּלאַץ, װו עס האָבן זיך שוין געפונען זייער פיל קרבנות. דאָס איז געוועזן דערפאַר, ווייל די דייטשן האָבן איינגעזען, אַז אַזוינע יונגע מענטשן ווי מיר, קענען זיי נאָך פיל נוצן ברענגען. ווי דורך אַ צופאַל, אָדער נס, זענען אַלע פיר יידן, וואָס האָבן געאַרבעט ביי דער אַלטאַנקע אין געסטאַפּאָ־הויז, לעבן געבליבן. נאָכן שאַפן פון געטאָ און נאָך די אַלע טרויעריקע אַקציעס, האָבן מיר געמוזט אויף דריי טעג גיין פּאַרענדיקן אונדזער אַרבעט. מער קיין יידישע אַרבעטער און באַדינער האָבן מיר נישט געזען. די געסטאַפּאָ־לייט זענען ווידער אין די נאָכמיטאָג־שעהן אַרויסגעקומען אין גאָרטן, געשמייכלט צו אונדז און באַוווּנדערט אונדזער גוטע אַרבעט, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

זיי האָבן, אין דער סביבה פון זייערע משפחות, אויסגעזען ווי נאָרמאַלע גוטע פּאָטערס און מענער. ווייל אין דעם הויז פון דער געסטאַפּאָ זענען אויך געוועזן זייערע פרויען, זייערע מוטערס, זייערע קינדער, וואָס האָבן זיך געמיטלעך געשפּילט דעם גאַנצן טאָג אין גאָרטן, אַרום דער אַלטאַנקע, וואָס מיר האָבן פאַר זיי געבויט. זיי האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום מיטלייד מיט אונדז, נישט נאָכגעפרעגט זיך וועגן די צען מענטשן, וואָס האָבן זיי חדשים לאַנג באַדינט און זענען געפירט געוואָרן צום טויט.

אָבער נישט אַלע דייטשן זענען געוועזן אַזוי האַרצלאָז, נידערטרעכטיק, היפּאָקריטיש. אין צוויי פאַלן, געדענק איך, זענען די דייטשן געווען מענטשלעך, קאָרעקט. דאָס איז געוועזן אין יאָר 1943, ווען מען האָט אונדז, אַ גרופּע פון אַרום דרייסיק יידן, אַרויסגעפירט פון אַרבעטס־לאַגער, דאָס האָט זיך גערופן געטאָ „אַ", און מען האָט אונדז געפירט דורך דעם שטראָז, ווייל אויפן טראָטואַר האָבן יידן נישט געטאָרט גיין, ביז צום מיליטערישן שפּיטאָל אויף דער סלאָוואַצקי־גאַס. דאָרט האָבן מיר געאַרבעט. די פרויען — ביים רייניקן די צימערן און באַדינונג, די מענער — ביי פּאַכמענישע אַרבעטן. איין שלאָסער און איך זענען געוועזן צוגעטיילט אין דעם ווערקשטאַט פון שלאָסעריי און בלעכעריי, וו מיר

האָבן פאַריכט אַלע איינריכטונגען, וועלכע זענען צעשטערט געוואָרן בעת דער מלחמה.

נאָך אַ געוויסער צייט, ווען מיר האָבן סטאַביל געאַרבעט, איז צו אונז אַריינגעקומען אַ דייטשער סאָלדאַט, האָט זיך צוגעקוקט צו אונזער אַרבעט, און אַזוי ווי ער אַליין איז געווען פון באַרוף אַ בלעכער, האָט ער אָנגעהויבן מיט אונז מיטצואַרבעטן, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן. מיר האָבן דעמאָלט אויסגעפּאַרטיקט גרויסע פּושקעס מיט דעקלעך. אין די דאָזיקע פּושקעס האָבן מיר ביים מיטאָג צוזאַמענגענומען די רעשטלעך עסנוואַרג און מיר האָבן עס יעדן טאָג מיטגענומען מיט זיך אין געטאָ. צענדליקער משפּחות האָבן זיך אַזוי אַרום דערנערט.

דער דייטשער סאָלדאַט האָט אונז דערביי געהאָלפן צוזאַמענגענעמען און אָנצופילן די פּושקעס מיט עסנאַרג און ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער אונז אַרויסגעוויזן מיטגעפיל און פאַרשטענדעניש. מיר האָבן מיט דער צייט באַקומען צוטרוי צו אים. אַזוי האָבן מיר אויך אָנגעהויבן פריי, אָן שום מורא, צו דיסקוטירן מיט אים וועגן פאַרשיידענע פּאָליטיש־מיליטערישע ענינים, וועגן אַלע אַקטועלע נייעסן. ער האָט אונז דערציילט, אַז ער אַליין איז געווען אַ סאָציאַל דעמאָקראַט, אָבער איצט, ווען ער זעט, אַז היטלער האָט דערפירט צו אַזעלכע גרויסע דערפאָלגן, סיי עקאָנאָמישע, סיי מיליטערישע, פאַר דייטשלאַנד, איז ער אויף דער זייט פון היטלערן און פון היטלעריזם.

האָב איך אים געענטפערט, אַז ער קען גאָרנישט דעם מהות פון היטלעריזם. ער קען נאָר די גוטע זייטן פון די מיליטערישע דערפאָלגן, ווייל היטלער האָט פאַרכאַפּט גאַנץ אייראָפּע, אָבער פאַר וואָס פאַרא פּרייז? מיליאָנען קרבנות פון אַלע פעלקער, און אויך פון דייטשן פאָלק. ער האָט צעשטערט טויזנטער שטעט, געבערענגט הונגער־נויט און אומגליק פאַר אַלע פעלקער פון אייראָפּע. ער מאָרדעט אומשולדיקע יידן, קליין און גרויס. ווו איז דאָס געוויסן פון דייטשן פאָלק, צו דערלאָזן צו אַזאַ באַרבאַריזם? ביסט אַ געוועזענע סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ פיינער, אָנשטענדיקער דייטש, פאַרוואָס רעאַגירסטו נישט קעגן דעם אַלעמען? זע, מען מאָרדעט אַפילו קליינע קינדער, וואָס האָבן קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן, און דו גלאָריפיצירסט נאָך דעם היטלעריזם...

אונזער דיסקוסיע האָט אָנגענומען אַן ערנסטן כאַראַקטער. ער האָט מיר דאַן גאָרנישט געענטפערט, איז אַוועקגעגאַנגען פון דער אַטעליע און איז אין דעם טאָג מער נישט צוריקגעקומען. איך האָב זיך אַליין

געוווּנדערט, פון וואַנען עס האָט זיך דערנומען צו מיר אַזויפיל מוט, און אים, דעם דייטש, געזאָגט דעם גאַנצן אמת אין פנים אַריין, אַלץ, וואָס איז מיר געלעגן אויפן האַרץ. איך האָב באַדויערט, וואָס איך האָב אים דאָס אַלץ געזאָגט אָפן, באַשולדיקט אים פּערזענלעך און דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק.

איך בין שוין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, און מורא געהאַט דעם צווייטן טאָג, ווען איך וועל קומען אין דער אַטעליע, וועט שוין זיכער די געסטאַפּאָ אויף מיר וואַרטן. צי קען מען דען האָבן צוטרוי צו די דייטשן און זיי וואַרפן דעם גאַנצן אמת אין פּרצוף אַריין? איך בין מיט האַרצקלאַפּעניש געגאַנגען צו דער אַרבעט אין שפּיטאָל. איך בין געקומען אין דער אַטעליע און דעם דייטש נישט געטראָפן. ערשט אַרום 10 אַזייגער איז ער געקומען. מיר האָבן זיך באַגריסט, אָבער קאַלט, נישט ווי תמיד. מען האָט געפילט, אַז די פריינטלעכע אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט ביז דעמאָלט, איז פאַרשוווּנדן. מיט איינמאָל איז ער צוגעקומען צו מיר און פריינטלעך צו מיר געזאָגט, אַז ער וויל זיך מיט מיר אַדורכרעדן. איך האָב גלייך דערשפּירט, אַז זיין געוויסן פּייניקט אים אַביסל, אַז ער האָט אויך אַ גאַנצע נאַכט נאָכגעקלערט וועגן דעם אַלעם, וואָס איך האָב אים פאָרגעהאַלטן. ביי מיר איז אַלץ געווען די מורא, ווייל ווער ווייסט וואָס אין האַרצן פון אַ דייטש קען זיך אָפּשפּילן — אַ ייד, זאָל האָבן די העזה צו רעדן אָפן וועגן די דייטשע פאַרברעכנס! מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט שמועסן.

דער ערשטער האָב איך אָנגעהויבן צו רעדן און האָב אים געזאָגט, אַז איך באַדויער שטאַרק, וואָס איך האָב אים דאָס אַלץ מיט אַ טאָג פריער געזאָגט, ווייל מען קען קיינמאָל נישט אָפּשאַצן די סענטימענטן און די מאָראַלישע איינשטעלונגען פונעם צווייטן. איבערהויפּט נאָך, ווען מיר לעבן איצט אין אַזאַ געפערלעכע צייט, ווען מען ווייסט נישט וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג קען ברענגען. דערצו נאָך געהערט ער צו אַ פאָלק, וואָס דאָמינירט און הערשט איבער גאַנץ אייראָפּע, אין דער צייט, ווען איך געהער צו אַ פאָלק, וואָס מען נעמט אונז אַוועק דאָס רעכט צו לעבן און עקזיסטירן.

האָט ער מיר געענטפערט גאַנץ אויפריכטיק, אַז ער וויל איך זאָל האָבן צו אים צוטרוי, גענוי אַזוי ווי איך האָב צו אים געהאַט ביז היינט, ווייל ער האָט באַמערקט אין מיינע רייד, אַז איך האָב זיך געשראָקן און נישט געהאַט מער קיין צוטרוי צו אים.

— ווען איך וואָלט געזאָגט — רופט ער זיך אָפּ — אין דער אַדמיניס־טראַציע נאָר איין וואָרט, וואָס דו האָסט נעכטן געזאָגט, ווייסטו דאָך אַליין, אַז וואָלסט אין שפּיטאָל מער נישט געווען, און איך ווייס נישט, צי דו וואָלסט איבערהויפּט נאָך געלעבט. אָבער דו קענסט האָבן הונדערט־פּראָצענטיקן צוטרוי צו מיר. אונזערע באַציאונגען וועלן ווײַ־טער זײַן די זעלביקע ווי ביז איצט.

לויט אים האָט זיך באַקומען, אַז ער פֿאַרהאַסט די באַרבאַרישקייט און אוממענטשלעכקייט פֿון היטלעריזם, אָבער ער שאַצט פֿונדעסטוועגן אָפּ די גרויסע אויפֿטוען פֿון היטלערן פֿאַרן דײַטשן פֿאָלק.

אונזערע פֿאַרהעלטעניש זענען ווײַטער געווען גוטע. ער האָט מיר ווײַטער געהאָלפֿן צוזאַמענעמען דאָס ביסל עסנוואַרג בײַ די דײַט־שע סאָלדאַטן, איך זאָל עס קענען מיטנעמען אין געטאָ. ער איז געווען אַ נאַציאָנאַליסט, אָבער זייער אַ נאָבעלער, אָנשטענדיקער מענטש. מיט אַ קורצע צײַט שפּעטער האָט מען אים אַוועקגעשיקט אויפֿן רוסישן פֿראָנט.

אַ צווייטער דײַטש, וועלכער האָט זיך באַצויגן צו מיר מענטשלעך, איז געווען שוין אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, אין אוישוויץ.

דאָס איז געווען אין יאָר 1944, אין לאַגער שווינטאָכלאָוויצע אין שלעזיען, וווּ איך האָב געאַרבעט אַלס מעטאַל־טאָקער בײַ אַ דריי־באַנק. דעמאָלט בין איך שוין געווען זייער אָפּגעשוואַכט, איך האָב געוויגן 34 קילאָ, בײַ מײַן הויך פֿון 1 מעטער 73. איך האָב געאַרבעט נאַכט־שיכט, דאָס הייסט פֿון זעקס אָוונט ביז זעקס אין דער פֿרי. אַ דײַטשער סאָל־דאַט, אַ וועכטער, איז אומגעגאַנגען מיט זײַן אָנגעלאָדן געווער פֿון איין טיר צו דער צווייטער און אַכטונג געגעבן די העפֿטלינגע זאָלן נישט אַנטלויפֿן. אים איז תמיד אויסגעקומען פֿאַרבײַצוגיין לעבן דער דריי־באַנק, וווּ איך האָב געאַרבעט.

גייענדיק אַזוי צען מאָל, הונדערט מאָל, ווערט מען באַקאַנט און אַביסל פֿאַרטרוילעך. האָב איך אים איינמאָל געפֿרעגט אין פֿאַרבײַגיין (ווײַל רעדן מיט אַ העפֿטלינג האָט ער נישט געטאָרט), צי ער דאַרף נישט, אַז איך זאָל אים פֿאַריכטן אַ העמד, אָדער אויסוואַשן אַ פּאָר זאָקן. האָט ער מיר געזאָגט, אַז יאָ.

דאָס איז שוין געווען אַ גרויסע דערגרייכונג, אַז ער האָט מײַן פֿאָרשלאָג אַקצעפּטירט און ער איז נישט אויף מיר אָנגעפֿאַלן.

אויף צומאָרגנס ביינאַכט האָט ער מיר אָנגעוויזן אַן אָרט, ווו ער האָט איבערגעלאָזן אַ העמד, אַ פּאָר זאָקן און אויך אַביסל עסנוואַרג.

מען קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן וויפל כוח און ענערגיע דאָס האָט מיר געגעבן. דאָס עסן האָב איך, נאַטירלעך, באלד איינגעשלונגען און דאָס האָט מיך אַביסל געשטאַרקט.

דעם אַנדערן טאָג האָב איך אים צוריקגעלייגט אויפן זעלבן אָרט זיין אויסגעוואַשן העמד און זאָקן, גוט אויסגעריכטעט.

אַזוי איז עס צוגעגאַנגען וואָכן און חדשים, אָבער נאָר אין די נאַכט־שיכטן. אפשר האָט דאָס מיר, דאָס ביסל שפּייז, געגעבן כוח, נאָר־האַפּטיקייט, איך זאָל נישט פאַלן פון די פיס ביי דער אַרבעט, אַזוי ווי אַנדערע. ווייל יעדער טאָג, וואָס מען האָט איבערגעלעבט, איז פאַר אונז געווען אַ גרויסער נס, אַ גרויסער העראָיזם ממש.

# קאַפּיטל 6

## חורבן-פשעמישל

דער טראַגישער חורבן פון די פשעמישלער יידן רופט אפשר נישט אַרויס ביי יעדן די זעלביקע געפילן. פאַר אַ זייטיקן איז עס — געשיכטע — סטאַטיסטיק, צווישן אַזוי פיל מיליאָנען אויסגעהרגעטע יידן איז עס — נאָך אַ פאַרניכטעטע שטאָט מיט יידן. 22 טויזנט יידן זענען אומגעקומען אין פשעמישל.

אָבער נישט מיטן זעלבן געפיל לייענען עס די עטלעכע הונדערט פשעמישלער יידן, וועלכע זענען דורך פאַרשיידענע ניסים, לעבן געבליבן און זענען צעשפרייט איבער פאַרשיידענע לענדער. זיי, די לעצטע פשעמישלער יידן, האָבן פאַרלוירן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט — משפחה, טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער — אַלע זענען זיי אין שרעקלעכער אכזריות אומגעקומען.

דער, וואָס איז דאָרט נישט געוועזן, קאָן זיך איבערהויפּט נישט פאָרשטעלן, דאָס, וואָס מען רופט דאָס טראַגישע קאַפּיטל — געטאָ.

נאָך אַלע דעפּאָרטאַציעס און שיקאַנעס, דער עיקר נאָכן אוועקשיקן אין יאַנאָווער לאַגער ביי עלף הונדערט יידן, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע טראַגעדיע פון פשעמישלער יידנטום. עס זענען שוין פון לאַנג אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מען וועט אַלע יידן פאַרמאַכן אין אַ געטאָ. אָבער מען האָט עס נאָך אַלץ נישט געגלויבט, נישט געוואָלט גלויבן, כאָטש מען האָט געגעבן געוווּסט, אַז אין קראָקע זענען שוין די יידן מער ווי אַ יאָר פאַרמאַכט אין געטאָ. יידן האָבן געהאָפט, אַז פשעמישל וועט אויסמיידן אַזאַ אומגליק. אָבער אָנהייב יולי 1942 איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז אין די עטלעכע גאַסן איבער דער באַן־בריק וועט געשאַפן ווערן דאָס געטאָ.

מיין פאָטער איז געלונגען אויף דער קאָפּערניקאַ־גאַס אין אַן עק הויז, צו באַקומען אַ קליינע וווינונג, צוזאַמען מיט נאָך אַ משפחה, און דערלעבן — נאָך אַ צימערל אויף אַ וואַרשטאַט. ער האָט זיך באַזאָרגט מיט אַ וועגעלע, אויפגעלאָדן אַלע שווערע מאַשינען מיט דעם געצייג, מיט די בלעכן, מעש, קופּער און אייזן. מען איז נאָך געווען אַזוי נאַאיוו און געגלויבט, אַז די סיטואַציע וועט זיך דאָך נאָרמאַליזירן, און מען וועט אונז לאָזן רואיק עקזיסטירן. דער צוגאַנג צום געטאָ איז געווען דורך דער באַן־בריק. מיט די וועגעלעך האָט מען געמוזט מאַכן צוויי מאָל אַזאַ לאַנגן וועג דורך דער צווייטער בריק דורכצופאָרן.

כדי צוצוקומען צו דער בריק, האָט מען געמוזט דורכגיין דעם פּלאַץ פון באַנהויף. אַזוי ווי פּשעמישל איז געווען אַ וויכטיקער פאַר־בינדונגס־פּונקט צווישן מזרח און מערב, איז דער פּלאַץ פאַרן באַנ־הויף תמיד געווען פול באַלייגט מיט דייטשע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געוואַרט אויף צוגן אין דער ריכטונג פון מזרח, קיין רוסלאַנד, אויפן פראָנט וואָס האָט זיך אַלץ מער אַריינגעשניטן אין די רוסישע געביטן. גייענדיק איינמאָל דורכן פּלאַץ, מיטן אָנגעהאָנגענעם מגן־דוד אויפן לינקן אָרעם, האָט אַ דייטשער אָפיציר מיך צוגערופן: „קאָם, דו פאַר־פלוכטער יודע!". האָב איך אים, אַזוי ספּאָנטאַן, געענטפערט: „גיי, דו פאַרפלוכטער דויטשע" . . . אַזוי ווי ער האָט דאָס דערהערט, און דאָס נאָך צווישן אַנדערע זעלנער, כאַפּט ער אַרויס דעם רעוואָלווער. ווי נאָר איך האָב דערבליקט זיין זשעסט, האָב איך מיך אַוועקגעדרייט, געלאָפן צווישן אַלע אַנדערע סאָלדאַטן, צווישן די אָנגעהויפטע פּעק־לעך און טאָרניסטערס. אין איין רגע בין איך שוין געווען אויף דער בריק איבער דער באַן, אַרויפגעלאָפן אַ 20 טרעפּלעך, געלאָפן ווייטער און כסדר נאָכגעבליקט צי דער דייטשער אָפיציר לויפט מיר נישט נאָך.

פון שרעק און האַרצקלאַפּעניש, בין איך דערנאָך עטלעכע טעג נישט דורכגעגאַנגען דורך דעם פּלאַץ ביים באַנהויף. איך האָב געמאַכט אַ דאָפּלטן וועג דורך דער צווייטער בריק, כדי צוצוקומען צום אָרט, ווו עס איז באַשטימט געוואָרן פאַרן געטאָ.

דעם 15־טן יולי 1942 איז מיט איין מאָל געקומען די פאַראָר־דענונג, אַז עס ווערט געשאַפן דאָס געטאָ, און אַלע יידן פון פּשעמישל טאָרן זיך מער נישט געפינען אויסערהאַלב דעם ווין־ראַיאָן. אַ ייד,

וואָס וועט נאָך דער דאָטע זיך געפינען אויף דער אַרישער זייט, וועט דערשאָסן ווערן.

אין שטאָט איז גלייך געוואָרן אַ בהלה. ווי קאָן מען אין געציילטע טעג אַלץ אַריבערפירן, וואָס מען האָט דערויף געאַרבעט אַ גאַנץ לעבן? און ווי קאָן מען געפינען פּלאַץ אין שטיבער פון עטלעכע גאַסן פאַר איבער צוואַנציק טויזנט יידן? דערצו נאָך האָבן די דייטשן שוין געהאַט אַריבערגעפירט קיין פשעמישל ביז פינף טויזנט יידן פון די אַרומיקע דערפער, שטעט און שטעטלעך. און דאָס אַלץ איז נישט גענוג געווען פאַרן אַנגעלאָפּענעם עולם יידן. מען האָט זיי אויך איינגעאָרדנט אין די קאַשאַרן, ווו מיר האָבן געאַרבעט ביי שלעזינגערן. אויפן פּלאַץ האָט מען אויפגעשטעלט סלופּעס. אַריבערגעצויגן אַ דעכל, און די בודקעס האָבן געדינט אַלס אַן אָרט דורכצושלאָפן אַ נאַכט, ווייל גאַנצע טעג איז מען געווען אין דרויסן און אַרומגערעדט די שווערע לאַגע. מען האָט געטראָגן מיט זיך טעפּלעך און געגאַנגען צום פּלאַץ פון יודן־ראַט, ווו מען האָט באַקומען אַ ביסל זופּ. עס איז געווען אַ וואַסערדיקע זופּ. דער הונגער אין שטאָט איז שוין געווען גרויס. מענטשן זענען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער.

די גאַנצע שטאָט איז פול געווען מיט טראַנספּאָרט־וועגעלעך. עס איז אָבער נישט אַזוי לייכט געווען צו באַקומען אַ וועגעלע, אַריבער־צופירן אין די עטלעכע אָפּגעטיילטע גאַסן פון געטאָ דאָס ביסלווירט־שאַפט, וואָס יעדער איינער האָט אין דער קורצער צייט געמוזט ברענ־גען צו שלעפּן פון זייערע אַלטע היימען. אָבער מען האָט זיך דאָך אַרויסגעהאָלפן איין ייד דעם אַנדערן. איינער האָט אויסגעבאָרגט ביים אַנדערן אַ וועגעלע. דאָס איז געווען די יידישע סאָלידאַריטעט אין אַ שווערן נויט־מאָמענט, אין אַ טראַגישער לאַגע. מען האָט געזען איבער די גאַסן פאַניענקעס, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין האַנט אין קאַלט וואַסער נישט אַריינגעטאָן, ווי זיי זענען מיט איין מאָל געוואָרן טרעגערס און געשלעפּט שווערע פּעק צום קוואַרטאַל פון באַשטימטן געטאָ.

מיר, דאָס הייסט, מיין יינגערער ברודער און איך, האָבן ווי־דער געהאַט אַריבערצופירן אַלע מאַשינען און די בלעכן. אָבער דאָס מאָל איז עס אַזוי לייכט נישט געווען. מען האָט עס אַלץ געמוזט שלעפּן פונעם קעלער אויף דער באַשטאָוואַ־גאַס, וואָס האָט אונז געדינט ווי אַ וואַרשטאַט. עס איז געווען 10, אָדער 12 טרעפּלעך אַרויפצושלעפּן. מען איז שוין געווען שוואַך, אויסגעשעפּט. עס זענען געווען שווערע

מאַשינען, צו פּרעסן, בויג־מאַשינען צו מאַכן קאָלאָנקעס. יעדע זאַך איז געווען אַ שאָד איבערצולאָזן. אין אַזעלכע שווערע צייטן, האָט מען געמיינט, אַז יעדער חפץ וועט צונוץ קומען. מען האָט איבערגעלאָזן אַ סך זאַכן, מען האָט אָבער געמוזט מיטנעמען אונזערע מעבל, בעטגעוואַנד. אַזוי האָט מען גאַנצע טעג געשלעפּט אין געטאָ אַריין, וואָס נאָר מ׳האָט געקאָנט, כאָטש פיל פּלאַץ איז אין דער נייער דירה נישט געווען. קיינער פון אונז איז מער נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט בעת דער איבערזידלונג, ווייל אַלץ האָט געמוזט איבערגעפירט ווערן ביזן 15־טן יוני.

צו דער דאַטע האָט מען אָפּגעשלאָסן דאָס געטאָ. און מאָדנע, יידן האָבן זיך צוערשט אפילו געפילט זיכערער, צוזאַמען מיט אַלע יידן, ווי אין דער שטאָט, ווו מען איז געווען אויסגעשטעלט אויף שיקאַנעס מצד אַלערליי פּוילישע און אוקראַינישע שאַנטאַזשיסטן און דייטשן. די אוקראַינער און פּאָליאַקן האָבן נאָר געזוכט יעדע געלעגנהייט צו מסרן, שאַנטאַזשירן, כדי צו באַרויבן די יידן, וואָס זענען געשטעלט געוואָרן אויסער יעדן געזעץ.

אַזוי איז געווען אַ פאַל, ווען אַ בחור פון אונזער הויף, ער האָט געהייסן יאַנצי יאַכטשיס (זיין מוטער האָט געהייסן יאַכטשי); ער האָט נישט געהערט צו דער גוטער געזעלשאַפט, ער איז געווען אַ שלעגער. יעדער האָט פאַר אים מורא געהאַט, כאָטש ער האָט געהאַט אַ גוט האַרץ, קיינעם נישט געלאָזט שלעכטס טאָן, געלאָפן העלפן. אַ שלעגער, אַ מעסער־שטעכער, האָט ער זיך אין געטאָ אויפגעפירט גאָר אַנ־האַרץ, קיינעם נישט געלאָזט שלעכטס טאָן, געלאָפן העלפן. אַ שלעגעראָאישן ייד, וואָס פאַרטיידיקט זיינע ברידער יידן. אין דער צייט, איידער מיר זענען פאַרמאַכט געוואָרן אין געטאָ, איז ער אַוועק אין די אַרומיקע דערפער, אַראָפּגענומען פון זיך דעם אָרעם־באַנד מיטן מגן־דוד, מען זאָל נישט דערקענען, אַז ער איז אַ ייד. ביי די פּויערים אין די דערפער האָט ער איינגעקויפט אַביסל לעבנס־מיטל, און געברענגט עס אין שטאָט אַריין. דערמיט האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו דערנערן זיין משפחה, און נאָך פאַרדינען אַביסל געלט. די פּאָליאַקן האָבן אויך געפירט אַזאַ האַנדל מיט יידן, און ווען זיי האָבן געזען, אַז יאַנצי גייט אַרום איבער די דערפער, איינקויפן לעבנס־מיטל, האָט עס זיי געקרענקט. די פּויערים האָבן נישט גענומען קיין געלט, נאָר ווערט־זאַכן — טישטוכער, ליינטיכער, אָנצוגן, שיך. דאָס אַלץ האָבן זיי צוגענומען

כמעט בחצי חינם, פאַר אַ שטיקל ברויט, פאַר אַ ליינטוך, אַן אָנצוג — אַ קילאָ קאַרטאָפל.

איז זיי נישט געפעלן וואָס יאַנצי גייט אַליין אין די דערפער איינ־קויפן און צאָלט נאָר מיט געלט, אָנשטאָט חפצים און זאַכן. האָבן זיי אים געמסרט פאַר דער געשטאַפּאָ; פּוילישע פּאָליציי האָט אים נאָכגעשפּירט און אים געכאַפּט אין אַ דאָרף, ווו ער האָט איינגעקויפט הינער. ווייל יידן האָבן, לויט דער פאַראָרדענונג, קיין פליש נישט געטאָרט עסן. זיי האָבן אים געוואָלט אַלץ צונעמען, אים אַרעסטירן. האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַמפּעריי, אַ קריגעריי, און די פויערים, וואָס האָבן אים פאַרקויפט דאָס עסנוואַרג, האָבן זיך געשטעלט אויף זיין זייט, נישט דערלאָזט מען זאָל עס אים קאָנפיסקירן.

געזען אַזוי, האָבן אים די פּאָליציאַנטן כלומרשט געלאָזן אַוועקגיין און אויפן וועג זענען זיי אים ווידער באַפאַלן, און אים באַשולדיקט, פאַרוואָס ער גייט אָן דעם אָרעם־באַנד מיטן מגן־דוד; ווייל פאַר דעם קומט טויט־שטראָף. זיי האָבן דעם אורטייל גליך אויסגעפירט, אים אויפן אָרט דער־שאָסן און אים געפירט צום יידישן בית־עולם. דאָרט האָט מען יאַנצין מיט אַ טאָג שפּעטער באַערדיקט.

אַזוי טראַגיש האָט זיך געענדיקט די העלדישקייט פון אַ יידישן בחור, וואָס האָט אַריינגעשמוגלט אַביסל עסנוואַרג אין געטאָ אַריין פאַר די הונגעריקע יידן. ער האָט פאַר דער מלחמה געהערט צו דער אונטער־וועלט, אַ מעסער־שטעכער, אַ שלעגער, אָבער מלחמה־צייט האָט ער, ווי אַלע יידן, געטראָגן אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אַ גרויסע סכנה איז געווען אַראָפּצונעמען דעם אָרעם־באַנד מיטן מגן־דוד פון דער לינקער האַנט, ווען מען איז געגאַנגען אויף דער אַרישער זייט.

איך אַליין בין איינמאָל געגאַנגען אָן דעם באַנד ביז צו דער סמאָל־קי־גאַס. ס'איז געווען ווייט, כ'בין געגאַנגען צו אונזערע אַ געוועזענע באַדינערין. זי איז געווען זייער פאַרוווּנדערט און דערשראָקן, מיך דער־זעענדיק. איך האָב ביי איר געבעטן אַביסל לעבנס־מיטל. האָט זי מיר געגעבן, וואָס זי האָט געהאַט אין שטוב צום עסן, און מיך געבעטן כ'זאָל מער נישט קומען, ווייל זי האָט מורא פאַר די גוישע שכנים. און ווען כ'בין צוריקגעגאַנגען אין געטאָ, האָב איך זיך זייער געשראָקן, כאָטש איך האָב זיך געשלייכט דורך אַלע קליינע געסלעך. כ'בין שוין געווען גליק־לעך, ווען איך בין בשלום צוריקגעקומען, און האָב באַשלאָסן, אַז מער גיי איך נישט אָן דער באַנד און אַליין, אויף דער אַרישער זייט.

אָבער עס זענען געווען יידן, וועלכע האָבן ריזיקירט און דאָך גע־גאַנגען. און אויף דעם האָבן געוואַרט די שמאַלצאָווניקעס. דאָס זענען געווען די פוילישע אונטערוועלט־באַנדעס. זיי האָבן אויסגענוצט דעם יידישן אומגליק, אַרומגעגאַנגען כסדר און געשמעקט, נאָכגעקוקט יעדן איינעם, צי ער איז נישט קיין פאַרשטעלטער ייד. אויף זייער זייט איז געווען די פוילישע פּאָליציי, די געשטאַפּאָ. פיל יידן זענען, ליידער, אַריינ־געפאַלן אין זייערע לאַפּעס.

מיטן שאַפן פונעם געטאָ, האָט זיך זייער ווילדעווען אַביסל גע־צוימט. זיי האָבן אַצינד געזוכט אַנדערע מיטלען, ווי אַזוי צו זויגן דאָס יידישע בלוט. כמעט יעדן אָוונט האָבן זיי צוגעבראַכט צום פלויט פון געטאָ אַביסל עסנוואַרג און איינגעטוישט עס אויף טעקסטיל־סחורות. די פּאָליאַקן האָבן פאַר אַ שטיקל ברויט זיך איינגעשאַפט יידישע חפצים, יידיש האָב־און־גוטס.

די לאַגע איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ ערגער. די ראַציעס זענען צוגעטיילט געוואָרן דורכן יודען־ראַט. נאָך אַ ביסל זופּ האָט מען גע־מוזט שטיין שעהען־לאַנג אין דער ריי. יידן זענען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. דערצו האָט זיך גלייך געמאַכט אַן עפּידעמיע. דאָס יידישע שפּי־טאָל איז געווען איבערגעפולט מיט קראַנקע.

מיר האָבן געהאַט מזל. איין טאָג פאַרן הערמעטישן פאַרמאַכן דאָס געטאָ, האָבן עטלעכע פויערים געבראַכט צו אונז אין דער פרישער אַטעליע אַ וועגעלע קאַרטאָפל, מעל. זיי האָבן אונז אויפגעזוכט, ווי אַלטע באַקאַנטע, די פויערים, מיטן גלח. דעם חוב זענען זיי אונז שולדיק געווען פאַרן פאַריכטן דעם דאַך פון דער צערקווע, אַ רוסיש־קאַטוילישע קירכע.

מען קאָן זיך נישט פאָרשטעלן אונזער פרייד און איבעררעשונג, אַז נאָך אַזוי פיל צרות, וואָס מען לעבט איבער, געפינען זיך נאָך אָנשטענ־דיקע פויערים, וואָס געדענקען, אַז מען האָט פאַר זיי געאַרבעט און באַ־צאָלן זייער חוב.

אין געטאָ האָט געראַיעט מיט יידן. טויזנטער האָבן זיך אויפגע־האַלטן אין די הייף, אונטער אַ דעכל, אין די קעלערס, אויף די בוידע־מער. אַ גאַנצן טאָג איז מען אַרומגעגאַנגען אויף די גאַסן, מען האָט גע־שמועסט, געשפּאַרט זיך, דיסקוטירט, אפילו געזונגען, געשפּילט אין שאַך. פיל פרומע יידן זענען געזעסן און געלערנט אַ בלאַט גמרא מיט תוספות. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז זייער מאָראַל איז געווען פיל העכער,

ווייל זיי האָבן נאָך, נעבעך, געגלויבט, אַז דער השם יתברך וועט העלפן, עס וועט קומען אַ ישועה און מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן . . .

די וועלטלעכע האָבן אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן אויסגעדריקט זייער בטחון. עס האָבן זיך געשאַפן גרופעס, וואָס האָבן גלייך צונויפגעזאַמלט ביכער, געלייענט, דיסקוטירט, אַריינגעטייטשט. דער יודען־ראַט האָט זיי איבערגעגעבן אויף דער קאָפּערניקאַ־גאַס אַ מאַגאַזין פון אַ פאַרלאָזענער פאַבריק. זיי האָבן דאָרט פון ברעטער צוזאַמענגעקלאַפּט פּאָליצעס פאַר די ביכער, וועלכע יידן האָבן מיט זיך מיטגענומען פון זייערע פאַרלאָזענע היימען. דער לייטער פון דער ביבליאָטעק איז געווען דער באַוווסטער היסטאָריקער, וואָס האָט זיך געפונען מיט אונז, מתתיהו מיזעס. צוזאַמען מיט נאָך צוויי־דריי באַקאַנטע פערזענלעכקייטן, האָבן זיי געאָרדנט די ביכער.

אַזוי האָט יעדער איינער פון די גרופן געהאַט זיין געביט. די רעליגיעזע — ביים לערנען, די וועלטלעכע — ביי דער ביבליאָטעק. אָבער אַלע צוזאַמען זענען שעהען־לאַנג געשטאַנען איר דער רייע ביים יודען־ראַט, צו באַקומען אַ ביסל זופּ.

די, וועלכע האָבן ביזן פאַרמאַכן דעם געטאָ, געאַרבעט אין שטאָט ביי עפנטלעכע אַרבעטן, ביי דער ווערמאַכט, אין שעכט־הויז, זיי אַלע האָבן ווייטער געאַרבעט, זענען אַרויס אין שטאָט אַרבעטן. אפילו די, וואָס האָבן געאַרבעט ביי פּריוואַטע פירמעס, האָבן באַקומען אַן אויסווייז און יעדן פרימאָרגן האָבן זיך צוזאַמענגענומען הונדערטער יידן, געפירט דורך פּוילישע פּאָליציאַנטן דורך דעם שטראָז, ווייל יידן האָבן אויפן טראָטואַר נישט געטאָרט גיין. מיין עלטערער ברודער הערמאַן האָט געאַרבעט ביי אַ פּריוואַטן פּאַפּיר־הענדלער און האָט יעדן טאָג געליפערט שרייב־פּאַפּיר צו אַלע שטאָטישע אונטערנעמונגען, אפילו צו דער געשטאַפּאָ.

מיר, פיר אַרבעטער, צוויי סטאָלער און צוויי בלעכער, האָבן ווייטער געאַרבעט ביי דער אַלטאַנקע אין גאָרטן פון דער געשטאַפּאָ. דאָרט האָבן אויך געאַרבעט צען יידישע באַדינער און עטלעכע זענען דאָרט אפילו געשלאָפן.

אין איין העלן פרימאָרגן, ווען מיר זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט, — אויף אַ געוויסן וועג צעשיידן זיך די גרופּן, יעדער אין זיין ריכטונג — איז צו דער גרופּע פון די פליישער־אַרבעטער, קצבים, אויפן וועג צום שעכט־הויז, אַלע געזונטע און שטאַרקע, קלאָסן, מיטאַמאָל אַנ־

געקומען די פוילישע פּאָליציי מיט דער געשטאַפּאָ, זיי אַרומגערינגלט און באַוואַכטערהייט זיי געפירט אויפן נאַרמאַלן וועג. אָבער באַלד אַוועק־געפירט אין אַן אַנדערער ריכטונג. די פּופּציק שטאַרקסטע יידן פון געטאָ האָבן זיי געפירט צו דער באַן־סטאַציע. דאָרט האָבן שוין געוואַרט וואַגאָנען. אַלע זענען זיי אַריינגעשטופּט געוואָרן אַהין, און זענען ערגעץ וווּ אַוועקגעפירט געוואָרן. מען האָט שוין קיינמאָל נישט געוווּסט ווו זיי זענען פאַרשוווּנדן. זיי זענען קיינמאָל מער נישט צוריקגעקומען.

דאָס איז געווען אַ שטיקל אַרבעט פון דער געסטאַפּאָ. ווי שטאַרק זיי זענען נישט געווען מיט זייערע מאַשין־געווער, די עס־עס־לייט, מיט זייערע פוילישע און אוקראַינישע אַרויסהעלפער, האָבן זיי שטיל דורכגעפירט זייער שטיקל אַרבעט צו פאַרניכטן די שטאַרקסטע פון געטאָ. זיי האָבן עס נישט געזאָגט אָפן, אַז זיי ווילן פאַרניכטן די יידן. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ רעאַקציע פון אַזאַ יאַנטשי.

זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די קצבים־יונגען, וואָס קאָנען זיך אומגיין מיט אַ מעסער. אפילו ווען עס איז געקומען די אַלגעמיינע אויסזידלונג, האָבן זיי אויך נישט געזאָגט, אַז מען פירט יידן צו פאַרניכטונג, זיי האָבן נאָר געזאָגט, אַז מען שיקט אויף אַרבעט, „נאָך אָסטן".

דער טראַגישער פאַל האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן טרויער און אַן אומזיכערקייט ווייטער צו גיין צו דער אַרבעט אין שטאָט, אויף דער אַרישער זייט. אָבער צו דער אַרבעט האָט מען געמוזט גיין. מען האָט ביי דער געלעגנהייט אויך געקענט ברענגען עפּעס צו עסן אין געטאָ אַריין. די סיטואַציע האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרערגערט. מען האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפן פון געטאָ. יעדער, וואָס האָט געהאַט אַן אויסזיכט, אַ באַקאַנטשאַפט אויסערן געטאָ, האָט אַרויסגעשיקט איינעם פון דער משפחה, כדי זיך צו פאַרשטעקן. עס איז אָבער געווען זייער שווער אַרויסצובאַקומען זיך, נאָר איינצלנע איז געלונגען, ווייל די פּוילישע שכנים האָבן געהאָלפן די דייטשן, האָבן געלאַכט מיט שאָדנפרייד, וואָס יידן זענען פאַרשפּאַרט און מען ברענגט זיי ביסלעכווייז אום. זיי האָבן, פּונקט ווי די נאַציס, געוואָרט אַז דאָס „יידישע פּראָבלעם זאָל געלייזט ווערן" דורך מאָרד.

אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן עסן, איז די מאָראַל פון דער באַפעלקערונג אין פּשעמישל געפאַלן זייער שטאַרק. מען האָט איינגעזען, אַז מיר גייען צום אומקום. דאָס צוזען מיט די אייגענע אויגן ווי מ'האָט די 50 יידישע קצבים געפירט צו דער שחיטה, האָט אַלעמען שטאַרק צעב־

ראָכן. דעמאָלט, ווען מען האָט אַוועקגעשיקט די עלף הונדערט יידישע בחורים אין יאַנאָוועור לאַגער, האָט מען נאָך אַלץ געהאָפט און געגלויבט, אַז מען שיקט זיי ווירקלעך צו דער אַרבעט. עס זענען טאַקע פון צייט צו צייט אָנגעקומען בריוו פון לאַגער. אויך פון איינצלנע, אַנטלאָפענע, האָט מען געוווסט, אַז זיי לעבן. אָבער מיט די קצבים איז געווען אַ שרעק־לעכער קלאַפּ.

אַזוי זענען פאַרביי דריי־פיר טעג. דער קאַמף פאַר דער טעגלעכער עקזיסטענץ האָט געמאַכט פאַרגעסן די צרות. עס איז אַפילו צוריקגע־קומען די געמיטלעכקייט, די פריילעכקייט — דאָס לעבן גייט ווייטער! די פּאַרטיי־דיסקוסיעס, וואָס זענען ביז דער מלחמה געווען שאַרפע, דינאַמישע, אַפילו ברוטאַלע, זענען אַצינד אַלע אַוועקגערוקט געוואָרן אין אַ זייט. אַלע האָבן זיך דערפילט אייניק אין זייער אומגליק. מען האָט אַצינד גערעדט וועגן רעליגיע, פילאָזאָפיע, פּאָליטיק, אָבער צו קיין שאַרפע דיסקוסיעס איז מער נישט געקומען.

די באַליבטע טעמע איז געווען אַצינד — עסן. די אויסגעהונגערטע מענטשן האָבן געחלומט וועגן אַ שטיקל טרוקן ברויט. יאָרן לאַנג איז עס אַלעמען נאָכגעגאַנגען, ביז דער באַפרייאונג. נישט איין מאָל האָט מען ריזיקירט מיטן לעבן, כדי צו באַקומען עפּעס צו עסן. דאָס לעבן גופא האָט געשפּילט אַ קלענערע ראָלע, ווי אַ שטיקל ברויט, צו שטילן דעם וועלפישן הונגער. צו דער מדרגה קען דערפירט ווערן אַ מענטש...

דעמאָלט האָט מען שוין אין געטאָ געשמועסט, אַז עס זענען פאַראַן ערנסטע קלאַנגען, אַז מען וועט דעם גרעסטן טייל יידן אַוועקשיקן אַר־בעטן אין די אָסט־געביטן. וואָס און ווען האָט זיך קיינער נישט געקענט פאָרשטעלן, און אַמווייניקסטן — אַז דאָס אַוועקשיקן אויף אַרבעט, איז גאָר פאַקטיש — אומצוברענגען די מענטשן. צו דעם געדאַנק האָט מען זיך נאָך אַלץ נישט געקענט דערטראַכטן, ווייל דאָס איז געווען קעגן יעדן מענטשלעכן שכל.

אַלע האָבן אָבער געפילט, אַז דאָס פאַרמאַכן יידן הערמעטיש אין געטאָ, צענדליקער טויזנטער, אויף אַזאַ קליינעם שטח, אָן מעגלעכקייט — צו אַרבעטן, עפּעס צו פאַרדינען, צו דערנערן זיך — מיט דעם, האָבן אַלע געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך אַ קאַטאַסטראָפע. ווייל מען האָט שוין געוווסט, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט מיט די קצבים, אָבער אַז מען וועט פשוט אויסמאָרדן צענדליקער טויזנטער מענטשן, דאָס האָט זיך

קיינער דעמאָלט נאָך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אפילו נישט די גרעס־טע פעסימיסטן.

עטלעכע טעג ערב דעם 27־טן יולי זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז עס איז אַראָפּגעקומען אַ זאָנדער־קאָמאַנדאָ פון ס. ס., געסטאַפּאָ, ליט־ווישע און אוקראַינישע פּאָליציי, און עפּעס גרייט זיך דאָ. עס איז אַלע־מען באַפאַלן אַ גרויסע שרעק, אַ פּאַניק. פון קיין בונקערס, אויסבאַ־האַלטן זיך, האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט. דאָס איז געווען די ערשטע אויסזידלונג־אַקציע. מען איז געווען אומבאַהאָלפן. די רייען ביים יודן־ראַט נאָכן ביסל זופּ, האָבן זיך פאַרקלענערט. אַזוי איז דעם 26־טן יולי שוין באַקאַנט געוואָרן, אַז מען וועט איבערזידלען צוויי־דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַז דאָס געטאָ ווערט איינגע־טיילט אין דריי טיילן און יעדע דריי טעג וועט אַן אַנדער טייל אויס־גערייניקט ווערן פון יידן; אויסער די, וועלכע וועלן האָבן אַ באַשייני־קונג פון יודען־ראַט, אַלס „נוצלעכער" יודע.

עס איז געוואָרן אַ געפערלעכע שטופעריי און פּאַניק אַרום דער געביידע פון יודן־ראַט. די יידישע מיליץ האָט פאַרשטעלט דעם איינגאַנג און קיינעם נישט צוגעלאָזט. דער עולם האָט זיך אַזוי געשטופּט איינער אויפן אַנדערן, ביז עס איז מיטאָג־צייט געמאָלדן געוואָרן, אַז אין אָוונט וועט מען אַרויסגעבן באַשייניקונגען — ווער עס איז אַנערקענט אַלס „נוצלעכער יודע". דערווייל האָט יעדער באַקומען אַ צעטל מיט פאָלגנ־דיקע צען פונקטן:

1) יעדע משפחה מוז, אַלע צוזאַמען, קומען אויפן זאַמל־פונקט, וואָס געפינט זיך אויפן גרויסן פּלאַץ „טאַרגאָוויצאַ".
2) קומען מוז מען ביז 6 אַזייגער פרי. דער, וואָס וועט קומען שפּעטער, וועט דערשאָסן ווערן.
3) עסן דאַרף יעדער מיטנעמען אויף 3 טעג.
4) יעדער דאַרף מיטנעמען שטאַרקע שיך.
5) יעדער דאַרף מיטנעמען אַרבעטס־קליידער.
6) יעדער דאַרף מיטנעמען אַרבעטס־וועקצייג.
7) יעדער דאַרף מיטנעמען דאָס בעסטע, וואָס ער פאַרמאָגט.
8) יעדער האָט אַ רעכט מיטצונעמען אַ פּעקל ביז צען קילאָ.
9) יעדעס פּעקל, וואָס וועט וועגן מער ווי 10 קילאָ, וועט קאָנפיס־קירט ווערן.

10) יעדער איינער, וואָס וועט געטראָפן ווערן אין אויסזידלונגס־טייל אָן אַן אויסווייז פונעם יודן־ראַט, געשטעמפּלט דורך דער געס־טאַפּאָ, וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט.

אין דעם געדרוקטן צעטל איז אויך געווען אָנגעגעבן, אַז דאָס געטאָ ווערט פון איצט אָן איינגעטיילט אין דריי טיילן:

דער ערשטער טייל, וועלכער באַשטייט פון דער קאָפּערניק־גאַס מיט עטלעכע זייטן־געסלעך, מוז זיך שטעלן אויפן זאַמל־פּלאַץ שוין מאָרגן פרי, דעם 27־טן יולי, פאַר זעקס אַזייגער פרי. די יידן האָבן זיך אָנגעהויבן צוזוגרייטן, ווייל קיינער האָט נישט געוווסט ווער עס וועט זיין דער גליקלעכער און באַקומען דעם אויסווייז פון יודן־ראַט.

די יידן האָבן געפּאַקט די פּעקלעך, איבערגעוויגן עטלעכע מאָל, עס זאָל חלילה נישט זיין מער ווי צען קילאָ, לויט די שטרענגע פאַר־שריפטן פון די דייטשן. בעסער צען דעקאָ ווייניקער, ווי מער. אַזוי וועט מען זיין זיכער, אַז מען וועט נישט קאָנפיסקירן די פּעקלעך.

אַזוי נאַיוו, לייכט־גלויביק ,פּאַרבלענדט, זענען די אָפּגעגאַרטע יידן אין געטאָ געווען, נישט וויסנדיק, נישט פאַרשטעלנדיק זיך, וואָס זיי דערוואַרט אין דער אמתן.

דערווייל האָבן מיר, די יוגנט, זיך אַרומגעדרייט אין געטאָ און געפּאַרשט, וואָס מען קען מאַכן?

טרעף איך אָן אויף אַ באַקאַנטער פרוי, מיט איר טאָכטער. ביידע אַמפּערן זיך און וויינען. די מוטער פאַרקלאָגט זיך, אַז זי האָט חדשים לאַנג געאַרבעט, כדי צוזוגרייטן אַ באַהעלטעניש, און איצט, ביי דער אַקציע, וויל די טאָכטער זיך נישט באַהאַלטן. די טאָכטער שרייט, אַז זי וויל נישט שטאַרבן, זי וויל נישט מען זאָל זי שיסן, אויב מען וועט אַנטדעקן איר באַהעלטעניש. אָבער ווען זי וועט גיין אויפן אויסזידלונג־פּלאַץ, האָט זי נאָך אַ מעגלעכקייט צו בלייבן לעבן...

איך ברענג עס ווי אַ באַווייז, אַז די יידן אין געטאָ האָבן נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז מען פאַרנאַרט זיי, אַז זיי גייען אַליין צו דער שחיטה.

נאָך אַ פאַל. אין זעלבן נאָכמיטאָג טרעף איך אָן דעם פּאַטער פון אונזער חבר קלמן גולן, גאָלדפאַרב, וועלכער לעבט היינט אין ישראל. זאָגט ער מיר: „וואָס האָב איך מורא? איך טו מיר אָן מיין אַרבעטס־אַנצוג, נעם מיר מיינע ווערקצייג און גיי אויפן פּלאַץ. איך בין אַ גוטער שלאָסער און מיר וועט גאָרנישט געשען. אַזאַ אומזיכערע אַטמאָספער

האָט געהערשט אַ טאָג פאַר דער אַקציע. עס איז געווען די גרויסע מורא, וואָס זיי האָבן פאַראויסגעפילט, אויסגעזידלט צו ווערן פון דער היימ־שטאָט פּעשמישל, ווו מען איז געבוירן, געלעבט, אַלע האָבן געהאַט זייער עקזיסטענץ, און פאַרבראַכט די שענסטע יאָרן פון זייער יוגנט. עס האָט געהייסן, אַז מען שיקט אַלעמען אויף אַרבעט אין די אָסט־געביטן, אַזוי האָבן זיי אָפּגעאַרעריש פאַרזיכערט, די דייטשע באַהערדן.

גאָר אינגיכן האָבן זיך אַלע דערוווסט, אַז מען האָט די יידן אָפּ־גענאַרט. אָבער אין דעם טאָג פון 27־טן יולי 1942 איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז דער אָנהייב פון דער „ענדגילטיקער לייזונג״. מען האָט געגלויבט די דייטשן, מען האָט געגלויבט דעם יודן־ראַט, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַלט־איינגעזעסענע, בכבודיקע פּשעמישלער איינוווינער, אַז מען וועט אַלע בלויז שיקן צו דער אַרבעט.

אויפפאַלנד איז גלייך געווען, אַז אין אַלע מעלדונגען און פאָדע־רונגען, האָט מען געדראָט מיט טויט־שטראָף. דאָס געטאָ איז שוין נאָכ־מיטאָג־צייט אַרומגערינגלט געוואָרן דורך פּוילישער, אוקראַינישער און ליטווישער פּאָליציי. קיינער האָט מער נישט געקענט אַריין און ארויס־גיין פון געטאָ, אויסער עטלעכע מיטגלידער פון יודן־ראַט. זיי זענען געגאַנגען צו דער געסטאַפּאָ נעמען די געשטעמפּלטע אויסווייזן פאַר די יידן, וועלכע ווערן אַנערקענט אַלס „נוצלעכע יודן״.

אין די שפּעטע אָוונט־שעהן זענען שוין טויזנטער יידן געווען פאַרזאַמלט פאַר דער געביידע פונעם יודן־ראַט און געוואַרט, געהאָפט, אַז זיי וועלן זיין צווישן אָט דער פּריווילעגירטער קאַטעגאָריע. זיי האָבן זיך געשטויסן איינער אויפן אַנדערן, כדי צו זיין וואָס נענטער צו די טירן, צום הילעכער, וואָס האָט אויסגערופן די נעמען, כדי, חלילה, נישט צו פאַרהערן.

די רעאַקציע פון מענטשן, ווען זיי שטייען פּנים אל פּנים פאַר דער געפאַר פון פאַרניכטונג, איז נישט די זעלבע, ווי ווען מען האָט נאָך אַ שטיקל האָפענונג געראַטעוועט צו ווערן. נישט איין מאָל בין איך געווען אין איין ריי מיט יידן, וועלכע האָבן געוווסט, אַז זיי גייען צו פאַרניכטונג. אַזוי בין איך געשטאַנען מיט 50 פראַנצויזישע יידן, וועל־כע זענען פון אַ לאַגער אָנגעקומען מיט אונז קיין אוישוויץ. זיי האָבן געוווסט, אַז זייער גורל איז געחתמעט, זיי וועלן לעבעדיק פון דאָרט נישט אַרויס. זייער פּסיכישער צושטאַנד איז אָבער נישט געווען אַזאַ

רואיקער ווי אונזערער. מיר האָבן דאָך געהאָפּט אַרויסצוגיין לעבעדיק פון דעם פייער.

דאָס זעלבע איז געווען, ווען מיר זענען אין די צענדליקער טויזנ־טער געשטאַנען און געהאָפּט, אַז מיר וועלן דאָך קענען בלייבן אין געטאָ און נישט ווערן אַרויסגעשיקט.

מען קען זיך פרעגן: פאַרוואָס האָבן אַלע דאָך געוואָלט בלייבן אין דעם פאַרשאָלטענעם געטאָ? כאָטש עס איז נישט געווען וואָס צו עסן, נישט ווו צו וווינען און מען איז געווען אויסגעשטעלט יעדן טאָג אויף שיקאַנעס פון אַלע זייטן. ס'איז אָבער געלעגן אין הינטערבאַוווסט־זיין ביי יעדן ייד די מורא פאַר אַן ענדערונג. אַן ענדערונג איז זיכער — צום ערגערן. און אַזוי איז טאַקע געווען — ביז דער באַפרייאונג אין 1945, איז יעדע ענדערונג נישט געווען צום בעסערן, נאָר צום ערגערן. אויסער איין פאַל, ווען איך האָב פאַרלאָזט דעם טויטן־לאַגער בירקענוי, ביי אוישוויץ, ווו עס איז מיט עטלעכע טעג שפּעטער אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע און מען האָט כמעט אַלע דעפּאָרטירטע אומגעבראַכט.

מיט דעם געפיל פון הינטערבאַוווסטזיין זענען דעמאָלט אַלע יידן געשטאַנען ביים יודן־ראַט און געציטערט אימת־מוות פאַר דער אויס־זידלונג. מען איז געשטאַנען אין איין ציטערניש און געוואַרט, מען זאָל אויסרופן זייערע נעמען.

אָוונט־צייט האָבן זיך אָבער אַלע געמוזט פונאַנדערגיין, מיטן שווערן געפיל, אַז מאָרגן, זעקס אין דער פרי, מוזן זיי גיין אויפן אויסזידלונגס־פּלאַץ. און וואָס עס וועט זיין, ווייס איין גאָט!

אין יעדער משפחה האָט מען געפּאַקט די פּעקלעך. ביי אונז איז אָבער געווען נאָך אַ שווערער פּראָבלעם: וואָס מאַכט מען מיט דער באָבען, די מוטער פון מיין מאַמען, וועלכע איז אַלט געווען איבער 100 יאָר? זי האָט נאָר געקענט גיין מיטן שטעקעלע אָנגעשפּאַרט. און וואָס מאַכט מען מיטן קינד פון מיין עלטערן ברודער? דאָס יינגעלע איז אַלט געווען קוים 3 יאָר. ווי אַזוי קען מען אַ קינד מיטנעמען צו דער אַרבעט? די פאַרצווייפלונג איז געווען אין לשער. די שעהן גייען. מען מוז אָנ־הייבן צו פּאַקן די פּעקלעך. מיר האָבן גאָרנישט געהאָט צוגעגרייט, ווייל מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר וועלן בלייבן אין שטאָט — וואָס הייסט, מיין ברודער אַרבעט ביי אַ פאָלקס־דויטש און ליפערט עטלעכע מאָל אין דער וואָך שרייב־פּאַפּיר פאַר דער געסטאַפּאָ. איך אַרבעט ביי דער ווערקאַנדע אין הויף פון דער געסטאַפּאָ, און אַלע קענען מיך.

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זענען געווען זייער נאַיוו און גע־גלויבט, אַז דאָס אַלץ קען אונז עפּעס העלפן. ווען איינער טרינקט זיך, כאַפּט ער זיך אָן אין אַ מעסער. אַזוי איז געווען מיט אונזער גאַנצער משפּחה.

ווען איך און מיינע ברידער זענען אַהיימגעקומען און דערציילט, אַז מיר זענען נישט אויף דער ליסטע און מיר קענען נישט בלייבן אין געטאָ, אַז מיר מוזן מאָרגן אין דער פרי גיין צום אויסזידלונג־פּלאַץ, האָט עס אין דער היים אַרויסגערופן אַ גרויסן טרויער און פאַרצווייפלונג. פאַר מיין מוטער איז געווען די גרעסטע זאָרג — וואָס טוט מען מיט דער אַלטער באָבען פון איבער הונדערט יאָר, און וואָס טוט מען מיטן קינד פון מיין ברודער? פאַר זיך אַליין האָט זיך קיינער נישט געזאָרגט, גלייך מיר וואָלטן געווען זיכער, אַז מיר וועלן זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן ביי אַן אַרבעט, וואָס די דייטשן זאָגן צו, אַז מען פירט אונז אַהין.

דער טאָג פון 27־טן יולי 1942 איז געווען דער סאַמע טרויעריקס־טער טאָג פאַרן פּשעמישלער יידנטום.

מען האָט אין געאייל גענומען צוגרייטן די פּעקלעך, 10 קילאָ פאַר יעדן איינעם. געגנוי אָפּגעוויגן. אַזוי נאַיוו זענען מיר נאָך געווען. די מוטער און די באָבע האָבן געבאַקן געבעקסן, וואָס ווערן נישט שנעל אויסגעטריקנט. מען האָט אַלץ געוויגן און איבערגעוויגן, ס'זאָל חלילה נישט זיין מער אויף דער וואָג. די רואיקסטע צווישן אונז איז די גאַנצע צייט געווען מיין שוועגערין, און איר ברודער, ווייל ביידע האָבן גע־שטאַמט פון בערלין. זיי האָבן אונז באַרואיקט, אַז מען דאַרף נישט קיין מורא האָבן. זיי קענען די דייטשן. זיי זענען דאָך געבוירן אין בערלין, און — זיי ווייסן, זענען זיכער, אַז די דייטשן זענען נישט קיין מערדער... זיי זענען נאָר פּעדאַנטיש, פּינקטלעך, אויסצופירן באַפעלן... מען דאַרף נאָר זען, אַז די פּעקלעך, וואָס מען נעמט מיט, זאָלן נישט וועגן מער ווי 10 קילאָ...

באַלד נאָכדעם, אין אַ פאַר שעה אַרום, האָבן מיר אַלע געזען, ווי נאַיוו מיר אַלע זענען געווען, אַז מען האָט געגלויבט די דייטשן, מיט זייערע צוזאָגן, ווי אויך דעם יודן־ראַט. אין זעלבן אָוונט בין איך נאָך אַראָפּ אין גאַס, כדי צו זען וואָס עס טוט זיך. קיין סך מענטשן אין גאַס האָט מען נישט געזען, פון צייט צו צייט איז אַ ייד דורכגעלאָפן, צעשראָקן, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן. מען האָט געפילט די נערוועזיטעט

איבערן גאַנצן געטאָ, וואָס האָט מיט ציטער געוואַרט ביז מאָרגן אין דער פרי.

עס איז געווען די גרויסע פאַרצווייפלונג צווישן די פאַרשפאַרטע יידן, וואָס האָבן פאַראויסגעפילט, אַז קיין גוטס דערוואַרט זיי נישט. יעדע משפחה האָט געהאַט אירע צרות, אירע זאָרגן. יעדער איינער האָט געזוכט אַ שפּאַרע פון האָפענונג, ווי אַזוי צו ראַטעווען זיך. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז אויב מען פירט נישט אויס פּינקטלעך די דייטשע באַפעלן, דערשיסן זיי אויפן אָרט. איך האָב די מענטשן מיטגעהאָלפן, מיט וואָס איך האָב נאָר געקענט. ביי מיר איז געווען אַ געפיל און אַ מאָדנע זיכערקייט, אַז איך וועל די אַלע צרות, די מלחמה, איבערלעבן, און וועל אַמאָל קענען דערציילן מיינע קינדער, אין וואָס פאַראַ שוידער־לעכער לאַגע מיר האָבן זיך דעמאָלט געפונען. אויף קיין איין מאָמענט איז מיר נישט געקומען אויפן זינען, אַז איך וועל די מלחמה נישט איבער־לעבן. און אפשר האָבן פיל יידן אַזוי געטראַכט, און זענען, לײדער, מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

די גאַנצע נאַכט זענען אין געטאָ די יידן נישט געשלאָפן, נישט געקענט צומאַכן קיין אויג. יעדער האָט געגרייט זעקלעך, מיט העמדערס, מען זאָל עס קענען אָנטון אויף זיך, פאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע, ווייל אַ וואַליזקע קען מען אויפן ווייטן, אומבאַקאַנטן וועג פאַרלירן. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געפּאַקט און געגרייט, מיטגענומען נאָר נוצלעכע זאַכן. עס האָט זיך געוואָלט גלויבן, אַז מען שיקט בלויז אויף אַרבעט. אַז מען וועט לעבן, וועט מען גלייך נאָך דער מלחמה צוריקקומען און זיך ווי־דער איינאָרדענען. אַזוי איז יעדער זיכער געווען, אַז ער וועט איבער־לעבן די מלחמה. אַפילו מיין באָבע, פון איבער 100 יאָר, האָט געזאָגט, אַז זי וויל נאָר דערלעבן היטלערס מפּלה, מער נישט...

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געקוקט דורכן פענצטער. ווייל מיר האָבן געוווינט אויף קאָפּערניקאַ־גאַס, אַן עק הויז, און אפשר 5 מעטער פונעם פּלויט, וואָס האָט אָפּגעצוימט דאָס געטאָ פון דער אַרישער זייט. פון אונזער פענסטער האָט מען אַלץ געזען, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט, אויף דער אַרישער זייט.

מיר האָבן פּלוצים דערזען ווי עס זענען אָנגעקומען גרויסע לאַסט־אויטאָס, באַזעצט מיט סאָלדאַטן, פּאָליציאַנטן און געסטאַפּאָ, מיט ס. ס.־לייט. שוין 12 אַזייגער ביינאַכט האָבן זיי אַרומגערינגלט דאָס געטאָ, יעדע פּאָר מעטער אַ סאָלדאַט, מיט אַ מאַשין־געווער.

אַזוי האָבן זיי באַוואַכט דעם הערמעטיש־פאַרמאַכטן וווין־פּערטל פון די פּשעמישלער יידן, אין זייער לעצטן גאַנג צום אומקום. עס איז געווען קלאָר, אַז עפּעס גרייט זיך דאָ, צו אונזער אומגליק. אַזאַ צוגרייטונג האָט אַרויסגערופן אַלעמענס שרעק. מען האָט זיך געשראָקן, וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג קען אונז ברענגען. יעדע שעה איז דורכגעפאָרן אַן אויטאָ מיט עטלעכע געסטאַפּאָ־לייט און קאָנטראָלירט, אויב אַלץ איז גוט אָרגאַניזירט.

שוואַכע מענטשן האָבן באַקומען נערוון־דערשיטערונגען, נאָך איי־דער די טרויעריקע אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס איז אייגנט־לעך געווען דער ציל פון די נאַצישע מערדער: צוברענגען די יידן צו אַזאַ מצב, אַז זיי זאָלן שוין אַליין זיין צופרידן, אַז מען גייט אַוועק פון אַזאַ גיהנום.

אין אַזאַ שפּאַנונג זענען אַדורך די עטלעכע שעה אין דער נאַכט צווישן 26־טן און 27־טן יולי 1942.

5 אַזייגער באַגינען האָבן זיך שוין פיל יידן געלאָזן גיין פון זייערע היימען, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן, זיין אויפן פּלאַץ פאַר 6 אַזייגער. מיר זענען אויך אַרויס פון דער היים פאַר 5 אַזייגער. דער באָבען האָט מען איבערגעלאָזן אין דער היים. מיר האָבן גאָרנישט געוווּסט וואָס מיר זאָלן מאַכן מיט דער באָבען. גיין אַליין קען זי נישט. האָט מען איר פאַר־גרייט אַ קליין פּעקעלע פון עטלעכע קילאָ מיט שפּייז, אָפּגעוואַשן זי, אָנגעטאָן זי אין פרישע קליידער און זי איז, נעבעך, געבליבן אין דער היים. זי האָט אונז נאָכגעקוקט מיט טרערן אין די אויגן. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב געזען מיין באָבען.

דאָס קינד פון מיין ברודער האָבן מיר איבערגעלאָזט ביים שכן פון וויז־אַ־ווי, אויפן זעלביקן שטאָק; יענער האָט געהאַט אַ קאַרטע מיט אַ שטעמפּל אַלס „נוצלעכער יודע״.

דעם 27־טן יולי 1942 זענען מיר אַרויסגעגאַנגען פון דער היים, יעדער אָנגעטאָן מיט זיין רוקזאַק. מיר זענען אַלע געווען נידערגע־שלאָגן. מיר האָבן געפילט, אַז עס דערוואַרט אונז דאָס ערגסטע. אויף דער גאַס האָבן מיר שוין געטראָפן טויזנטער יידן ציען צום אויסזידלונגס־פּלאַץ. גייענדיק אַזוי, האָב איך אָנגעטראָפן אויפן ראָג גאַס דעם קול־טור־טוער, דעם זייער באַליבטן ביי אונז אין שטאָט, שמעון שוועיבל. ער האָט זייער שטאַרק געוויינט. זיין אַלטע מוטער האָט אים געוואָלט באַרואיקן, אָבער זי האָט עס נישט געקענט. בין איך צו אים צוגעגאַנ־

גען און צו אים גערעדט און אים געזאָגט, אַז אין אַזאַ טראַגישן מאָ־מענט, מוז מען דווקא זיין שטאַרק, נישט לאָזן זיך באַהערשן פון פאַר־צווייפלונג. האָט ער זיך אַביסל באַרואיקט.

שמעון שוועיבל איז געווען מיין גוטער חבר און פריינט, אַ מענטש פון הויכן פּאָליטישן און אינטעלעקטועלן ווערט. איך האָב פון אים אַ סך געלערנט. לויט זיין פּאָליטישער איבערצייגונג, איז ער געווען אַן אַנאַרכיסט, זיין ברודער לייביש — אַ בונדיסט, און איינער פון די בעסטע רעדנער פון יידישן קולטור־פאַרבאַנד ביי אונז אין שטאָט; און אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע טוער האָבן זיך צוזאַמענגעבראָכן, ווען זיי זענען געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט דער טרויעריקער ווירקלעכקייט.

אין אַזעלכע אומשטענדן קען קיינער נישט וויסן ווי אַזוי עס וואָלט געווען זיין רעאַקציע. אין אַזאַ אומנאָרמאַלער צייט זענען ביי מענטשן פאָרגעקומען מעטאַמאָרפאָזעס, אַז אַזאַ יאַנצי־יאַכציס, וועל־כער האָט געהערט צו דער אונטער־וועלט, איז פּלוצים געוואָרן אַ פאַר־טיידיקער פון יידן; אין דער זעלבער צייט, ווען בכבודיקע יידן, פון אַלע פּאַרטייען, ציוניסטן, בונדיסטן, זענען געווען אין יודן־ראַט און האָבן אויף זיך גענומען אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון מיטאַרבעטן מיט די נאַציס און זיי העלפן דעפּאָרטירן פון פּשעמישל די ערשטע עלף הונ־דערט יידן אין יאַנאָווער לאַגער, און אין יולי 1942 — כמעט 15 טויזנט יידן, אויף אַ זיכערן טויט.

אין יענעם באַגינען זענען מיר אַלע געגאַנגען, צוזאַמען מיט אַנ־דערע טויזנטער יידן, אין דער ריכטונג פון אויסזידלונג־פּלאַץ אויף דער טאַרגאָוויצע, דאָרט וווּ ס'איז געווען דער בהמות־מאַרק און אַלע מיסטן זענען נאָך געווען צעשפּרייט אויפן פּלאַץ. דאָרט איז שוין פון פריער דער גאַנצער פּלאַץ באַשטעלט געווען מיט דייטשן אין אוקראַינישע אַרויסהעלפער.

אַזוי האָב איך געזען דעם טרויעריקן מאַרש פון די יידן צום טויט. די מערסטע האָבן מיטגענומען זייערע אַלטע טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן קוים געקאָנט גיין; זיי האָבן אויך מיטגענומען זייערע קליינע קינדער. וואָס האָבן זיי דען געקאָנט טון? זיי האָבן זיך געזאָגט — וואָס עס וועט זיין מיט אונז, וועט זיין מיט זיי.

דער אַריינגאַנג איז באַשטעלט געווען פון פּוילישע און אוקראַי־נישע אויסוואורפן; זיי זענען געשטאַנען אין צוויי רייען, אָפּגערוקט צוויי מעטער. יעדער וואָס איז דורכגעגאַנגען צום פּלאַץ, האָט געמוזט דורכ־

גיין דורך דעם שפּאַלער. די, וועלכע זענען צוגעקומען נענטער צום פּלאַץ, האָבן שוין געקאָנט באַמערקן דעם אונטערשייד אויף דער זייט, אײדער מען איז דורכגעגאַנגען דעם שפּאַלער, און דער צווייטער זייט, ווו עס האָט שוין געהערשט אַ גיהנום.

קיין צוריק איז שוין נישט געווען. קודם כל האָבן זיך די יידן געשטופּט אַריינצוגיין, מען זאָל חלילה נישט קומען צו שפּעט. אויפן וועג זענען שוין געווען דייטשע סאָלדאַטן. זיי האָבן גאָרנישט געזאָגט, אָבער צוריקגיין וואָלטן זיי נישט געלאָזן; כאָטש קיינער האָט גאָרנישט געוואָלט צוריקגיין, ווייל די מורא מען זאָל נישט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט ליבערשט געוואָלט גיין אויפן אויסזידלונגס־פּלאַץ. אפשר וועט דאָך זיין אַ האָפענונג לעבן צו בלייבן.

אָבער דעם כאָאָס האָט מען גלייך געזען, ווי מען איז נאָר אָנגעקומען צו דער קליינער עפענונג פון די צוויי מעטער, ווו אַלע יידן האָבן געמוזט דורכגיין. פון דער זייט, אײדער מען איז אַריין, איז געווען אַ שטופּעניש. שיקאַנירט איז מען דערווייל נישט געוואָרן. אָבער ווי נאָר מען איז אַריבער די שפּערע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גיהנום. אַדורכגייענדיק דעם שפּאַלער, זענען געשטאַנען כוליגאַנעס, אייניקע אין ציוויל־קליידער, עטלעכע אין דייטשע מונדירן, און אַרויסגעריסן ביי יעדן זייערע פּעקלעך. זיי האָבן אויך אַרויסגעריסן די שטעקנס, אין וועלכע אַלטע יידן האָבן זיך אָנגעלענט, ווייל אַנדערש האָבן זיי נישט געקאָנט גיין. אין די פּעקלעך האָבן דאָך די יידן געהאַט אַריינגעפּאַקט דאָס וויכטיקסטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. מיט איין מאָל איז מען געבליבן ווי נאַקעט, אָן גאָרנישט. מיט די שטעקנס, וואָס די כוליגאַנעס האָבן אַוועקגענומען ביי די יידן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שלאָגן אַלעמען, מען זאָל שנעלער גיין צום אויסזידלונגס־פּלאַץ. עס איז געוואָרן אַ מוראדיקע געשטופּעניש.

דאָרט ווייטער איז געשטאַנען אַ גרופּע באַנדיטן און זיי האָבן אַלעמען באַפוילן אויסצוזעצן זיך, צו צען אין דער ריי, אויף דער ערד, די פיס אונטער זיך. טאָמער האָט עמיץ נישט אַזוי שנעל זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער גלייך באַקומען מיט שטעקנס איבערן קאָפּ. נאָך ערגער איז געווען מיט די, וועלכע האָבן נישט באַוויזן אַדורכצוגיין דעם שפּאַלער ביז זעקס אַזייגער באַגינען. די כוליגאַנעס מיט די שטעקנס אין די הענט האָבן געשלאָגן אויף רעכטס און לינקס.

אַזוי האָבן זיך פאַרזאַמלט טויזנטער יידן אויפן פּלאַץ, אויסגעזעצט אויף דער ערד, צווישן מיסט, אַרומגערינגלט פון באַנדיטן, און געוואַרט

וואָס עס וועט דאָ פּאַרקומען. אפילו איך אַליין, וואָס האָב זיך קיינמאָל פון גאָרנישט שטאַרק איבערגענומען, אין מיין יונגן עלטער, בין געווען זייער פאַרצווייפלט. איך האָב שטאַרק באַדויערט, וואָס איך האָב זיך געלאָזט אָפּנאַרן און בין געגאַנגען פרייוויליק אויפן פּלאַץ, ווו עס איז נישטאָ מער קיין שום אויסוועג. מען האָט געמוזט זיצן־בלייבן, אין דער ריי, די פיס אונטער זיך. די געשטאַפּאָ איז דורכגעגאַנגען, געציילט, קאָנטראָלירט צי מען זיצט צו צען אין דער ריי. די רייען זענען געווען עטוואָס אָפּגעטיילט, כדי געגוי צו קאָנען באַרעכענען די צאָל קרבנות, וואָס זיי שיקן צו פאַרניכטונג.

מען האָט אָבער אויסגענוצט די געלעגנהייט, ווען זיי האָבן זיך פאַרקוקט, די היטערס, זיך אין געאייל איבערצוזעצן צווישן משפחות, אָדער באַקאַנטע, צו זיין צוזאַמען. אין דעם טראַגישן מאָמענט האָט אָבער איינער דעם אַנדערן מיט גאָרנישט געקאָנט העלפן. מען זיצט אַזוי שעהען־לאַנג און עס נעמט גאָרנישט קיין סוף. מען קאָן זיך אפילו נישט אויפהייבן צו מאַכן אַ מענטשלעכע באַדערפעניש. און דאָ האָט אויפגעשיינט די זון און האָט גענומען בריען און צעוואַרעמען. מען האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז נישט בלויז היטלער, די פּאָליאַקן, די אוקראַאינער זענען קעגן אונז, ווילן אונז פאַרניכטן, נאָר אויך די זון מאַטערט אונז, איז קעגן אונז. זי ברענט אין אַ פלאַם־פייער.

מענטשן האָבן אָנגעהויבן חלשן, און ס'איז אפילו נישט געווען קיין טרונק וואַסער. די קינדער האָבן געוויינט, געבעטן אַ טרונק; ווייל אַלע פּעקלעך, וואָס די יידן האָבן מיטגענומען, האָט מען גלייך ביים אַריינגאַנג פאַרכאַפּט ביי זיי. מיטאַמאָל האָבן מיר דערזען, ווי די געשטאַפּאָ ברענגען צופירן אַלע קראַנקע פון שפּיטאָל, אפילו די, וועלכע האָבן נישט געקאָנט גיין. אַביסל שפּעטער האָבן זיי געבערענגט אַלע יידישע אַרעסטירטע. איצט איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז מיר אַלע גייען צו פאַרניכטונג. ווייל אַן אַרעסטאַנט איז קיינמאָל נישט אַרויס לעבעדיק פון זייערע הענט. איין מאָל אין וואָך האָט מען זיי געפירט אויפן בית־עולם און דאָרט זיי דערשאָסן. אַצינד ברענגט מען זיי אויפן אויסזידלונגס־פּלאַץ, הייסט ער, אַז מיר וועלן אומקומען צוזאַמען מיט זיי. אַז עס איז נישט אמת, אַז מען שיקט אונז אויף אַרבעט, ווייל אַלע פּעקלעך מיטן וועראַקצייג האָבן זיי אַוועקגענומען.

עס איז געוואָרן יעדע מינוט ערגער. די קינדער האָבן געוויינט. מען האָט זיי נישט געהאַט וואָס צו געבן צום עסן, צו טרינקען. די פרוי־

ען האָבן געווינט פון פאַרצווייפלונג. די מענער האָבן געביסן די ליפּן, זענען שוואַרץ געווען פון צאָרן אויף זיך אַליין, וואָס זיי האָבן זיך גע־לאָזן אָפּנאַרן און געגאַנגען אויפן אויסזידלונגס־פּלאַץ.

זיצן מיר אַזוי, מיט דער גאַנצער משפחה, און פּלוצים דערזע איך דעם געשטאַפּאָ־מאַן, וועלכער האָט געקויפט פּאַפּיר און ביוראָ־זאַכן אין געשעפט, וו מיין ברודער האָט געאַרבעט. איך האָב אים אויך גע־קענט פון דער אַרבעט ביי דער וועראַנדע, אין גאָרטן פון דער געש־טאַפּאָ. מיר הייבן זיך אויף און ווילן רעדן מיטן געשטאַפּאָ־מאַן, לאָזן אונז די שומרים גאָרנישט צוגיין צו אים. זיי הייבן אָן צו שלאָגן מיט די שטעקנס. דאָס איז געווען אונזער איינציקער אויסוועג — אפשר קאָנען מיר זיך דאָך ראַטעווען. מיר הייבן אָן צו שרייען און זיך דערנענ־טערן צום געשטאַפּאָ־מאַן. יענער, הערנדיק, די געשרייען, קומט צו נענטער און ער דערקענט אונז. קודם גיט ער אַ באַפעל מען זאָל אונז אויפהערן צו שלאָגן.

— וואָס ווילט איר ? — פרעגט ער.

גלייך ווי ער וואָלט נישט געוווסט, וואָס מיר ווילן. איך האָב גלייך אַרויסגענומען מיינע פּאַפּירן און אים געוויזן, אַז איך בין נישט קיין בעל־משפחה און אַ גוטער פאַך־מאַן. איך נעם אַרויס דאָס בלעטל, וואָס מען האָט אין געטאָ געטיילט און ווו עס שטייט, אַז מען שיקט אונז אַלע אויף אַרבעט „נאָך אָסטן".

— זעסט דאָך אַליין, אַז מען שיקט אונז נישט צו דער אַרבעט. אפילו מיין װערקצייג האָט מען מיר אַוועקגענומען.

ער קוקט אונז אָן, ווי ער וואָלט אונז געזען דאָס ערשטע מאָל. אינ־גאַנצן אָפּזאָגן קאָן ער נישט. זאָגט ער, אַז ער איז נאָר אַ צווייט־ראַנגי־קער אין דינסט. ער איז אין דער אַדמיניסטראַציע, אין ביוראָ. דאָ זע־נען מיר געוואָרן נאָכמער פאַרצווייפלט.

— גיב מיר דיינע פּאַפּירן מיט דיין בלעטל — זאָגט ער צולעצט — און איך וועל זען צו רעדן מיטן שעף פון געשטאַפּאָ אין קראָקע, וועל־כער לייטעט מיט דער אַקציע.

אַזוי האָט ביי אונז אויפגעשיינט אַ שיין פון האָפענונג. דער געש־טאַפּאָ־מאַן איז אַוועק מיט מיינע פּאַפּירן און מיר זענען צוריקגעגאַנגען אין אונזערע רייען, זיך אַוועקגעזעצט מיט די פיס הינטער זיך, געוואַרט און געהאָפט אויף אַ נס. עס איז אַוועק אַ האַלבע שעה און ער איז נאָך נישטאָ. זענען מיר ווידער געוואָרן האָפענונגסלאָז. אָבער מיין ברודער

האָט מיך באַרואיקט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער קען אים און עס איז אוממעגלעך, אַז ער זאָל האָבן פאַרגעסן, אָדער זיך מאַכן נישט וויסנדיק.

נאָך אַ גוטער שעה נערוועזער דערוואַרטונג, ווען עס האָט זיך כסדר געמישט האָפענונג, פאַרצווייפלונג, איז ער צוריקגעקומען מיטן הויפט־שעף פון געשטאַפּאָ אין קראָקע. מיר שפּרינגען גלייך צו צו זיי. זיי גיבן מיר צוריק מיינע פּאַפּירן און זאָגן צו מיין ברודער, אַז מיר זאָלן אויס־ווײלן דריי, ביז פיר הונדערט יונגע יידן, נישט קיין חתונה געהאַטע, און זיי וועלן אַראָפּ פון אויסזידלונגס־פּלאַץ. מען וועט זיי שיקן צו דער אַרבעט. דערהערנדיק דאָס, האָבן מיר שוין באַקומען מוט און זיי גע־זאָגט, אַז אַלע, וואָס מען וועט אַראָפּנעמען, זענען גוטע פאַכמענער און זייער ווערקצייג זענען אין די פּעקלעך, וואָס מען האָט ביי זיי אַוועק־גענומען. האָבן זיי באַלד געגעבן אַ באַפעל די פּוילישע און אוקראַיִנישע בוליגאַנעס, וועלכע זענען געשטאַנען מיט שטעקנס ביים איינגאַנג, אַז יעדער, וואָס וועט אַראָפּ פון פּלאַץ, האָט רעכט זיך אויסצוזוכן זיינע זאַכן און זיי מיטנעמען.

אויפן פּלאַץ האָט זיך אַרומגעדרייט אַ געסטאַפּאָוויעץ, וואָס האָט געשריגן און געליאַרעמט, געשלאָגן אויף רעכטס און לינקס מיט זיין שטעקן, וואָס ער האָט אַוועקגענומען ביי אַן אַלטן ייד. אַט דער געשטאַ־פּאָ־מאַן איז געוואָרן דער אויפזעער און דיריגענט צו באַשטעטיקן, וועמען מען זאָל דאָ אַראָפּנעמען פון פּלאַץ און וועמען נישט. אַזוי האָבן מיר, איך און מיין ברודער, צונויפגעזאַמלט יונגע יידן, ווי אויך עלטערע, מיט יעדן געמוזט צוגיין צום געשטאַפּאָ־באַנדיט און זאָגן זיין באַרוף, און ווען ער האָט געזאָגט: „יאָ”, האָט דער ייד גלייך געמוזט זוכן זיינע זאַכן אויפן באַרג פון די טויזנטער פּעקלעך. מערסטנס האָבן געוווּסט מער־ווייניק ווו די פּעקלעך זייערע ליגן און האָבן זיי געפונען. זיי האָבן צוויי מאָל זיך געמוזט ווייזן פאַרן געשטאַפּאָ־מאַן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיי פאַרגעשטעלט מיט זיין באַרוף, דאָס צווייטע מאָל מיט זיין פּעקל. מערסטנס מיטליאַריקע יידן האָב איך פאַרגעשטעלט נאָר איין מאָל מיטן פּעקל און איך האָב געזאָגט, אַז די קאָנטראָלע איז ער שוין אַדורך. דאָס האָב איך געמוזט מאַכן, ווייל עס זענען געווען הונדערטער יוגנטלעכע, וועלכע זענען דורך נאַרמאַל, אַז ער האָט די מיטליאַריקע נישט געוואָלט אַדורכלאָזן.

מיין פאָטער האָב איך אַראָפּגעפירט פון פּלאַץ, אפילו נישט ווייזנ־דיק דעם געשטאַפּאָ־מאַן, זייענדיק זיכער, אַז ער וועט אים נישט אַראָפּ־

לאַזן. איך בין אַרומגעגאַנגען אויפן פּלאַץ, און דערזעענדיק מיין חבר שמעון שװעיבל זיצן צוזאַמען מיט זיין ברודער לייביש מיט פרוי און קינד, זיין אַלטע מוטער, זאָג איך אים און בעט אים: „קום אַראָפּ פונעם פּלאַץ". און ער האָט זיך געװאַקלט, כאָטש זיין גאַנצע משפּחה האָט אים געזאָגט ער זאָל אַראָפּגיין. האָב איך אים גענומען ביים שולטער, אויפגעהויבן און אַראָפּגעפירט. דאַקעגן זיין ברודער לייביש האָט נישט געװאָלט פאַרלאָזן זיין משפּחה.

איך זאָג „אַראָפּגיין", װייל נאָכן פּלאַץ איז געװען אַ בערגל און דאָרט האָבן זיך געזאַמלט די פּאָר הונדערט יידן. איז געװען אַ פאַל פון אַ בלעכער־אַרבעטער, װעלכער האָט געװוינט אין זעלבן הויז, װי מיר, היבלער האָט ער געהייסן. ער האָט געהאַט גוליעס אויפן פּנים. אַן על־טערער מאַן. קומט ער צו מיר צו, איך זאָל אים אַראָפּנעמען. איז עס גראָד געװען לעבן געשטאַפּאָ־מאַן. קוקט ער אים אָן און זאָגט: „ניין, דו גייסט ניכט אַרונטער". בלייבט ער אויפן פּלאַץ. אַ האַלבע שעה שפּע־טער קומט ער װידער צו מיר: „מאַקס, נעם מיך אַראָפּ". זאָג איך אים: „גיי אַראָפּ, אָבער װען מען כאַפּט דיך, װעסטו זאָגן, אַז ביסט אַליין אַראָפּ־געגאַנגען". האָט ער אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין. דערזעט אים דער געשטאַפּאָ־מאַן, רופט ער אים צוריק און גיט אים עטלעכע שטעקנס איבערן קאָפּ און פרעגט אים, װער ס'האָט אים געהייסן פאַרלאָזן זיין פּלאַץ. ענט־פערט ער, אַז איך האָב אים געהייסן אַראָפּגיין. זאָג איך, אַז איך האָב אים גאָרנישט געזאָגט. נעמט דער געשטאַפּאָ־מאַן מיך אויך שלאָגן מיטן שטעקן איבערן קאָפּ, איבערן רוקן, איך האָב געמיינט, אַז איך װעל שוין נישט אַרויס פון זיינע הענט לעבעדיק. דערנאָך האָט ער זיך באַרואיקט און מיך װייטער געלאָזט אויפן פּלאַץ, אויסצוזוכן יונגטלעכע, אים פאַר־צושטעלן. איך בין װייטער געגאַנגען צװישן די אַלע אומגליקלעכע יידן און אַלע האָבן מיך גערופן ביי מיין נאָמען, אָדער פאַרנאָמען. אין דעם מאָמענט בין איך ביי אַלע געװען װי אַ משיח. איך האָב געראַטעװעט אַ פּאָר הונדערט יידן. איך האָב אויף אַלע רחמנות געהאַט, װייל אַלע זענען געװען אומגליקלעך. אַלע האָבן מיך באַדויערט פאַרװאָס איך האָב אומזיסט געקריגן געשלאָגן. פיל האָבן מיר געגעבן צעטעלעך מיט נע־מען, איך זאָל זיי אַלע איבערגעבן צו זייערע משפּחות.

גייענדיק אַזוי ביים ראַנד, װו איך האָב אַראָפּגעפירט די יידן פו־נעם פּלאַץ, האָב איך באַמערקט אַ מיידל, אַ בלאָנדע. װעראַ האָט זי געהייסן. זי איז געזעסן ביים ראַנד. איך האָב זי גוט געקענט. איך האָב

זי תמיד געטראָפן אויפן קורזא. דאָ, אויפן פּלאַץ, איז זי געזעסן אַליין, אָן משפּחה. ווייל די געשטאַפּאָ האָט נאָר דערלויבט מענער אַראָפּצוגיין פון פּלאַץ, נישט קיין פרויען. זי האָט זיך מיר אַזוי איינגעקריצט אין זכרון, מיט אירע פאַרוויינטע אויגן. אַ מיידל, וואָס איז תמיד געווינס געוועזן צו לאַכן, מיט אַ שטאַרקן לוסט צום לעבן. קיינער האָט איר מיט גאָרנישט געקאָנט העלפן. אַזוי זענען זיי געווען אויסגעזעצט, פון קליינע זויג־קינדער ביז אַלטע פרויען. זיי האָבן זיך אפילו נישט געקאָנט אויפהייבן צו מאַכן זייערע מענטשלעכע באַדערפעניש.

איך האָב געזען, ווי עס זענען געקומען אָנצופאָרן לאַסט־אויטאָס, אויפצולאָדן די טויזנטער פּעקלעך, וועלכע מען האָט ביי די יידן אָוועקגענומען. אַנדערע לאַסט־אויטאָס האָבן אָנגעהויבן אָנצולאָדן די אַלטע לייט. און די קליינע קינדער. אַלעמען האָבן זיי אַוועקגעפירט אויסער דער שטאָט און זיי דערשאָסן.

זיי האָבן קודם אויסגעוויילט די אַלטע לייט. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אויפן פּלאַץ מיט די שטעקנס אין די הענט, הינטער זיי — די פּוילישע און אוקראַינישע פּאָליציאַנטן. אין זייערע הענט איז געלעגן דער גורל פון יעדן יידן. זיי זענען געגאַנגען מיט די רעוואָלווערן אין די הענט, מיט מאַשין־געווער, און נישט ווייניק האָבן זיי אויפן פּלאַץ גופא דערשאָסן. ווען זיי האָבן דערזען אַן עלטערן ייד, האָבן זיי מיט דער רונדער זייט פון שטעקן אַ ציִ געטאָן ביים האַלדז און אים מיטגעשלעפּט, דער ייד זאָל אויפשטיין. גלייך האָבן די פּאָליציאַנטן אים אָפּגעפירט צו די לאַסט־אויטאָס. דער ד״ר שאַטנער האָט געזען, ווי אַ קראַנקע פרוי מיט אַ קליין קינד אויף די הענט האָט דער געסטאַפּאָ־מאַן דערשאָסן, און דאָס קינד אָנגענומען ביים פיסל און דאָס קעפּל צעשמעטערט אין דער וואַנט.

גייענדיק אַזוי צווישן די רייען פון די אויסגעזעצטע יידן, הער איך ווי מען רופט מיך : „מאָטעלע, מאָטעלע!״. קלער איך ביי מיר: ווער קאָן מיך רופן ביים נאָמען, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד? גיי איך צו נענטער און זע אַ ייד, וואָס איך דערקען אים גאָרנישט. לעבן אים זיצט זיין ווייב. זי דערקען איך יאָ. דאָס איז די רביצין, און ער איז אוודאי — דער דאַבראָמילער רבי פון דער באַשטאָוואַ־גאַס. ער איז געווען אַ ייד, אַן הדרת־פּנים, מיט אַ שיינער באָרד און פּיאות. אָבער אַ טאָג איידער מ׳האָט געדאַרפט גיין אויפן אויסזידלונגס־פּלאַץ, האָט ער זיך אָפּגעשניטן די באָרד און פּיאות, ווי אַ סך יידן, וואָס האָבן מורא

געהאַט מ׳זאָל זיי די באָרד נישט אויסרייסן. איך האָב אים געפרעגט:

— רבי, איר ווילט אַראָפּגיין פון פלאַץ? איך וועל אַלץ אָנווענדן, איר זאָלט זיך פון דאַנען אַרויסקריגן.

— ניין — האָט ער געזאָגט — דאָרט, ווו די רביצין גייט, גיי איך אויך מיט...

אַזעלכע פאַלן זענען געווען הונדערטער, וואָס די מענער האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן זייערע פרויען און קינדער. געווען פיל פאַלן, ווען די פרויען האָבן זיך געבעטן ביי זייערע מענער און קינדער, זיי זאָלן אַראָפּגיין פון פלאַץ. פיל זענען טאַקע אַראָפּ, אָבער פיל האָבן געטיילט דעם גורל פון זייערע משפחות.

מען קאָן זיך איבערהויפּט נישט פאָרשטעלן וואָס דאָס הייסט — פאַרצווייפלונג, אָנקוקנדיק די אַלע יידן, צעזעצט אויפן מיטן פלאַץ, מיט קליינע קינדער ביי דער זייט, וואָס האָבן געבעטן אַ שטיקעלע ברויט, אַ טרונק וואַסער.

מיטאָג־צייט איז געוואָרן אַביסל רואיקער אויפן פלאַץ. די געשטאַפּאָ, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע באַנדיטן, זענען זיך רואיק געגאַנגען עסן, ווי זיי וואָלטן דאָ אָפּגעאַרבעט אַן ערלעכן האַלבן טאָג, כדי נאָך מיטאָג צוריקצוקערן זיך צו זייער שמוציקער „אַרבעט״.

איך מיטן ברודער זענען מיר צוגעגאַנגען צו אַ דייטשן סאָלדאַט, וועלכער האָט אַכטונג געגעבן אַרום דעם פלאַץ, אַז יידן זאָלן נישט אַנטלויפן. יעדע פאָר מעטער איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט. אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז מיר דרייען זיך אַרום אויפן פלאַץ, האָט ער מיט אונז גערעדט. מיר האָבן אים פאָרגעשלאָגן, אַז איך וועל אים געבן מיין גאָלדן זייגערל און מיין ברודער זיין שרייב־פעדער, און ער זאָל אַרויסלאָזן מיין מוטער און מיין שוועגעריך. דער סאָלדאַט האָט מסכים געווען. מיר האָבן זיי געפרעגט, דער מוטער און דער שוועגעריך, צי זיי ווילן גיין זיך אויסבאַהאַלטן אין דערבייאיקן הויז אין געטאָ, אַ 30 מעטער פונעם פלאַץ. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען און מיר האָבן דעם סאָלדאַט געגעבן דאָס זייגערל מיט דער פעדער.

מיר האָבן זיך אומגעקערט צום פלאַץ און אַרויסגענומען וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט יוגנטלעכע, ווייל די אויפזיכט איז געווען אַ שוואַכערע, ווען די געשטאַפּאָ־לייט זענען אַוועק עסן מיטאָג. אָבער מיט אַ שעה שפּעטער, ווען איך בין אַדורכגעגאַנגען, האָב איך מיט דער־

שטויבונג ווידער געטראָפן מיין מוטער מיט דער שוועגערין. איך האָב זיי געפרעגט, פאַרוואָס זיי זענען צוריקגעקומען. האָבן זיי געענטפערט, אַז אומעטום, ווו זיי זענען געווען, האָט מען אויסגעשאָסן אַלע יידן. האָבן זיי מורא באַקומען און זענען צוריקגעקומען אַהער, אויפן פּלאַץ. דאָ זענען זיי נישט אַליין. דאָ שיסט מען דערווייל נישט. אַז מען שיסט 50 מעטער ווייטער, אויפן פּלאַץ גופא, דאָס האָבן זיי נישט געזען. דאָס האָט זיי געקאָסט דאָס לעבן. אַזוי האָבן זיי געטיילט דעם גורל פון אַלע יידן, ווייל מען האָט זיי אַלע אַוועקגעשיקט קיין בעלזשעץ, און דאָרט זענען זיי אַלע אומגעבראַכט געוואָרן. דאָס לעצטע וואָרט פון מיין מוטער צו אונז איז געווען:

— קינדער מיינע, איך זאָל אָפּקומען פאַר אייך...

דאָס האָט אונז געשניטן ביים האַרץ. איך אַליין האָב נאָך דעמאָלט אַלץ נישט געגלויבט, אַז מען שיקט טאַקע אַלע יידן צו פאַרניכטונג. איך און מיין ברודער האָבן זיי פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן אַלץ טאָן, צוריקצובריינגען זיי קיין פּשעמישל.

2 אַזייגער זענען אַלע געשטאַפּאָ־שעפן צוריקגעקומען. מען האָט געשפּירט, אַז איצט קומט דער אַנטשיידנדיקער מאָמענט. ווייל אַלע סאָלדאַטן און פּאָליציאַנטן זענען געשטאַנען מיט זייערע מאַשין־געווערן אַרום דעם פּלאַץ. זיי האָבן אויסגעטיילט ביי אַ 200 יידן, אויפגעלאָדן זיי אויף די לאַסט־אויטאָס און זיי אַוועקגעשיקט אין אַ וואַלד, אויסצור־רייסן ביימער. אַ טייל יוגנטלעכע האָבן זיך פון דאָרט געראַטעוועט, צווישן אַנדערע — טאָלעק (דרומי) זידווערץ, וועלכער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין ישראל. די אַנדערע פאַר הונדערט יידן האָט מען געשיקט אין אַרעסט, צווישן זיי מיין משפחה און מיך.

די תפיסה איז געווען ליידיק, ווייל אַלע אַרעסטירטע האָט מען געשיקט אויפן פּלאַץ צו דעפּאָרטאַציע, אָבער עס איז געווען צו ענג אַריינצונעמען אַזוי פיל יידן. איינער איז כמעט געלעגן אויפן צווייטן, און מען איז נאָך געווען צופרידן, ווייל לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבן באַקומען, האָט מען אַלע יידן פונעם פּלאַץ צוגעפירט צו די וואַגאָנען, אויפגעלאָדן צו 120 מאַן אין יעדן וואַגאָן, און אָפּגעפירט זיי קיין בעל־זשעץ. אַלע זענען דערנאָך פאַרניכטעט געוואָרן.

אין אַרעסט זענען מיר געבליבן ביז איבער דער צווייטער אַקציע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 13טן אויגוסט 1942. פון דעם טראַנספּאָרט האָבן זיך די יוגנטלעכע נישט געקאָנט ראַטעווען, אַזוי ווי ביי דער ערש־

טער אַקציע, און אַלע זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין בעלזשעץ, ווו זיי זענען אומגעקומען.

די צוויי טעג וועלן בלייבן אין דער טראַגישער געשיכטע פון די פשעמישלער יידן — דעם 27־טן יולי און דעם 3־טן אויגוסט 1942 זענען אומגעבראַכט געוואָרן 12.500 יידן.

עטלעכע טעג נאָך דער אַקציע האָט מען אונז אַלע אַרויסגעלאָזט פון אַרעסט און צוריקגעפירט אין געטאָ, וועלכער איז געוואָרן פאַר־קלענערט מיט מער ווי די העלפט. מיר זענען גלייך געלאָפן אויפצוזוכן אונזער באָבען מיטן קינד פון מיין ברודער. דאָס קינד האָבן מיר געטראָפן ביים שכן. ער האָט שוין מער נישט געוווינט אין דער זעלבער דירה, ווייל דאָס הויז, ווו מיר האָבן געוווינט ביז דער אַקציע, האָט שוין מער נישט געהערט צום געטאָ. ס׳איז איצט געווען די אַרישע זייט. דער שכן האָט אונז איבערגעגעבן, אַז מיין באָבע איז געווען אין דער וווינונג ביז צען אַזייגער פרי. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום פענצטער, קוקן, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס. האָט זי אַ סאָלדאַט דערזען און האָט אַרויפגעשיקט די יידישע פאָליציאַנטן מען זאָל זי אַוועקנעמען. איין פאָ־ליציאַנט האָט איר געזאָגט: „באָבעשי, נעמט אייך מיט אַ פעקעלע אויפן וועג״. האָט זי געענטפערט: „איך דאַרף שוין מער נישט קיין פעּ־קעלע. איך דאַרף נאָר מיין שטעקן, איך זאָל קאָנען גיין, ווייל איך ווייס וווהין מען וועט מיך פירן״. . .

אַזוי האָט מען מיין אַלטע באָבע פון איבער 100 יאָר, און נאָך אַנ־דערע, וועלכע מ׳האָט געכאַפּט אין געטאָ, אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט און זיי דאָרט אַלעמען דערשאָסן. דעם 27־טן יולי 1942 האָב איך פאַרלוירן מיין באָבע, מיין מאַמע און מיין שוועגערין.

אַזוי ווי מיר זענען אַרויס פון אַרעסט, זענען מיר גלייך געלאָפן אין יודען־ראַט. דאָרט האָט מען אונז צוגעטיילט אַ וווינונג, אַ קליין צימערל ווו מיר האָבן געוווינט, מיין פאָטער, מיינע צוויי ברידער מיטן קינד, מיין ברודערס שוואָגער און איך.

אין אונזער קליינער אַטעליע האָט מען דאָך געקאָנט אַביסל אַר־בעטן. איך האָב גענומען אַ קענדל מיט ווערקצייג, ס׳זאָל הייסן, אַז כ׳בין באַשעפטיקט, און געגאַנגען זוכן מיינע ביכער הינטער אונזער הויז. מיינע ביכער זענען אַלע געווען געשטעמפּלט מיט מיין נאָמען. די מעטאָדע פון די דייטשן איז געווען, אַז ווי נאָר מען האָט אויסגעזידלט די יידן פון אַ גאַס, נאָכדעם ווי די געשטאַפּאָ האָט גענוי דורכגעזוכט די געגנט,

אויב עס איז נישט פאַראַן קיין באַהאַלטענע יידן, איז גלייך נאָך דעם געקומען אַ רוימער־בריגאַדע, אַלץ וואָס זיי האָבן געפונען — וועש, מלבושים, ווערט־זאַכן, מעש, קופער — אַלץ איינגעמאַגאַזינירט אויף איין שטעלע, דאָס רעשט, מעבל, ביכער, געשיר, אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס, אָפּגערייניקט די וווינונג. פאַר יעדן הויז זענען געווען אָנגעוואָרפן היכלע בערג מיט פאַרשיידענע חפצים. דאָרט זענען געווען זאַכן, וואָס יידן האָבן פאַר אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס דאָס גאַנצע לעבן, עפּעס געקויפט אין הויז אַריין. טויזנטער ביכער האָבן זיך געוואַלגערט אויף די גאַסן. כ'האָב באַמערקט הונדערטער קאָמפּלעטן פון דער „מייער־ענציקלאָפּעדיע" אין דער דייטשער שפּראַך. די פּשעמישלער יידן האָבן געהאַט דעם גרעסטן אינטערעס פאַר דער דייטשער קולטור און שפּראַך. איך האָב לאַנג געזוכט און דאָך געפונען פיל פון מיינע יידישע ביכער, די יקר המציאותן האָב איך איבערגעטראָגן דאָרט, וו ס'איז געווען אונזער קליי־נער ווערקשטאַט. איך האָב זיך אויך פאַרשטענדיקט מיטן באַרימטן היסטאָריקער מתתיהו מיזעס, אונזער בן־עיר, וועלכער האָט זיך נאָך צייטווייליק געראַטעוועט פון דער אויסזידלונג, און מיר האָבן אָנגע־הויבן צו זאַמלען ביכער, געברענגט זיי אין דער ביבליאָטעק. מענטשן האָבן נאָך אַלץ געלעבט מיט האָפענונגען און אילוזיעס, אַז מען וועט דאָס אומגליק איבערקומען.

מען האָט זיך צוריק געמוזט נעמען אַרבעטן, כדי צו עקזיסטירן. מיין ברודער האָט ווייטער געאַרבעט אין פּאַפּיר־געשעפט. די אַלע יידן, וועלכע האָבן זיך צייטווייליק אָפּגעראַטעוועט, זענען ווייטער געווען באַ־שעפטיקט. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרופּע פון 40 ביז 50 מענער און פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט אין מיליטערישן שפּיטאָל, אויף דער סלאָוואַצקיעגאָ־גאַס; דאָרט, ווו איך האָב געהאַט די דיסקוסיע מיטן דייטשן סאָלדאַט, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און איז גע־וואָרן אַ פאַרברענטער היטלעריסט. אַהין איז די גרופּע געגאַנגען אַר־בעטן. קיין שווערע אַרבעט איז עס נישט געווען און מען האָט אויך גע־קאָנט זיך איינשאַפן אַביסל לעבנס־מיטל, צו ברענגען אין געטאָ.

איך האָב דאָרט אויסגעפונען אַן אַרבעט פאַר שמעון שוועיבל. ער האָט אומעטום, אין אַלע ווערקשטאַטן, אַרויסגעהאָלפן. איך האָב מיט אים פיל גערעדט, דיסקוטירט, אים געטרייסט, אָבער זיין מאָראַל איז געווען זייער נידעריק, נידערגעשלאָגן פון דעם וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט און געזען, ווי יידן ווערן מאַסנווייז געפירט צו דער שחיטה.

אַזוי האָט זיך אין געטאָ ווידער אָנגעהויבן אַ לעבן אויף די חורבות. מען האָט זיך צוגעוווינט צום פאַרקלענערטן געטאָ. מען האָט געזאָרגט צו באַקומען אַביסל עסן. דאָס לעבן גייט ווייטער, מען מוז פאַרגעסן אַלע אומגליקן. אַלע זענען געווען זייער באַזאָרגט וועגן די 12.500 יידן, וואָס מען האָט אַוועקגעשיקט. עס זענען געקומען יידן, איבערגעשראָקענע, פאַרבלוטיקטע זיי זענען אין דער לעצטער מינוט אַרויסגעשפרונגען פון די וואַגאָנען, און זיי האָבן אונז די ערשטע דערציילט, אַז דעם גאַנצן טראַנספּאָרט האָט מען אַוועקגעשיקט צו פאַרניכטונג. איך האָב גערעדט מיט אייניקע צוריקגעקומענע. זיי האָבן דערציילט, אַז ווען דער צוג האָט זיך דערנענטערט קיין בעלזשעץ, האָבן זיי געזען אויף די באַן־סטאַציעס, וווּ זיי זענען דורכגעפאָרן, ווי יידן אַרבעטן ביים רייניקן די וואַגאָנען. און פון זיי האָבן זיי זיך אַלץ דערוווּסט. מ'האָט זיי אויך געהאָלפן צו אַנטלויפן. עטלעכע זענען דאָרט געבליבן אַרבעטן, עטלעכע זענען אומגעקומען אויפן וועג צוריק קיין פשעמישל.

אַזוי האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז נישט נאָר דער ערשטער טראַנספּאָרט איז אומגעקומען, נאָר מיר האָבן איצט שוין געוווּסט אויף זיכער, אַז מיר אַלע, וועלכע געפינען זיך נאָך אין געטאָ, וועלן סוף כל סוף אומגעבראַכט ווערן. מען האָט נאָר נישט געוווּסט — ווען? כאָטש ביי מיר האָט נאָך אַלץ געלעבט אַ פאַרטייעט געפיל, אַז איך וועל די מלחמה איבערלעבן. אַזוי שטאַרק איז געווען מיין ווילן צו לעבן, כאָטש לאָגיש איז עס געווען אַן אַבסורד אין יענעם מאָמענט.

דעמאָלט האָבן יידן אָנגעהויבן בויען אין געטאָ בונקערס, כדי צו פאַרשטעקן זיך בעת אַן אַבלאַווע. קודם האָט מען געמוזט זיך היטן, קיינער זאָל נישט וויסן — וואָס און ווען. גראָבן אַ בונקער האָט מען געקאָנט נאָר ביינאַכט, ווען די גאַסן זענען פּוסט. מען האָט אויך די עמערס ערד געמוזט אַרויספירן קיינער זאָל עס נישט באַמערקן. יידן האָבן זיך איינגעשאַפן ברעטער, בעלקעס, אונטערצושפּאַרן דעם סופיט. מען האָט געגראָבן גריבער, כדי צו באַזאָרגן זיך מיט וואַסער אין אַ נויטפאַל, מאַכן אַן אומגעזעענע עפענונג, כדי צו האָבן מיט וואָס צו אָטעמען, צוגרייטן אַביסל לעבנס־מיטל, קאָנסערוון. יידן זענען געוואָרן אינזשיניערן, טעכניקער, בוי־אַרבעטער, טרעגער. צו אַזאַ גראַד פון פאַרצווייפלונג זענען מיר דערפירט געוואָרן. קיינער איז מער נישט געווען זיכער מיטן לעבן. אפילו נישט די פאָרשטייער פון יודען־ראַט. אין ערשטן טאָג פון דער אויסזידלונג האָבן די דייטשן דערשאָסן דעם פאָרשטייער פון

יודן־ראַט, ד״ר דולדיק, און נאָך דריי, אָדער פיר אַנדערע פּאַרשטייער, וועלכע האָבן ביז דעמאָלט געגלויבט, אַז די אַנטי־יידישע אַקציע איז נאָר פאַר אַנדערע, נישט פאַר זיי.

יידן האָבן זיך געריכט, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט ווידער זיין אַן אַקציע. מען האָט שוין מער נישט געהאַט קיין צוטרוי צום דייטש און צו זיינע צוזאָגן. דאָס בויען בונקערס איז צוגעגאַנגען שנעל. עס איז געווען ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך און כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי אָדער אין אַ שאַרף פון אַ מעסער. אָבער דערווייל האָט מען זיך געטרייסט מיט אַן אילוזיע, אַן האָפענונג, וואָס האָט זיך,ליידער, אַרויסגעוויזן פאַר אַן אָפּנאַרערישע.

דערווייל האָט זיך אין געטאָ אַביסל באַרואיקט. מען האָט שוין ווי־דער אין די אָוונט־שעהען אָנגעהויבן האַנדלען ביים פּאַרקן פון געטאָ מיט די פּאָליאַקן דורך די שטאַכעטן. זיי האָבן געבראַכט עסנוואַרג און מען האָט עס אויסגעטוישט ביי זיי מיט מלבושים, וועש.

איך האָב נאָך דעמאָלט אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין מיליטערישן שפּיטאָל, ביז מען האָט אין געטאָ אָרגאַניזירט אַ וועשעריי. אַלע וועש, וואָס זענען געבליבן פון די דעפּאָרטירטע יידן, האָט מען געמוזט אויס־וואַשן, טריקענען, אויספּרעסן, מאַכן גרויסע פּעק און אָפּשיקן עס קיין דייטשלאַנד. מען האָט דערצו נויטיק געהאַט פאַרשיידענע פאַכמענער. פון אָנהייב האָבן די דייטשן און אויך דער יודען־ראַט נישט געוואָלט, אַז די וועשעריי זאָל זיך אַנטוויקלען אין אַ גרויסן פאַרנעם, אָבער עס זענען געווען צוויי סיבות, וואָס גראַד די וועשעריי האָט זיך יאָ אַנט־וויקלט.

ערשטנס, עס איז צוזאַמענגענומען געוואָרן סיי פון פשעמישל, סיי פון דער פּראָווינץ, אַזויפיל וועש און מלבושים, אַז עס האָט פאַרנו־מען גאַנצע מאַגאַזינען, און די דייטשן האָבן די אַלע זאַכן נישט געוואָלט אָפּשיקן קיין דייטשלאַנד, נישט דעזאינפעקציאָנירטע. צווייטנס, האָבן יידן געמוזט האָבן אַרבעטס־קאַרטן ווייל מען האָט שוין געוווסט פון דער דערפאַרונג בעת דער לעצטער אַקציע, אַז כדי נישט דעפּאָרטירט צו ווערן, מוז מען האָבן אַן אַרבעטס־קאַרטע, ערגעצוו זיין באַשעפטיקט.

אַזויווי די אַרבעט אין מיליטערישן שפּיטאָל איז שוואַכער געוואָרן, ווייל די דייטשן האָבן זיך פאַרויסגערוקט אויפן סאָוויעטישן פראָנט, און עס איז זיי צו ווייט געווען צוריקצופירן די פאַרוונדעטע סאָלדאַטן ביז קיין פשעמישל, איז די גאַנצע גרופּע אין מיליטערישן שפּיטאָל גע־

בליבן אָן אַרבעט, און במילא אָן עסן. ווייל יעדער האָט באַקומען צוגע־טיילט זיין טעגלעכע ראַציע, וואָס זיי פלעגן באַקומען אין געטאָ. האָבן פיל יידן אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער וועשעריי.

אין אָנהייב איז דאָס אינסטאַלירן די וועשעריי נישט צוגעגאַנגען אַזוי שנעל. מען האָט מורא געהאַט, אַז די אַרבעט וועט זיך שנעל אויס־לאָזן. האָט מען די אַרבעט איינגעטיילט — פרויען האָבן געוואַשן, די מענער האָבן געטריקנט, אַנדערע פרויען האָבן געפּרעסט די וועש, און צוזאַמען האָבן זיי געניייט, פאַרריכט. צולעצט האָבן די מענער די פאַר־טיקע וועש איינגעפּאַקט אין גרויסע באַלן. עס זענען געקומען לאַסט־אויטאָס מיט דייטשע סאָלדאַטן און האָבן דאָס אַלץ אַוועקגענומען.

די אַרבעט איז אין אַלגעמיין נישט געווען קיין שווערע. די דייטשן האָבן די אַרבעט נישט געקאָנט אָפּשאַצן, וויפל מען זאָל מאַכן. אַזוי איז די וועשעריי געוואָרן אַ יידישע אונטערנעמונג. ביז — איינמאָל איז אויסגעבראָכן אַ שריפה אין טרוקן־קאַמער, ווו עס האָט גראָד געאַרבעט מיין יינגערער ברודער און מיין ברודערס שוואָגער. די קאַמער צום טרי־קענען די וועש איז געווען איינגעאָרדנט אויף אַ פּשוטן אופן : פון איין זייט איז געווען אַ טיר צום עפענען, ווו מען האָט אַריינגעלייגט לאַנגע שטיקער האָלץ. דאָס האָט געברענט און געגעבן היץ. אויף דער צווייטער זייט, ווו אויף דראַטענע הענגערס איז געהאָנגען די וועש צום טריקע־נען. די אויסגעטריקנטע האָט מען געקאָנט אַרויסשיבן און באַלד אויף זייער אָרט אויפגעהאָנגען נאַסע וועש. די גאַנצע וועשעריי איז געווען אָפּהענגיק פון דער טרוקן־קאַמער, און איז נישט זייער גוט אָפּגעהיטן געוואָרן. ווען דער פלאַם־פייער האָט זיך שטאַרק צעברענט, האָט זיך עס לייכט געקאָנט איבערוואַרפן צו דער טרוקן־קאַמער. ווען דאָס פייער איז געווען שוואַך, האָט עס איבערהויפּט נישט געטרוקנט די וועש און מען האָט אויך געמוזט טרוקענען אין דרויסן.

דאָס פייער האָט זיך איינמאָל שטאַרק פונאַנדערגעפלאַקערט. מען האָט עס אָבער נישט גלייך באַמערקט. די וועש און די גאַנצע קאַמער האָט אָנגעהויבן ברענען. אַלע זענען אַרויס מיט עמערס וואַסער, און עס איז קוים געלונגען צו פאַרלעשן דאָס פייער. אָבער די וועשעריי האָט צייטווייליק נישט געקאָנט מער פונקציאָנירן, ווייל מען האָט נישט געקאָנט טריקענען דאָס וועש.

עס האָט זיך געמאַכט אַ בהלה צווישן די איבער הונדערט מענטשן. דעם ערשטן טאָג, ווען דער לאַסט־אויטאָ איז געקומען אָנלאָדן, האָט מען

אים געקאָנט געבן די וועש פון אַ טאָג פריער, אָבער דעם צווייטן און דריטן טאָג האָט דער לאַסט־וואָגן נישט געהאַט וואָס אָנצולאָדן. דאָס האָט אַרויס־גערופן אַלעמענס שרעק. איבערהויפּט, — פאַר דער געשטאַפּאָ, וואָס פאַר־נעמט זיך מיט די אַדמיניסטראַטיווע ענינים — אַז זיי וועלן קומען אויף אַ קאָנטראָלע, און פעסטשטעלן, צי עס איז נישט געווען קיין סאַבאָטאַזש אין דער טרוקן־קאַמער.

מיין עלטערער ברודער, וועלכער האָט צוגעשטעלט די ביורא־פּאַפּירן, האָט זיך זייער געשראָקן. ער איז געבליבן אין דער וועשעריי און דער־קלערט דעם געשטאַפּאָ־מאַן, אַז עס איז געווען אַ פּאַרפּאַל און נישט קיין סאַבאָטאַזש. יענער האָט עס אַלץ גענוי אויפגעשריבן און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל ווי אַמשנעלסטן ווידער אויפבויען אַן אַנדערע טרוקן־קאַמער. מען האָט עס אַביסל פאַרריכט אָבער דער סיסטעם פון טרוקענען, וואָס איז נישט קיין איבעריק גוטער, איז געבליבן דער זעלבער.

אין קליינעם אַרומגעשניטענעם געטאָ, האָט עס אויסגעזען, אַז דאָס לעבן האָט זיך נאָרמאַליזירט, אָבער אין דער אמתן איז מען געווען יעדע מינוט באַדראָט. פון די אַרומיקע שטעט און דערפער זענען צוגעקומען יידן, וועלכע האָבן זיך אַ צייט לאַנג אויסבאַהאַלטן. אַזוי ווי זיי האָבן געהערט, אַז דאָס געטאָ עקזיסטירט ווייטער, זענען זיי צוריקגעקומען, אָבער מיטן געדאַנק, אַז ווי נאָר עס וועט זיין אַ געפאַר, וועלן זיי זיך ווידער אויסבאַ־האַלטן. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. אַלע יידן זענען סיי ווי אַריינ־געפאַלן אין די דייטשע לאַפּעס. דער הונגער איז געווען גרויס. יידן האָבן אויסגעטוישט די לעצטע מלבושים ביי די פּאָליאַקן פאַר אַ שטיקל ברויט. מען האָט געפילט, אַז עס גרייט זיך ווידער אַן אַנטי־יידישע אַקציע. ווייל מען האָט איבערגעלאָזט טויזנטער יידן אָן אַרבעט, אָן עסן. די מיליטערישע דערפאָלגן אויפן רוסישן פראָנט, האָט די דייטשן געגעבן מער מוט צו איזדעקעווען זיך איבער דער שוצלאָזער און אומגליקלעכער יידישער באַ־פעלקערונג.

דעמאָלט האָט מען אין געטאָ ווידער גענומען בויען שטילערהייט בונקערס, מיט דער אילוזאָרישער האָפענונג, אַז זיי וועלן זיך און זייערע משפחות ראַטעווען דאָס לעבן. די שאַנסן זענען אָבער געווען זייער שוואַ־כע. מען האָט שוין געקענט די דייטשן מיט זייערע צביעותדיקע צוזאָגן. מען האָט געהערט היטלערס רעדעס, אַז זייער ענדציל איז צו פאַרניכטן דאָס גאַנצע אייראָפּעאישע יידנטום. ווער האָט זיי דען דעמאָלט, אין יאָר 1942, געקאָנט שטערן דורכצופירן זייער טייוולאָנישן פּלאַן ? כמעט גאַנץ

אייראָפּע איז געלעגן אונטער זייערע שטיוול. אויפן רוסישן פראָנט זענען זיי אַלץ טיפער אַוועק אין די רוסישע פּראָווינצן. די דייטשע מלחמה־מאַשין האָט געאַרבעט אויף דער גאַנצער פּאַרע. זיי האָבן מאָביליזירט מיליאָנען סאָלדאַטן, אויך פון די אָקופּירטע לענדער, די פאָלקס־דייטשן און די שקלאַפן־אַרבעטער.

די פאָלקס־דייטשן סיי פון פּוילן, סיי פון אַנדערע לענדער, זענען אָפט געווען פיל ברוטאַלער ווי די דייטשן גופא. זיי האָבן אַרומגערינגלט דאָס געטאָ, און אַרויסגיין אויף דער אַרישער זייט פאַר אַ ייד איז געוואָרן אַלץ מער געפערלעכער, ווייל זיי האָבן גערעדט פּויליש, די פאָלקס־דייטשן, און האָבן לייכט דערקענט אַ פאַרשטעלטן ייד אָן דעם אָרעם־באַנד.

אין אַזאַ האָפענונגסלאָזער לאַגע האָבן מיר זיך געפונען, און מען האָט געזען, אַז עס רוקט זיך אָן נאָך אַ גרעסער אומגליק.

דער בונקער איז איצט געווען די איינציקע טרייסט. עס זענען אויך צוגעקומען די הונדערטער יידן, וואָס האָבן זיך פריער אויסבאַהאַלטן אויסערן געטאָ. זייער לאַגע איז געווען נאָך ערגער, ווייל זיי זענען אַריינגעקומען אין געטאָ אומלעגאַל. זיי האָבן יעדן טאָג ריזיקירט מיטן לעבן. זיי האָבן שוין אָבער נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. מען האָט אויך גערעדט וועגן אַ פרישער אַקציע. די ווונדן פון דער פריערדיקער אַקציע זענען נאָך נישט געווען פאַרהיילט. קיינער האָט זיך מער נישט געמאַכט קיין אילוזיעס, אַז מען פאַרט כלומרשט אויף אַרבעט, נאָר — צו פאַרניכטונג.

אַז מיר האָבן געאַרבעט אין דער וועשעריי, איז עס אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ פאַרזיכערונג, אַז די געשטאַפּאָ וועט נעמען אין אַכט, אַז מיר זענען מיט עפּעס נוצלעך פאַר זיי. אָבער מיט עטלעכע טעג פריער פאַר דער פרישער אַקציע, האָט מען שוין געוווסט, אַז עפּעס גרייט זיך קעגן די יידן, ווייל מען האָט געזען אָנקומען ליטווישע און לעטישע סאָלדאַטן. אַלע פּוילישע און אוקראַינישע פּאָליציאַנטן זענען געוואָרן מאָביליזירט. דערצו נאָך זענען געווען אין פולער גרייטקייט די ס. ס. און די דייטשע סאָלדאַטן.

דאָס אַלץ האָט זיך געגרייט קעגן דעם ביסל אָפּגעשוואַכטע, אויסגעהונגערטע יידן, וועלכע זענען געווען פאַרמאַכט, אַרומגערינגלט מיט מויערן פון אַלע זייטן אין דער מיט פון דער פיינטלעכער פּוילישער באַפעלקערונג.

אין דער וועשעריי, ווו מען איז מער נישט געווען אַזוי זיכער, צי מען וועט אָנערקענט ווערן אַלס נוצלעכע אַרבעטער, האָט זיך שוין דעם 15־טן נאָוועמבער 1942 אָנגעהויבן אַ בהלה. פּלוצים האָבן די מיטגלידער פון יודען־ראַט געברענגט זייערע משפחות אין דער וועשעריי, זיי זאָלן דאָרט אַרבעטן. האָט מען פאַרשטאַנען, אַז אַלע פון דער וועשעריי וועלן אפשר בלייבן.

מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן אַן אָרט צו באַהאַלטן מיין פאָטער און דאָס קינד פון מיין ברודער. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז געווען אַ גרויסע ווייל טאָמער, חלילה, כאַפּט מען זיי, זענען מיר אַלע פאַרשאָטן. אַלטע לייט און קינדער האָבן אוודאי נישט געהאַט קיין האָפענונג איבערצולעבן.

עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון 17־טן נאָוועמבער 1942. אַ טאָג פאַר דער אַקציע האָט די געשטאַפּאָ געגעבן אַ באַפעל, אַז דעם 18־טן מוזן אַלע יידן פונעם געטאָ זיין אויף אַ פּלאַץ, ווו זיי האָבן אָנגעוויזן. און אַלע יידן פון דער וועשעריי מוזן זיך געפינען אויפן הויף, מיט זייערע קאַרטן. דאָס גאַנצע געטאָ איז געווען אויפגעברויזט. מען האָט שוין געוווסט וואָס דאָס באַדייט און וווהין מען פאַרשיקט.

די אַלע, וועלכע האָבן זיך געהאַט צוגעגרייט בונקערס, האָבן אַראָפּגעטראָגן דאָס ביסל עסנוואַרג, אָנגעגרייט זיך וואַסער, און דאָס נויטיקסטע, ווייל פיל פּלאַץ איז אין בונקער נישט געווען. דער עיקר האָט מען זיך אָנגעגרייט קאָלדרעס, איבערבעטן און וואַרעמע קליידער, האָט מען געמוזט מיט זיך נעמען, ווייל עס איז געווען זייער קאַלט אין אַזאַ בונקער. איך האָב געהאַט פיל חברים און זיי האָבן געהאַט צו מיר צוטרוי, האָבן זיי מיר געוויזן עטלעכע בונקערס. כמעט אַלע זענען געווען געבויט אויפן זעלבן סיסטעם. דער אַריינגאַנג — זייער אַ שמאָלער, קיין דיקערער מענטש האָט איבערהויפּט נישט געקאָנט אַריינקריכן. אָבער דעמאָלט זענען סיי ווי אַלע יידן געווען אויסגעמאָגערט. ווען מען האָט זיך דורכגעשטופּט דורך דער עפענונג, איז געווען אַ קליינער קאָרידאָר, באַשטעלט מיט ברעטער, און פון דאָרט איז מען אַריין אין אַ גרעסערער נאָרע, באַשטעלט מיט ברעטער און אַרומגעלייגט מיט שטרוי.

מען האָט דאָרט געגראָבן און געפונען וואַסער. די ווענטילאַציע איז געווען אַ גרויס פּראָבלעם. אייניקע האָבן געפּאָמפּעט לופט מיט דער האַנט, אָבער אייניקע האָבן עס איינגעאָרדנט מיט אַ רער, גוט קאַמופלירט פון אויבן. דאָרט האָבן זיך יידן אויסבאַהאַלטן גאַנצע טעג און וואָכן.

אָבער נישט אַלע האָבן זיך געראַטעוועט, דעם גרעסטן טייל האָבן די דייטשן אַנטדעקט. ווי נאָר זיי האָבן געזען אַ פּאַרדעכטיק אָרט, ווו די ערד איז צעגראָבן, אַ לאָך, האָבן זיי אַריינגעוואָרפן גאַז־באָמבעס און די יידן האָבן אַליין געמוזט אַרויסגיין. די דייטשן האָבן גערופן הויך, אַז עס וועט זיי קיין שום שלעכטס נישט געשען. די דייטשן האָבן צוגעזאָגט צו שענקען דאָס לעבן די, וואָס וועלן אויסגעבן אַנדערע בונקערס.

אַזוי אַז נאָר אַ גאָר קליינער טייל האָט זיך אַדאַנק די בונקערס גע־ראַטעוועט פון דער אַקציע. איך האָב באַשלאָסן, אפילו צו ריזיקירן מיטן לעבן, און נישט פאַרשטעקן זיך אין אַזאַ בונקער. אויסער, איין מאָל, שוין ערב דער באַפרייאונג אין 1945.

אַזוי האָבן זיך שוין דעם 17־טן נאָוועמבער 1942 אין אָוונט, פאַר דער אויסזידלונגס־אַקציע, דער גרעסטער טייל יידן פאַרשטעקט, אויסבאַהאַלטן. מיר אַלע דריי ברידער האָבן געהאַט דאָס רעכט צו בלייבן, ווייל מיר האָבן געאַרבעט. מיר האָבן אויסגעפונען אויפן בוידעם פון דער וועשעריי אַ ווינקל, ווו מיין פאָטער מיטן ברודערס קינד און נאָך עטלעכע מענער און פרויען, אַרום 20 יידן, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. קיין טרעפּלעך אַרויפ־צוגיין אויפן בוידעם זענען נישט געווען, האָט מען געמוזט צושטעלן אַ דאָפּלטן לייטער פון 4 מעטער די הויך. דער אַרויפגאַנג איז געווען אין מיטן פון קאָרידאָר. אין אָוונט האָט מען געהאָלפן אַלעמען אַרויפגיין אויפן בוידעם. געגעבן זיי אַלטע מלבושים זיך צוצודעקן און די קלאַפּע אויפן סופיט גוט פאַרמאַכט, מען זאָל נישט דערקענען, אַז עס איז פאַראַן אַן עפענונג. דעם לייטער — אַוועקגענומען. ביינאַכט איז שוין קיינער נישט געשלאָפן, נישט אין געטאָ, נישט אין דער וועשעריי. אַלע בונקערס זענען געווען פאַרפולט. די שפּאַנונג און מורא איז געווען אין לשער, ווייל מען האָט שוין געוווסט אויף זיכער, אַז מען פירט די יידן אומצוברענגען. אין אָוונט האָט מען געקאָכט אַ זופּ מיט קאַרטאָפל, מען זאָל קאָנען אַרויפ־טראָגן עפּעס וואַרעמס פאַר די ווייבער און קינדער.

עס איז פריער אָפּגערעדט געוואָרן, אַז ווען מען וועט געבן אַ צייכן, זאָלן זיי אויפמאַכן די קלאַפּע און אַראָפּלאָזן די שטריק אַרויפצוציען דאָס עסן, דערנאָך די קלאַפּע ווידער פאַרמאַכן. אַזוי ווי מיר זענען אַרויף אויפן ערשטן שטאָק, זענען מיר שטיינגעבליבן, צו הערן. און פּלוצים הערן מיר אַ שוואַכן גערויש, ווי עמיץ וואָלט געגאַנגען און זיך אָפּגע־שטעלט. האָבן מיר מורא באַקומען, אפשר איז עס אַ געשטאַפּאָ. די נאַכט איז געווען זייער אַ פינצטערע און מען האָט גאָרנישט געזען. מען האָט

אָבער דערשפּירט, אַז יענער האָט אויך מורא. מיר זענען מער נישט אַרויף אויפן בוידעם. ווער קאָן וויסן אין דער פינצטער ווער דאָס קאָן זיין? האָבן מיר מיט די כלים זופּ צוריק זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער ווע־שעריי. מען האָט דערביי אַלעמען געוואָרנט, אַז עמיץ געפינט זיך אויפן שטאָק, נאָר מען ווייסט נישט — ווער. מיר האָבן פּלוצים אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר זיך און פאַר די, וואָס באַהאַלטן זיך אויבן. ווייל ווען מיט אונז פּאַסירט עפּעס, קאָנען זיי דאָך נישט אַראָפּגיין, איבערהויפּט די פרויען און קינדער. אַזוי אַז קיינער איז שוין די נאַכט נישט געשלאָפן און מען האָט געוואָרט — וואָס עס וועט זיין מאָרגן, וואָס פאַרא אומגליק עס דער־וואַרט אונז.

דאָס געטאָ איז שוין טאַקע געווען אַרומגערינגלט. יעדע פּאָר מעטער אַ סאָלדאַט מיט אַ מאַשין־געווער. גענוי ווי בעת דער ערשטער אַקציע. גאַנץ פרי האָבן שוין די יידן געמוזט גיין אויפן פּלאַץ. מיר אין דער וועשע־ריי, האָבן זיך געמוזט זאַמלען אין הויף, מיט אונזערע „אויסווייזן" אין האַנט.

אין דער וועשעריי האָט זינט אַ פּאָר טאָג פאַר דער אַקציע אָנגעהויבן אַרבעטן די פרוי מיטן קינד פון 10 יאָר, פון צווייטן אָנפירער פון יודען־ראַט. טייך האָט ער געהייסן. מען האָט אים אָבער געראָטן, אַז בע־סער זאָל ער דאָס קינד אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם, צוגלייך מיט אַנדערע קינדער. ער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון. „וואָס הייסט — האָט ער געזאָגט — דעם פאַרשטייער פון יודען־ראַט... דעם קינד וועט גאָרנישט געשען"... מען האָט אָנגענומען פאַרזיכט־מיטלען. ס'איז גע־ווען אַ מיידעלע. האָט מען די הערעלעך ביים קינד געמאַכט אפשר צען צענטימעטער העכער זי זאָל אויסזען מער דערוואַקסן, העכער. מען האָט איר אָנגעטון אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ, אָנגעטון אַ שירץ. עטלעכע ווייבער האָבן זיך פאַרנומען מיטן מיידעלע, צו מאַכן זי אויסזען וואָס עלטער, כדי אָפּצונאַרן די געשטאַפּאָ.

יענעם פרימאָרגן האָט מען זיך געריכט אויף אַ קאַטאַסטראָפע, ווייל קיינער האָט נישט געוווּסט צי ער וועט בלייבן, אָדער אַוועקגענומען ווערן צום אומקום. מיר האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט אין הויף פון דער וועשעריי. אויפן 1־טן שטאָק איז געווען אַ מין לאַזאַרעט, אַ צימער מיט עטלעכע בעטן, ווו קראַנקע האָבן זיך געקאָנט אַוועקלייגן. אין דער פרי איז מען אַרויף צו די קראַנקע, העלפן זיי אָנטון זיך, זיי זאָלן אַרונטער־גיין אויפן הויף, צוזאַמען מיט אונז. ווייל אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַז

קראַנקע נעמען זיי גלייך צו. דורכגייענדיק דאָס צימער, טרעף איך אַ מאַן, וואָס איך האָב אים נאָך דאָ קיינמאָל נישט געזען. ער האָט נישט געאַר־בעט אין דער וועשעריי. פרעג איך אים, פון וואַנען ער קומט און ווי אַזוי ער קלערט זיך צו ראַטעווען? זאָגט ער מיר, אַז ער באַהאַלט זיך שוין אויס עטלעכע טעג אין דער געביידע. דאָס זענען געווען זיינע טריט, וואָס מיר האָבן געהערט אין מיטן דער נאַכט. ער האָט געוואָלט בלייבן אין לאַזאַרעט מיט נאָך אַנדערע. אָבער אַלע פון קראַנקן־צימער זענען אַרונטער, אויסער צוויי קינדער פון פיר און זעקס יאָר, וועלכע האָבן נישט ווו צו גיין, און איין בחור, וועלכן איך האָב זייער גוט געקענט פון אונזער אָרגאַניזאַציע. ער האָט געציטערט אויפן גאַנצן קערפּער פאַר מורא. ער האָט מיר דערציילט אַז ער איז געווען פאַרשיקט צוזאַמען מיט די עלף הונדערט יידן אין יאַנאָווער לאַגער. ער איז קוים מיטן לעבן, מיט גרויס סכנות נפשות, פון דאָרט אַנטלאָפן. ער איז געגאַנגען גאַנצע נעכט דורך פעלדער און וועלדער. ער האָט געפּרוווט אַנקלאַפּן אין אַ פּויערישער טיר, אָבער די פּאָליאַקן און אוקראַינער האָבן אים נישט געוואָלט געבן עפּעס צו עסן, כאָטש זיי האָבן אַלץ צערויבט פון די פאַרלאָזענע יידישע שטעטלעך, פון וואַנען די יידן זענען דעפּאָרטירט געוואָרן.

איך האָב אים געטרייסט און געזאָגט, ער זאָל נישט קיין מורא האָבן, אַז מען וועט אים שיקן צו דער אַרבעט. זאָגט ער מיר:

— דינקעס (אויף דעם נאָמען האָט ער מיך געקענט) איר אַלע ווייסט נאָך גאָרנישט, וואָס עס הייסט ביי זיי **שיקן צו דער אַרבעט.** איך ווייס, ווייל איך בין געווען אין יאַנאָווער לאַגער. זיי ברענגען דאָרט אום די יידן . . .

דערווייל האָבן די צוויי קינדער געוויינט פאַר מיר, זיי האָבן נישט וואָס צו עסן. וואָס ווייסן, נעבעך, קינדער פון 4 און 6 יאָר, וואָס פאַראַ געפאַר עס דראָט זיי? ווייל קינדער האָבן ביי די דייטשן נישט געהאַט קיין שום האָפענונג לעבן צו בלייבן. איך האָב זיי געזאָגט, זיי זאָלן וואַרטן אַ פּאָר מינוט. כ׳בין אַראָפּגעלאָפן אין דער וועשעריי אונטן און זיי אַרויפגעבראַכט שטיקלעך ברויט, געהייסן זיי זאָלן זיך באַהאַלטן אונטערן בעט, אפשר וועט מען זיי נישט באַמערקן. דעם קראַנקן חבר, וואָס איז אַנטלאָפן פון יאַנאָווער לאַגער האָט מען גאָרנישט געקאָנט העלפן. ער האָט אפילו נישט געקאָנט אַראָפּגיין פון בעט. ער האָט געציטערט פאַר מורא. קיינמאָל האָב איך עמיצן נישט געזען אַזוי ציטערן. דעם ייד, וואָס האָט זיך אויס־

באַהאַלטן אין קראַנקן־צימער, האָב איך געזאָגט ער זאָל דאָ נישט בלייבן, ווייל דאָ איז ער אַ פאַרלוירענער.

ווען מיר זענען גאַנץ פרי אַרויס אין הויף פון דער וועשעריי, האָבן מיר שוין געהערט די קולות און געוויינען פון יענער זייט מויער, פונעם פּלאַץ אין געטאָ, ווו אַלע יידן האָבן זיך געמוזט צושטעלן. מיין חבר דער קולטור־טוער שמעון שוועיבל, האָט זיך נישט געוואָלט באַהאַלטן צוזאַמען מיט מיין פאָטער. ער האָט געזאָגט, אַז ער גייט דאָרט, ווו זיין מוטער און ברידער און די גאַנצע משפּחה זענען געגאַנגען. דעם 18־טן נאָוועמבער 1942 איז ער פרייוויליק געגאַנגען אויפן אויסזידלונגס־פּלאַץ, כאָטש ער האָט געהאָט אַ מעגלעכקייט זיך אויסצובאַהאַלטן. נאָך עטלעכע, וואָס האָבן געאַרבעט מיט מיר אין מיליטער־שפּיטאָל און אפילו אין דער וועשעריי, האָבן אַוועקגעגעבן זייערע קאַרטן אַנדערע און אַליין אַוועק אויפן פּלאַץ צום אויסזידלען. זיי זענען געווען זייער אומגליקלעך, וואָס זיי האָבן געלאָזט אַליין אַוועקגיין זייערע פרויען און קינדער, און זיי האָבן זייער אייגן לעבן נישט מער געשאַנעוועט.

מיר שטייען אַזוי אויסגעשטעלט אויפן הויף פון דער וועשעריי און הערן די קולות פון די אומגליקלעכע. מיר אַלע האַלטן שוין גרייט אונזערע קאַרטן, מיט דער האָפענונג נישט אויסגעזידלט צו ווערן צום אומקום. אָט קומען אָן די געשטאַפּאָווצעס, מיטן שעף בענעוויץ, בראַש. זיי הייבן אָן גיין פון איינעם צום צווייטן. זיי קוקן אין די קאַרטן און גייען ווייטער, ביז זיי קומען צו צום קינד פון אַ יאָר צען, די טאָכטער פון טייך. דער שעף קוקט זי אָן, פרעגט זי ווי אַלט זי איז. ענטפערט זי: „זעכצן יאָר". זאָגט דער שעף: „דאָס איז נישט אמת", און הייסט זי אַרויסגיין פונעם ראַנג. הייבט דאָס קינד אָן יאָמערלעך צו וויינען. גייט די מוטער אויך אַרויס פון דער ריי און זאָגט דעם געשטאַפּאָ, אַז זי איז די פרוי טייך, דער פאָרשטייער פון יודען־ראַט. ענטפערט ער איר, אַז דאָס איז אים גאַנץ עגאַל און אַז דאָס קינד מוז פאַרשווינדן. האָט זי אויסגעשריגן, אַז אַלע דייטשן זענען אויסוואורפן און מערדער און זי וועט דאָס קינד נישט לאָזן אַליין אַוועקגיין. דאָרט ווו דאָס קינד גייט, גייט זי אויך.

מען האָט די מוטער מיטן קינד אַרויסגעפירט פון הויף פון דער וועשעריי, צום פּלאַץ, ווו אַלע יידן האָבן זיך געפונען. אין זעלבן מאָמענט איז געשטאַנען דער פאָטער פונעם קינד און האָט זיך מיט קיין איין וואָרט נישט אָפּגערופן, אויס מורא פאַר זיין אייגן לעבן. צו אַזאַ נידעריקער מדרגה איז דער מענטש דערפירט געוואָרן אין די באַדינגונגען.

דער שעף פון געשטאַפּאָ האָט דאַן געגעבן אַ פאַראָרדענונג אַ צווייטן געשטאַפּאָ, ער זאָל גיין דורכזוכן די געביידע פון דער וועשעריי, צי עס זענען נישט פאַראַן קיין באַהאַלטענע יידן. און גראָד איז עס געווען דער, וועלכער האָט אונז געהאָלפן אין דער ערשטער אַקציע דעם 27־טן יולי 1942 אַרויסצוגיין פונעם אויסזידלונגס־פּלאַץ. ווען דער געשטאַפּאָ־מאַן איז אַריין אין דער געביידע, זוכן, האָבן אַלע געגלויבט, אַז ער וועט די פיר באַהאַלטענע נישט געפינען. מיר האָבן זיך געפרעגט: ווי קומט ער צו דער געשטאַפּאָ? ער פּאַסט זיך גאַרנישט אַריין צו דער מערדער־באַנ־דע. אַזאַ איידלקייט האָט ער אַרויסגעוויזן. און אַט קומט ער אַרויס פון דער וועשעריי און הינטער אים — דער קראַנקער חבר, וואָס האָט נישט געקאָנט גיין, אָבער נאָך אים איז ער דאָך געגאַנגען. נאָך זיי — די 2 קליינע קינדער, געפירט פון דעם ייד וואָס האָט זיך אין דער וועשעריי אויסבאַ־האַלטן. ער האָט זיי צוגעפירט ביז צום טויער. דעם ייד, וואָס האָט גע־פירט די צוויי קינדער, האָט ער אָפּגעלאָזן און מיט די אַנדערע דריי אַרויסגעגאַנגען דורכן טויער, זיי צוגעשטעלט צו דער וואַנט און אַלע דריי אויפן אָרט דערשאָסן.

אַזוי האָבן אויסגעזען אַפילו די „פיינע" דייטשן. ער האָט געפירט צום דערשיסן צוויי קליינע, שיינע יידישע קינדער. זיי האָבן, נעבעך, אַזוי געוויינט און ער איז געווען אומברחמנותדיק. ער האָט אויך דעם בחור, וואָס האָט פריער געציטערט איבערן גאַנצן לייב, אַן אַנטלאָפענער פון יאַנאָווער לאַגער, דערשאָסן. איך האָב געפרעגט דעם יידן, פאַרוואָס דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט אים פרייגעלאָזט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט אים דערקלערט, אַז ער אַרבעט אין דער וועשעריי. צי ער האָט אים גע־גלויבט, אָדער נישט ווייס איך נישט, אָבער אַ פאַקט, אַז ער האָט אים אָפּגעלאָזט. מיר האָבן זיך געפרעגט: פון וואַנען האָבן זיך די קינדער גענומען אין דער וועשעריי אין לעצטן טאָג? ווען מ'וואָלט זיי פריער געזען, וואָלט מען דאָך זיי באַהאַלטן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע קינדער אויפן בוידעם. זייערע עלטערן זענען אַוועק אויפן דעפּאָרטאַציע־פּלאַץ, האָבן זיי די קינדער געפּרוווט פאַרשטעקן אין דער וועשעריי, מיט דער האָ־פענונג, אַז זיי וועלן בלייבן לעבן. ליידער, איז שוין געווען צו שפּעט.

נאָך דער קאָנטראָלע אין דער וועשעריי, ווו עס זענען געווען דריי דערשאָסענע און צוויי צום דעפּאָרטירן, זענען אַלע אַריין אין דער געביידע און אומגעדולדיק געוואַרט ביז אין אָוונט, צו דערוויסן זיך וואָס עס איז געשען אין געטאָ אין דעם טראַגישן טאָג פון 18־טן נאָוועמבער 1942.

זיי האָבן אין דעם טאָג דעפּאָרטירט קיין בעלזשעץ פיר טויזנט יידן, אויסער דעם — פיל דערשאָסן אויפן אָרט.

ווי נאָר ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן מיר אָפּגעקאָכט אַביסל זופּ, און צוזאַמען מיט אַ שטיקל ברויט, אַרויפדערלאַנגט עס אויפן בוידעם. דאָרט זענען געווען די 20 באַהאַלטענע יידן. מייסטנס קינדער, ווי אויך מיין טאַטע און פיל פרויען. זיי זענען אַראָפּ אין דער וועשעריי צו קאָנען זיך אַביסל אויסגלייכן דיביינער פון ליגן פאַרשטעקט אין דער באַהעלטעניש. מיר זענען געווען גליקלעך, וואָס אונזער פאָטער און דאָס קינד פון דריי יאָר פון מיין ברודער, זענען געבליבן לעבן. מען האָט זייער באַהעלטעניש נישט אַנטדעקט; אין דער צייט, ווען מיר האָבן געזען, ווי די געשטאַפּאָ האָט אומגעבראַכט קליינע קינדער, צוזאַמען מיט עלטערע מענטשן. גאַנץ פרי זענען זיי אַלע צוריק אַרויף אויפן בוידעם, ווייל מען איז נישט געווען זיכער צי די געשטאַפּאָ וועט ווידער נישט באַפעלן, צו זוכן באַהאַלטענע יידן.

אין דעם טאָג נאָך דער טראַגישער אַקציע איז דאָס געטאָ ווידער פאַרקלענערט געוואָרן כמעט אויף אַ העלפט. פון אין דער פרי אָן האָבן מיר געמוזט שטיין אין דער ריי פאַרן יודען־ראַט, כדי צו באַקומען אַן אַנדער צימער. נאַטירלעך, האָבן זיי נישט גענומען אין אַכט די באַהאַלטענע יידן אויפן בוידעם. זיי האָבן אונז צוגעטיילט אַ צימערל פון דריי אויף פיר מעטער, מיט אַ קליינעם איינגאַנג אין אַ הויף, פאַר אונז און פאַר אַ משפּחה, אַ פרוי מיט צוויי טעכטער. איר מאַן איז דעפּאָרטירט געוואָרן און די צוויי טעכטער זענען געווען צווישן די באַהאַלטענע אויפן בוידעם. מען איז גלייך צוגעטראָטן איינצואָרדענען זיך, מיר האָבן אויפגעזוכט אַ קליין טישל, אַ פּאָר בענקלעך, אויפשטעל־בעטלעך.

עס זענען אַרויסגעקראָכן נאָך אַביסל יידן אין געטאָ, אָבער מען האָט געפילט, אַז מיט דער אַקציע איז נאָך נישט געלייזט אונזער גורל; כאָטש די דייטשן האָבן ווידער פאַרזיכערט, אַז מען וועט מער נישט דעפּאָרטירן.

אין דער וועשעריי איז נאָך אַ געוויסע צייט אָנגעגאַנגען די אַרבעט. עס האָבן זיך אָבער פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מען וועט דעם איינגעשרענקטן געטאָ ווידער צעטיילן אין צווייען. דאָס ערשטע געטאָ האָט געזאָלט זיין אַן אַרבעטס־לאַגער. יעדער דאַרף אַריינברענגען זיינע מאַשינען און אַרבעטן פאַר דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אָדער פאַר די דייטשן. איין געטאָ — אַ זאַמל־פּונקט פאַר אַלע יידן, וואָס אַרבעטן נישט. יעדער פון אונז האָט

גוט געוווּסט וואָס דאָס הייסט — נישט אַרבעטן. דאָס האָט געהייסן — דע־פּאָרטאַציע, פאַרניכטונג.

אין קלענערן געטאָ האָבן געאַרבעט אַלע די, וועלכע זענען פריער געווען באַשעפטיקט אין דער וועשעריי, און אויך קליינע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף די געביטן, וואָס זענען געווען נויטיק פאַר די דייטשן. אַזוי האָט מען אָנגעהויבן רייניקן די פעדערן פון דעם בעט־געוואַנד, וואָס האָבן זיך פול געוואַלגערט אין די צעגראַמירטע יידישע הייזער אין געטאָ. די וועשעריי האָט זיך אויסגעשפרייט, מען האָט אַריינגע־נומען נאָך מענטשן — בלעכערס, שלאָסערס, סטאָליערס, פון אַנדערע בראַנזשעס. עס איז געווען אַ גוט געפיל ביי די יידן, אַז מען איז פּראָדוקטיוו, און דאָס וועט זיי אפשר ראַטעווען. די שטאָטישע אַדמיניסטראַציע און די דייטשן האָבן איינגעזען, אַז די יידן האָבן אַ וויכטיקן מאַטעריעלן ווערט.

אַזוי ווי מיר האָבן אַריינגעגעבן עטלעכע מאַשינען פאַר בלעכעריי, האָט מיין פאָטער געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זיין באַשעפטיקט אין די וואַר־שטאַטן. דאָס האָט אים אויף אַ שטיקל צייט געמאַכט פאַרגעסן אין אַלע צרות. מיין פאָטער איז געווען זייער פעאיק, פלייסיק. ביז דער מלחמה האָט ער אָנגעפירט מיט אַ וואַרשטאַט פון איבער דרייסיק אַרבעטער, האָט געליפערט מעטאַל־אויסאַרבעטונגען קיין זשעשאָוו, לעמבערג. אָבער אין די מלחמה־יאָרן איז ער געוואָרן אַנטמוטיקט, נידערגעשלאָגן, ער איז מער נישט געווען דער זעלבער פלייסיקער מענטש. נאָכדעם ווי מען האָט אַוועקגענומען מיין מוטער, איז ער געוואָרן זייער צעבראָכן, אַלט. ער איז איצט געוואָרן אָפּהענגיק פון זיינע דריי זין. מיר האָבן אַלץ געטון, כדי אים צו באַשיצן.

אָבער אָנהייב 1943 האָט זיך אַלץ געענדערט צום ערגערן. אין די וואַרשטאַטן איז אָנגעקומען אַן עסטרייכישער מיליטערמאַן מיטן נאָמען שוואַמבערגער, אַ רוצח ימח שמו. און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די גרוי־סע צרות. געקומען איז דער עסטרייכער פון שטעטל ראָזוואַדאָוו, נאָכדעם ווי ער האָט דאָרט ליקווידירט דאָס געטאָ. קיין פּשעמישל האָט ער מיט־געבראַנגט מיט זיך עטלעכע יידישע מיט־פאַרברעכער. איינער פון זיי האָט געהייסן יאָנאָס, אַ גרויסער אויסוואורף, און ער האָט מיטגעהאָלפן שוואַמבערגערן אין זיין מערדערישער אַרבעט. ער האָט איבערגענומען די לייטונג אין די וואַרשטאַטן, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די שקלאַפן־אַרבעט. ער האָט איינגעפירט די אַרבעט פון 6 פרי ביז 6 אין אָוונט. אין גאַנצן געטאָ, ווו עס האָבן זיך געפונען די וואַרשטאַטן, האָט

זיך קיינער נישט געטאָרט בייטאָג געפינען אויף די גאַסן, און ווען זיי האָבן געכאַפּט איינעם אָן אַרבעט, האָט ער גלייך געמוזט אַריבער אין קלענערן געטאָ פון די נישט־אַרבעטנדיקע יידן, דאָס הייסט — צום אומ־ברענגען.

אין אַזאַ לאַגע איז נאָך שווערער געוואָרן אונזער לאַגע מיטן קינד פון מיין ברודער. אַ קינד פון דריי און אַ האַלבן יאָר. מען קאָן אים נישט מיטנעמען אין וואַרשטאַט אַריין. ער קאָן אַמאָל אַרויסלויפן אויף דער גאַס, אויפן הויף, און ווי קאָן מען איבערלאָזן אַ קינד 12 שעה, אָן עפּעס צום עסן, אָן אַביסל וואַרעמס? מען האָט דאָס קינד אויפגעקלערט, אַז אין דער פרי קאָן ער שלאָפן ווי לאַנג ער וויל. ער טאָר אָבער נישט אַרויסגיין אין דרויסן, אפילו נישט אויף אַ באַדערפעניש, ווייל די געשטאַפּאָ קאָן אים באַמערקן און גלייך אַוועקנעמען. ווען דער קליינער האָט נאָר דער־הערט דאָס וואָרט „געשטאַפּאָ", איז ער געוואָרן בלייך, איבערגעשראָקן און זיך פאַרשטעקט אין אונזער קליין צימערל. 12 אַזייגער איז איינער פון אונז געקומען שטילערהייט, עפּעס צוגעגרייט פאַרן קליינעם און שנעל צוריקגעלאָפן צו דער אַרבעט. אַזוי איז דאָס קינד געבליבן איינער אַליין גאַנצע טעג, וואָכן, חדשים־לאַנג. איין טאָג אין דער וואָך האָבן מיר געקאָנט בלייבן מיטן קינד. ביי זיינע דריי און אַ האַלב יאָר, איז ער שוין מער נישט געווען קיין קינד, נאָר אַ דערוואַקסענער, אַ קליין, פאַרפאַלגט יידע־לע. אַריינגעבן דאָס קינד אין געטאָ צו די נישט־אַרבעטנדיקע, האָט אונז דאָס האַרץ נישט געלאָזן. ווער וואָלט זיך דען דאָרט פאַרנומען מיטן קינד? יעדער האָט דאָרט געהאַט זיינע אייגענע צרות און זאָרגן פאַר אַ ביסל עסן.

ביים בעל־הבית פון פּאַפּיר־געשעפט, אויף דער מיצקעוויטש־גאַס, האָט מיין ברודער געלייטעט מיט אַלעם. יענער האָט זיך אין פּאַפּיר־זאַכן גאַרנישט אויסגעקענט. ער האָט דאָס געשעפט איבערגענומען, ווייל ער איז געווען אַ פאָלקס־דייטש, פון דעם פריערדיקן יידישן באַלעבאָס, דאַ־קאַטנצעלער. האָט דער דייטש געזאָגט מיין ברודער, אַז דאָס קינד קאָן ער האַלטן ביי זיך, און ווען עס וועט זיין אָן אויסזידלונגס־אַקציע אין געטאָ, קאָן מיין ברודער מיטן קינד זיך אויסבאַהאַלטן ביי אים אין געשעפט. זיי האָבן אין קעלער אויסגערייניקט, געבראַכט אַ בעט, אַ קאָלדרע צום צודעקן זיך. אָבער מיין ברודער האָט צו דעם פאָלקס־דייטש נישט געהאַט קיין שום צוטרוי; די פאָלקס־דייטשן זענען אין אַ סך פאַלן געווען נאָך ערגער, ווי די דייטשן גופא. זיי זענען געווען חונפים, מנובלים. מיין ברודער האָט ליבערשט געהאַט צו בלייבן מיטן קינד אין געטאָ.

איינמאָל איז געווען אַ קאָנטראָלע פון דער יידישער פּאָליציי, כדי צו זוכן אין געטאָ יידן, וועלכע אַרבעטן נישט, און האָבן נישט קיין רעכט צו וווינען אין אַרבעטס־געטאָ. דאָס קינד, וואָס איז געווען פאַרשפּאַרט אין דער היים, האָט געהערט ווי מען קלאַפּט, האָט אָבער נישט געעפנט די טיר. אפילו קינדער אין געטאָ זענען געווען אַזוי דערוואַקסן און גע־ווּוסט, אַז מען דאַרף זיך אויסהיטן פאַר אַ פרעמדן.

ווען מיר האָבן געאַרבעט אין די ווערקשטאַטן, איז געקומען איינער פון דער ביבליאָטעק, פון געטאָ נומער ב., וווּ מתתיהו מיזעס איז געווען דער לייטער, און פאַרלאַנגט מען זאָל שיקן אַן אַרבעטער צו פאַרריכטן דעם דאַך, ווייל עס רעגנט אַריין. הערנדיק דאָס, האָב איך מיך גלייך געמאָלדן פרייוויליק צו גיין. איך האָב דאָרט, אין געטאָ ב. געהאַט פיל חב־רים. צווייטנס, האָב איך געוואָלט זען די ביבליאָטעק, און צי איך וועל דאָרט קאָנען געפינען מיינע אייגענע ביכער. האָב איך גענומען אַ קליין אייוועלע, ווערקצייג, געבעטן אַן „אויסווייז”, ווייל אַריבערגיין פון איין געטאָ אין צווייטן איז געווען שטרענג פאַרבאָטן.

איך האָב דאָרט טאַקע געפונען פיל פון מיינע חברים. דאָרט איז געווען אינטערעסאַנטער און פרייעלעכער, ווי אין אונזער געטאָ. ביי אונז האָט מען נאָר געוווּסט פון אַרבעטן, און די צרות, וואָס דער שוואַמבער־גער האָט אונז כסדר אָנגעטון. אַנשטאָט צו פאַרריכטן דעם דאַך, האָב איך געזוכט צווישן די ביכער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין די צענדליקער טויזנטער פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פון פשעמישל און אפילו פון דער אומגעגנט, צוזאַמענגענומען אַלע ביכער. מען האָט גאָר אַזויפיל נישט געקענט קיין עצה געבן זיך, צו ברענגען אַלץ אין אָרדענונג. אָבער דער לייטער, דער באַרימטער היסטאָריקער מתתיהו מיזעס, האָט אַפילו אין אַזעלכע טראַגישע צייטן אַרויסגעוויזן אַזאַ גרויסע ליב־שאַפט צום יידישן בוך. ער האָט מיך גוט געקענט, ווייל נישט איין מאָל בין איך פאַר דער מלחמה געווען ביי אים, מיט פאַרשיידענע אָנגעלעגנ־הייטן. ער איז געווען אַ גרויסער קענער פון העלעניזם. ווען איך בין געווען אין דער ביבליאָטעק, האָט ער מיך דעם גאַנצן טאָג נישט געלאָזן אַליין, איז מיר נאָכגעגאַנגען, כ׳זאָל חלילה נישט מיטנעמען אַ בוך. כאָטש וואָס פאַראַ ראָלע האָט דען דעמאָלט געשפּילט איין בוך צווישן אַזוי פיל טוי־זנטער ביכער?

צוליב דער אַרבעט ביים פאַרריכטן דעם דאַך, בין איך עטלעכע מאָל צוריקגעקומען צו זיי אין אָפּגעטיילטן געטאָ. דאָ איז געווען גאָר אַן

אַנדערע אַטמאָספער, און דאָס האָט מיך געצויגן אַהער. בעת די אויסזיד־לונגס־אַקציעס זענען אַלע געווען זייער נידערגעשלאָגן, אָבער ווי נאָר די אַקציעס זענען פאַרביי, האָט מען זיך צוריק צוגעוווינט צו דער לאַגע. די מאָראַל האָט זיך אפילו פאַרבעסערט.

שוואָמבערגער האָט מיטאַמאָל באַפוילן, אַז אַלע מענער פונעם אַר־בעטס־געטאָ מוזן זיך אָפּשניידן די האָר, כדי מען זאָל דערקענען ווער ס'איז פון געטאָ נומער 1, ס'הייסט פון אַרבעטס־געטאָ. ווען איך בין געקומען צו זיי אין צווייטן געטאָ, האָבן אַלע מיינע חברים געלאַכט, אַנקוקנדיק מיך מיטן אָפּגעגאָלטן קאָפּ. זיי האָבן געזאָגט, אַז איך געהער צו די, וואָס ווילן לעבן. און ס'איז טאַקע אַזוי געווען. פון די ווערקשטאַטן האָבן זיך דאָך עטלעכע געראַטעוועט, אין דער צייט ווען אין געטאָ נומער 2 איז כמעט קיינער נישט געבליבן לעבן, אויסער די, וואָס האָבן זיך פאַרשטעקט אין די בונקערס.

די לאַגע איןביידע געטאָס איז נישט געווען די זעלבע. אין צווייטן געטאָ האָט געהערשט די געשטאַפּאָ. זיי האָבן כסדר פאַרלאַנגט מענטשן צו דער אַרבעט. פון די אַלע, וואָס זענען גערופן געוואָרן צו אַרבעט, זענען דער גרעסטער טייל מער נישט צוריקגעקומען. דערצו האָבן זיי פאַרלאַנגט אויך גאָלד און געלט. וויפל מען האָט זיי נישט געגעבן, האָבן זיי פאַר־לאַנגט מער און מער; ווען נישט, האָבן זיי געדראָט אַלע אויסצומאָרדן. און טאַקע דעמאָלט איז געווען דער פאַל מיטן בחור קרעבס, וועלכער האָט געשלאָגן און געשטאָכן דעם געשטאַפּאָ, וועלכער איז געווען שיכור, און דערפאַר האָט מען 25 יונגע בחורים דערשאָסן אויפן בית־עולם, און דריי בחורים אויפגעהאָנגען. דאָס גאַנצע געטאָ האָט געמוזט זיין אויפן פּלאַץ און צוקוקן ווי מען הענגט זיי אויף. שוין דעמאָלט האָבן די יידן אין געטאָ פאַרשטאַנען און דערפילט, אַז אַלע זענען זיי פאַרמשפּט צום טויט, פריער אָדער שפּעטער.

אָבער אויך אין אַרבעטס־געטאָ האָט מען זיך נישט געמאַכט קיין גרויסע אילוזיעס, כאָטש אַ לעבעדיקער מענטש האָפט, באַמיט זיך נישט צו פאַרלירן די האָפענונג. און דאָ האָבן זיי געהאַט צו טון מיט אַ משו־גענעם, סאַדיסטישן עסטרייכישן אָפיציר, דער שוואָמבערגער. ער איז תמיד געקומען מיט נייע, משונהדיקע איינפאַלן. און ווען עפּעס איז אים נישט געפעלן געוואָרן, ער האָט געטראָפן עמיצן איינקויפן אַביסל עסנ־וואַרג, האָט מען אים גלייך אַרעסטירט. איין מאָל אין וואָך האָט מען אַלע אַרעסטירטע אַרויסגעפירט אויפן בית עולם און זיי דאָרט דערשאָסן.

אַזוי האָט ער איין מאָל געטראָפן ביים אַריינגאַנג דעם בחור פּאַ־טער. (זיין שוועסטער לעבט היינט אין ישראל). פרעגט ער אים, וואָס ער מאַכט, פאַרוואָס ער איז נישט ביי דער אַרבעט? האָט דער בחור אים געענטפערט עפּעס, וואָס עס איז אים נישט געפעלן. באַפעלט שוואַמבער־גער באַלד די יידישע פּאָליציי מען זאָל אים איינזעצן אין תפיסה. דער בחור האָט זיך אָבער אַקעגנגעשטעלט, ווייל ער האָט גוט געוווסט, אַז דאָס איז — טויט. דאַן האָט שוואַמבערגער, דער באַנדיט, אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און אים אויפן אָרט געוואָלט דערשיסן. איז מיט איינמאָל דער בחור אַרויפגעשפּרונגען אויף אים, אים אויסגעדרייט די האַנט און דער רעוואָלווער איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. דעמאָלט האָט זיך יאַנאָס אַראָפּגעבויגן און שוואַמבערגערן צוריק דערלאַנגט דעם רעוואָלווער. שוואַמ־בערגער איז אין דעם מאָמענט נישט געווען דער שטאָלצער אָפיציר. ער איז געווען איבערגעשראָקן און האָט נישט געקאָנט רירן מיט דער האַנט, אָבער דאַך געקאָנט נעמען דעם רעוואָלווער און מיט צוויי שאָסן אים אַוועק־געלייגט אויפן אָרט, דעם בראַוון, יונגן פּאַטער. אַלע האָבן אים באַדויערט און באַוויינט.

אין אַזאַ אַטמאָספער פון טעראָר איז אונז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין די ווערקשטאַטן. עס זענען נאָך געווען פיל משפחה־מיטגלידער, וואָס האָבן נישט געאַרבעט. זייער לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר, און מען האָט גענומען בויען בונקערס, זיך צו באַהאַלטן דאָרט. פיל האָט זיך טאַקע איינגעגעבן צו ראַטעווען זיך די ערשטע צייט, אין די בונקערס. די דייטשן האָבן געוווסט דערפון. נאָך יעדער אַקציע, האָבן זיי געברענגט ספּעציאַ־ליסטן, מיט הינט, געוואָרפן אין יעדן הויז גאַז־באָמבעס, אויפגעדעקט פיל בונקערס. שוואַמבערגער האָט געהאַט אַ גרויסן הונט. גערופן האָט ער אים „פּרינץ״. צוויי יידן האָבן דעם הונט געוואַשן, געפּוצט, געגעבן אים צו עסן. שוואַמבערגער איז אַלעמאָל געקומען אין באַגלייטונג פון זיין הונט. ער האָט אַציננד געהיטן זיין אייגענע פעל, נאָכן פאַל מיטן בחור פּאַטער. איינמאָל האָט ער געטראָפן אַ ייד, וואָס האָט נישט געאַרבעט, שרייט ער צום הונט: „פּרינץ, צערייס דיזן הונט״ . . . דער הונט האָט זיך געוואָרפן אויפן ייד און אים צעביסן אויף טויט.

ער איז איינמאָל געקומען אין דער ביבליאָטעק און געטראָפן דעם היסטאָריקער מתתיהו מיזעס. שרייט ער אויס: „וואָס איזט לאָז! וואָרום אַרבייטעט מאַן ניכט״? ענטפערט אים מיזעס: „אויב מיר אַרבעטן, אָדער נישט, איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז דאָס, אַז די דייטשן האָבן פאַר־

לוירן דעם קריג״. . . שוואַמבערגער איז געוואָרן מלא רציחה, האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט און איז אַרויס פון דער ביבליאָטעק. שוואַמבערגער האָט געוווּסט, אַז דער גרויסער היסטאָריקער איז פּראָטעזשירט פון די דייטשע געלערנטע. איינמאָל איז ספּעציעל געקומען אַ דייטשע דעלעגאַציע פון בערלין. זיי זענען געקומען אין ביבליאָטעק פון געטאָ און געהאַט מיט אים אַ לענגערן געשפּרעך. ס׳האָט געהייסן, אַז זיי פאַרלאַנגען ס׳זאָל מיט אים גאָרנישט פּאַסירן. אָבער ווען מען האָט דערנאָך אויסגעזידלט אַ טייל יידן קיין שעבניאַ, האָט זיך צווישן די יידן אויך געפונען מתתיהו מיזעס. מען האָט אים שפּעטער צוריקגעברענגט קיין פּשעמישל, וווּ ער איז פאַרבליבן צייטווייליק און ווייטער געלייטעט מיט דער ביבליאָטעק, ביז צו דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון געטאָ אין יאָר 1944. ער איז פאַרשיקט געוואָרן צוזאַמען מיטן רעשטל יידן קיין פּלאַשאָוו לעבן קראָקע.

דאָס איז געווען אַ גרויסער יידן־לאַגער. דער לאַגער איז אויך צו־לעצט ליקווידירט געוואָרן, מען האָט די יידן געפירט צופוס אין אַ ווייטן וועג. מתתיהו מיזעס, וועלכער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן, האָט מער נישט געקאָנט גיין. האָבן אים די דייטשע מערדער צוגעפירט צום ראַנד פונעם שאָסיי און אים דערשאָסן. זיין קערפּער איז ליגן־געבליבן אין ראַוו ביים זייט פונעם וועג. אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס מאַרטירער־לעבן פון איינעם פון אונזערע גרויסע היסטאָריקער. זיין באַרימט ווערק וועגן הע־לעניזם און ידאַיזם האָט אים באַרימט געמאַכט.

אויסער די פּאָר הונדערט יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין געטאָ אין די ווערקשטאַטן, האָבן זיך די איבעריקע, אין צווייטן געטאָ, אַרומ־געדרייט אָן אַרבעט. זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי זענען פאַרמשפּט. אין אוי־גוסט 1943 האָבן זיך שוין געטראָגן קלאַנגען, אַז מען וועט אינגיכן ליק־ווידירן ביידע געטאָס, מאַכן פּשעמישל יידן־ריין. מען האָט זיך געגרייט צו פאַרשטעקן אין די בונקערס. מען האָט זיך אָנגעגרייט ליכט, שוועבע־לעך, וואַסער, קאָלדרעס. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט אַרויסרירן פון געטאָ, ווייל אין דער פרעמד, האָט מען געוווּסט, איז אַ זיכערער טויט.

מיר האָבן קיין בונקער נישט געהאַט, מיר האָבן אָבער דאָך גע־וואָלט פאַרבלייבן אין פּשעמישל. אַזוי האָבן מיר אויספּלאַנירט, מיין ייִנ־גערער ברודער און איך, אַז אין דעפּאָ, אויפן צווייטן שטאָק, וווּ עס שטיי־ען אויסגעשטעלט דיוואַנעס, צוזאַמענגענומען פון יידישע הייזער, זיך צו פאַרשטעקן. די דיוואַנעס זענען אין די ווערקשטאַטן אויסגעפּוצט געוואָרן, אידער מען האָט זיי אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד. אויפן צווייטן שטאָק

זענען זיי געווען אויסגעשטעלט אין הונדערטער. צווישן די דיוואַנען האָבן מיר איינגעריכטעט אַ ווינקל און האָבן געקלערט דאָ זיך אויסצובאַהאַלטן, צוויי טעג, ביזן סוף פון דער אַקציע, דערנאָך אַרויסגיין, וועלן מיר ווײַ־טער קאָנען אַרבעטן.

דערציילנדיק דאָס, האָט די פרוי מיט די צוויי טעכטער באַלד מס־כים געווען מיט אונזער פּלאַן. מיין פאָטער און מיין עלטערער ברודער מיטן קינד, האָבן נישט געוואָלט ריזיקירן אין אַזאַ נישט זיכער אָרט אויסצובאַהאַלטן זיך. אַ קינד פון דריי און אַ האַלבן יאָר קאָן נאָך וויינען, אָדער רעדן הויך, אַז מ'זאָל דערהערן — זענען דאָך אַלע פאַרלוירן. ער האָט אָבער געהאַט צוויי אויסוועגן — אָדער גיין צו זיין באַלעבאָס, וווּ ער אַרבעט; יענער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים אויסבאַהאַלטן מיטן קינד. דער אַנדערער אויסוועג — גיין צו אַ באַקאַנטן, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן בונקער. דאָס איז געווען דער שוואָגער פון דער דיכטערין רחל קאָרן. זיי זענען גרייט געווען אַריינצונעמען מיין ברודער מיטן קינד. ער האָט נישט געהאַט קיין גרויסן צוטרוי צו זיין באַלעבאָס, כאָטש ער איז געווען זייער אַ פיינער מאַן, אָבער אַ פאָלקס־דייטש, און אַלע האָבן מורא געהאַט פאַר אַ פאָלקס־דייטש. און ער האָט באַשלאָסן צו באַהאַלטן זיך אין בונקער.

ס'איז געווען אַ גרויסע שפּאַנונג. מען האָט אָנגעהויבן צוצוגרייטן די מאַשינען און דעם רוי־מאַטעריאַל. מען האָט אונז צוגעזאָגט, אַז מען וועט אונז שיקן צו דער אַרבעט, נאָר אין אַן אַנדערער שטאָט. גיי האָב צוטרוי צו די דייטשן! שוואַמבערגער האָט געמאַכט אַפילו אין גרויסן הויף עטלעכע מאָל, מען זאָל פאָרן אויף אַרבעט. אָבער מיר זענען בעסער געגאַנגען אין אונזער באַהעלטעניש, צווישן די אָנגעוואָרפענע דיוואַנעס, און ערשט אַרויסגעגאַנגען, ווען מען האָט געהערט אַ רעש אין קאָרידאָר, אָדער אויפן הויף. אַזוי האָבן מיר געזען, אַז די באַהעלטעניש איז נישט קיין שלעכטע.

ס'איז שוין געווען ענדע אויגוסט. מ'האָט געפילט, אַז דער סוף פון געטאָ דערנענטערט זיך, ווייל מען האָט כמעט אויפגעהערט צו אַרבעטן. איך האָב אַזוי רחמנות געהאַט אויפן ברודערס ייִנגעלע! אַ שיין קינד, איך האָב אים געקושט, ווייל וועך ווייס צי מיר וועלן לעבן בלייבן. יעדער צעגייט זיך אין אַן אַנדער זייט. ווייל ביז דער לעצטער אַקציע זענען מיר נאָך אַלע געווען צוזאַמען, און דאָ גייט מיין ברודער זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער, און מיר — אין די וואַרשטאַטן. דאָס קינד אַליין האָט נאָך

גאָרנישט פאַרשטאַנען. גראָד ווען מען וויל אַז די צייט זאָל לאַנג דויערן, פאַרלויפט די צייט אַזוי אייליק.

ענדע אויגוסט 1943 זענען מיר נאָך אַלע אַהיימגעקומען און אַרומ־געריידט פאַרשידענע פּלענער. מיר האָבן אַפילו געחלומט, אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, אויב מיר וועלן לעבן בלייבן, וועלן מיר שרייבן צום פעטער שטראָמער אין אַרגענטינע און דורך אים זיך ווידער צוזאַמענ־טרעפן. דאָס קינד וועט אויסוואַקסן און וועט דעמאָלט פאַרשטיין, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט. דאָס קינד איז, נעבעך, חדשים לאַנג געזעסן איינער אַליין אין אַ קליין, פאַרשטיקט צימערל, אָפּגעשלאָסן. ס'האָט קיינ־מאָל נישט געוווּסט פון קיין קינדערישער פרייד, פון שפּילן זיך אין דרויסן. מיר האָבן אַלץ געטון, צו ראַטעווען דאָס ייִנגעלע, נישט איינמאָל איינ־געשטעלט אונזער לעבן, און אַצינד גייען מיר זיך אַלע צעשיידן. מיר האָבן עס שטאַרק איבערגעלעבט, פּונקט ווי ווען מיר האָבן זיך צעשיידט מיט מיין מוטער און מיט דער שוועגערין. דעמאָלט זענען מיר אַלע, אויסער קינד, געגאַנגען אויפן אויסזידלונגס־פּלאַץ. מיר האָבן אַלץ געטאָן, צוריק־צוברענגען די מוטער מיט דער שוועגערין קיין פּשעמישל. אַצינד גייען זיך אַלע פונאַנדער, און ס'איז געווען אַזאַ ווייטיק צו צעשיידן זיך מיטן זיסן קינד. יעדער האָט אים אַזוי ליב געהאַט, געצערטלט.

מיר האָבן געוווּסט, אַז אויב מען כאַפּט אונז איצט, גייען מיר שוין נישט אַרויס לעבעדיק פון די מערדערישע דייטשע הענט, איבערהויפּט — דאָס קינד, ווייל ייִדישע קינדער האָבן נישט געהאַט קיין לעבנס־רעכט.

דעם 1־טן סעפּטעמבער האָט שוואַמבערגער אַרויסגעגעבן אַ באַ־פעל, אַז אַלע אַרבעטנדיקע מוזן זיך דעם 2־טן סעפּטעמבער אין דער פרי געפינען אויפן הויף פון די ווערקשטאַטן. מען וועט אַלע אַוועק־שיקן אַרבעטן אין אַן אַנדער שטאָט.

אין אַנדערן געטאָ האָט די געסטאַפּאָ אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע ייִדן מוזן אין דעם טאָג, אין דער פרי, זיך צונויפזאַמלען אויפן פּלאַץ, אַז מען וועט אַלע אַוועקשיקן צו דער אַרבעט, און די שטאָט פּשע־מישל וועט מוזן ווערן ייִדן־ריין. אויב מען וועט עמיצן כאַפּן, נישט צו־שטעלנדיק זיך אויפן פּלאַץ, וועט ער אויפן אָרט דערשאָסן ווערן.

וואָס עס הייסט „שיקן צו דער אַרבעט", האָבן שוין אַלע געוווּסט. אויב מען שיקט אונז צוזאַמען מיטן אַנדערן געטאָ, זענען מיר אַלע פאַרלוירן. אויב מען שיקט אונז באַזונדער, איז נאָך פאַראַן אַ שטיקל האָפענונג

אָנצוקומען ערגעץ אין אַן אָרט, צו אַרבעטן. אָבער ווער קען וויסן? ווער קען האָבן פאַרטרויען צו די דייטשן? אין אַזאַ נישט־אַנטשלאָסנ־קייט זענען מיר געווען אין דעם אָוונט. גיין זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די דיוואַנען, און נאָך אין די ווערקשטאַטן, ווו עס ווילדעוועט דער באַנ־דיט שוואַמבערגער, און טאָמער, חלילה, כאַפּט מען אונז, זענען מיר אַלע פאַרלוירן. ער קען אונז דערשיסן אויפן אָרט. אויב מיר בלייבן, מען זאָל אונז אַוועקשיקן, צי וועט מען אונז נישט שיקן קיין בעלזשעץ, אָדער קיין אוישוויץ?

אין אַזאַ טרויעריקן אויסוואַל האָבן מיר זיך געפונען. די פרוי מיט די צוויי טעכטער האָבן באַשלאָסן, אַז זיי וועלן זיך גיין אויסבאַ־האַלטן צווישן די דיוואַנען, ווייל אויב מען שיקט זיי אַוועק, וועלן זיי, ווי פיל פרויען, פאַרניכטעט ווערן. האָבן מיר אַלע באַשלאָסן, אַז מיר גייען זיך אויך פאַרשטעקן. מיר וועלן אַראָפּגיין אויפן הויף און זען ווי די סיטואַציע זעט אויס. און דערנאָך אויסוויילן וואָס צו טאָן. ווייל דאָס, וואָס מען האָט אונז באַפוילן צוצוגרייטן די מאַשינען, האָט געגעבן אַ שטיקל האָפענונג, אַז מען וועט אונז פאָרט שיקן צו דער אַרבעט.

פאַר מיין ברודער מיטן קינד איז שוין נישט געווען קיין אויסוועג. ווען ער איז געקומען דעם 1־טן סעפּטעמבער פון דער אַרבעט, האָט ער שוין מער נישט געקענט אַרויס פון געטאָ, האָט זיך געמוזט אויס־באַהאַלטן אין בונקער, צוזאַמען מיטן קינד. אַ גאַנצע נאַכט איז שוין קיינער נישט געשלאָפן. מען האָט אַרויסגעקוקט און געזען, ווי דאָס געטאָ ווערט אַרומגערינגלט פון מיליטער. יעדע פאָר מעטער — אַ סאָל־דאַט. די רעפלעקטאָרן האָבן שאַרף באַלויכטן יעדע געטאָס, און מען האָט געהערט פון אַלע זייטן שיסן. די יידן, וואָס האָבן אין לעצטן מאָ־מענט זיך געוואָלט אַרויסקריגן אויף דער אַרישער זייט, זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

מיין ברודער איז געבליבן מיט אונז ביז 12 אַזייגער ביינאַכט, אָבער דאָס קינד איז אַזוי שטאַרק געשלאָפן, אַז דאָס האָט פאַרלענגערט אויף נאָך אַ שעה צו זיין מיט אונז צוזאַמען.

דערווייל איז ער געגאַנגען קוקן צי אַלע זענען שוין אַריין אין בונקער. איינס אַזייגער איז ער צוריקגעקומען, גענומען אַלע קליידער, דאָס עסנוואַרג, וואָס מען האָט אָנגעגרייט. מען האָט אויפגעוועקט דאָס קינד. אַלע האָבן געהאַט קלעמענישן אין הארצן, אַז מען מוז זיך געזעג־גענען. יעדער האָט געקושט דאָס קינד. ערשט איצט האָבן אַלע דערפילט,

ווי שטאַרק ליב און איינגעבאַקן אין האַרצן דאָס קינד איז זיי. מען האָט אים גוט אָנגעטון און אַלע זענען געגאַנגען באַגלייטן מיין ברודער מיטן קינד. יעדער איינער האָט דאָס קינד אַביסל געטראָגן אויפן האַנט, ביז מען איז צוגעקומען אַ פּופציק מעטער פון בונקער. צוליב פּאַרזיכטיקייט, האָט מען נישט געטאָרט צוגיין נאָענט צו דער באַהעלטעניש. מיר האָבן זיך נאָך אַמאָל געזעגנט, געקושט דאָס קינד, ווי מיר וואָלטן געפילט, אַז מיר וועלן זיך שוין אין לעבן נישט זען מער; כאָטש דאָס קינד האָט נאָר געוואָלט מיט אונז בלייבן און האָט שטאַרק געוויינט. מען האָט אים אָבער איינגערעדט, אַז מאָרגן פרי וועלן מיר זיך אַלע ווידער זען. מיר האָבן אָבער געוווסט, אַז דאָס איז אוממעגלעך. דאָס האָט אים באַרואיקט, און אונז — אויך. דאָס האָט אונז געגעבן אַן אילוזיע פון האָפענונג, אַז מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל צוריקזען.

ליידער, איז עס אָבער געווען דאָס לעצטע מאָל. מען קען זיך נישט טרייסטן דערמיט, וואָס די נאַציס האָבן דאָך אומגעברענגט אַ מיליאָן אַזעלכע יידישע קינדער. ביי יעדערן איז זיין קינד געווען איינגעבאַקן אין האַרצן. דער ווייטיק איז געווען גרויס, ווייל מיר האָבן געוווסט, אַז די אומשולדיקע קינדער ליידן נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען געבוירן געוואָרן יידישע קינדער. וואָס האָט דען אַזאַ אומשולדיק קינד שלעכטס געטאָן, אַז מען זאָל עס אומברחמנותדיק אומברענגען?

געקומען ביינאַכט אין אונזער צימער, האָבן מיר איינגעפּאַקט די פּעקלעך, זיך געגרייט גאַנץ פרי צו גיין אין די ווערקשטאַטן, זיך דאָרט אויסצובאַהאַלטן צווישן די דיוואַנען. מיין ברודערס שוואָגער, וועלכער האָט אַ צייט לאַנג געאַרבעט מיט אונז, איז געווען אַן אינזשיניער, האָט נישט געהאַט קיין געלענק צו פיזישער אַרבעט. אַזוי אַז ער איז געווען אין געטאָ נומער 2, צווישן די נישט־אַרבעטנדיקע יידן, און דעם 2־טן סעפּטעמבער 1943 איז ער מיט אַלע יידן פאַרשיקט געוואָרן קיין אויש־וויץ, און דאָרט זענען זיי אַלע אומגעקומען.

גאַנץ פרי זענען מיר אַלע אַרויס פון אונזער צימערל, מער קיינ־מאָל נישט צוריקצוקומען, און אַרויף אין אונזער באַהעלטעניש. די פרוי מיט די צוויי טעכטער, מיין פאָטער און מיין יונגערער ברודער, אַלע זענען מיר אַרויף אויפן צווייטן שטאָק. קיינער האָט אונז נישט באַ־מערקט. מיר האָבן זיך פאַרשטעקט, מיטגעהאַט עסן און טרינקען אויף אַ פּאָר טעג. עס איז געווען אונזער האָפענונג אויסצומיידן די דעפּאָר־טאַציע. אויפן הויף, האָבן מיר געהערט, קומען זיך צונויף אַלע אַרבע־

טער פון די ווערקשטאַטן. מען הערט געשרייען, געוואַלדן. זאָגט מיין יונגערער ברודער צו מיר:

— ווייסטו וואָס, עס איז דאָך נאָך פרי, לאָמיר אַראָפּגיין אויפן הויף אַ קוק טאָן, ווי האַלט עס מיט דער „אַקציע״. וועלן מיר זען, אַז עס האַלט שלעכט, קענען מיר באַלד זיך צוריקקערן אַהער, אין דער באַהעלטעניש.

אַלע זענען מסכים געווען. האָבן מיר אַלץ איבערגעלאָזט, זיך אַרויסגעשלייכט פון אונזער באַהעלטעניש און אַראָפּ אויפן הויף, כדי צו זען צי עס איז באמת געפערלעך. קוים זענען מיר אַראָפּגעקומען, איז שוין אין קאָרידאָר געווען די יידישע פּאָליציי, צוזאַמען מיט דער געשטאַפּאָ, און אונז אַרויסגעשלעפּט אויפן הויף. דאָרט זענען שוין געווען פאַרזאַמלט הונדערטער פון די אַרבעטנדיקע יידן. קיין צוריק איז מער נישט געווען. מיר האָבן נאָך געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן אַריינצוכאַפּן זיך צוריק אין הויז. ס׳איז אָבער געווען אוממעגלעך. אומע־טום זענען געווען צעשטעלט וואַכן פון געסטאַפּאָ און פּאָליציי, אויף טריט און שריט. וואָס טוט מען איצט? מיין פאָטער, ווי אויך די פרוי מיט די צוויי טעכטער, האָבן געהאַט צו אונז אַזאַ צוטרוי, זיי זיצן אויפן צווייטן שטאָק אין דער באַהעלטעניש. אַצינד קענען מיר זיך אַפילו נישט צונויפרעדן מיט זיי. מיר זענען געווען פאַרצווייפלט, איבערהויפּט צוליבן פאָטער. ווייל אָן אונז, איז ער אַ פאַרלוירענער. איך און מיין ברודער האָבן גאָרנישט געהאַט מיט זיך, נישט קיין העמד איבערצו־בייטן, אַפילו נישט קיין טיכעלע. דער פּלאַץ איז געווען הערמעטיש אָפּגעשלאָסן, מיט סאָלדאַטן, מיט ס. ס. מיט דער געסטאַפּאָ, פּוילישע, אוקראַיִנישע און אויך יידישע פּאָליציי. מיר האָבן געבעטן אַ יידישן פּאָליציאַנט ער זאָל אַרויפגיין אויפן צווייטן שטאָק, און לינקס, וווּ עס שטייען די דיוואַנען, זאָל ער שרייען און אויסרופן דעם נאָמען פון מיין פאָטער און אים זאָגן, אַז מיר קענען נישט צוריק אַריינגיין אין דער געביידע; און אַז ער זאָל נעמען אַלע אונזערע זאַכן און גלייך צו אונז אַראָפּקומען אויפן הויף פון די ווערקשטאַטן. אויך דער פרוי מיט דער צוויי טעכטער זאָל ער זאָגן, ווי אונזער לאַגע האָט זיך מיטאַמאָל געענ־דערט, און זאָל זי מאַכן ווי זי פאַרשטייט.

מיר האָבן געוואַרט אַ שעה און צוויי, און מען האָט מיין פאָטער נישט געזען. דאָס איז געווען פאַר אונז שרעקלעך, וואַרטנדיק אַזוי נישט ווייט פון איינגאַנג־טויער, ווייל די טרעפּלעך, פון וואַנען מיין פאָטער

האָט געזאָלט אַראָפּקומען, זענען געווען נעבן טויער. פּלוצים איז צו אונז צוגעקומען אַ יידישער פּאָליציאַנט און אונז אָנגעזאָגט די טרויע־ריקע בשורה, אַז די געסטאַפּאָ האָט אַנטדעקט דעם בונקער, ווו מיין ברודער מיטן קינד האָבן זיך באַהאַלטן. אייגנטלעך, האָבן זיי דעם דאָ־זיקן בונקער נישט אַנטדעקט. זיי האָבן זיך דערקליבן צו אַן אַנדערן בונקער, און די געסטאַפּאָ האָט זיי געזאָגט, אַז מען וועט זיי אַלע איבער־לאָזן אין פּשעמישל, אויב זיי וועלן אויסגעבן נאָך בונקערס. האָט זיך געפונען אַ געוויסער ברעטמעל, וואָס האָט אויסגעגעבן דעם בונקער פון מיין ברודער.

פון דעם מאָמענט אָן האָבן מיר פאַרלוירן יעדע האָפענונג צו זען אונזער ברודער מיטן שיינעם, טייערן ייִנגעלע זיינס. מיר האָבן זיך אַזוי־פיל איינגעשטעלט די גאַנצע צייט, אין די שרעקלעכסטע באַדינ־גונגען, אָפּצוראַטעווען דאָס קינד. מיין ברודער איז אומגעקומען, אפשר נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט ראַטעווען זיין קינד.

אין דעם מאָמענט האָבן מיר, איך און מיין ברודער, געמוזט טראַכטן ווי אַזוי אַראָפּצובריינגען אונזער פאָטער, ער זאָל מיט אונז מיטפאָרן, ווייל בלייבן אויבן איז — אַ זיכערער טויט. דעם יידישן פּאָליציאַנט, וואָס מיר האָבן אים געבעטן די טובה, האָבן מיר מער נישט געקענט געפינען אין דער בהלה. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אַרום 12 אַזייגער האָט מען אונז אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי. געגאַנ־גען זענען מיר, אַרום 600 יידן, צום וואָקזאַל. אויפן וועג איז יעדע פינף מעטער געשטאַנען אַ סאָלדאַט מיט אַ מאַשין־געווער. מען האָט דערקענט, אַז זיי זענען נישט קיין דייטשן. האָט מען זיי געפרעגט, פון וואַנען זיי זע־נען? האָבן זיי געזאָגט: פון ליטע און לעטלאַנד. עס האָבן שוין געוואַרט אויף אונז בהמות־וואַגאָנען. איינגעשטיגן צו 100 אין יעדן וואַגאָן, זענען מיר דאָרט שטיינגעבליבן ביז ביינאַכט. מיר האָבן גאָרנישט געוווּסט וועגן אונזער פאָטער, נישט געוווּסט וווהין מען שיקט אונז. אויף די אַנדערע וואַגאָנען, האָט מען געהערט, לאָדנט מען אויף מאַשינען. דאָס האָט געגעבן אַ שיין פון האָפענונג, אַז מען שיקט אונז דאָך צו אַן אַרבעט.

ביינאַכט האָט דער צוג גערירט, דערווייטערט זיך פון מיין היים־שטאָט פּשעמישל, ווו איך בין געבוירן און ווו איך האָב פאַרבראַכט מיינע שענסטע יוגנט־יאָרן. דאָרט האָב איך דערוואָרבן קולטור, געפירט אַ געזעלשאַפטלעכע, סאָציאַלע טעטיקייט, מיטן באַוווּסטזיין און האָפע־נונג, אַז מיר קעמפן פאַר אַ בעסערער וועלט, צוזאַמען מיט אַלע פעל־

קער, במילא אויך — פאַרן יידישן פאָלק. אָבער די אַלע האָפענונגען האָבן זיך פאַרענדיקט טרויעריק. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון פשעמישל איז פאַרניכטעט געוואָרן, מיט דער מיטהילף פון דער אָר־טיקער פוילישער און אוקראַיִנישער באַפעלקערונג.

מיט אַזעלכע טרויעריקע געדאַנקען, אין אַ שרעקלעכער רעאַלי־טעט, זענען מיר אין די פול־געפאַקטע וואַגאָנען געפאָרן אין דער אומ־באַקאַנטער פרעמד, אַלץ ווייטער פון פשעמישל. אַלע אילוזיעס און האָפענונגען זענען געווען פאַרלוירן. מיר האָבן זיך געפילט אָפּגעגאַרט, פאַרשטויסן, פאַרטריבן. און איך האָב געשווירן קיינמאָל מער אַהין זיך נישט אומצוקערן, אויב אַפילו איך וועל לעבן בלייבן.

דעם זעלבן טאָג, דעם 2־טן סעפּטעמבער 1943, איז פאָרגעקומען די אויסזידלונג און פאַרניכטונג פון אַנדערן געטאָ. הונדערטער יידן זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. אַזוי האָבן זיי געטראָפן אין אַ הויז באַהאַלטן אונזער חבר אַנשל גאָלדפאַרב (זיין ברודער לעבט הייַנט אין ישראל), האָבן אים די דייטשן אויפן אָרט דערשאָסן. זיין חברטע, וואָס איז געווען מיט אים באַהאַלטן, און ער, אַנשל, זענען אַנטלאָפן אויפן דאַך. איז די געסטאַפּאָ זיי נאָכגעלאָפן און נאָכגעשאָסן. ער איז געווען איינער פון די לעצטע פון אונזער גרופּע חברים, אומגעקומען דורך די דייטשע רוצחים. די געסטאַפּאָ האָט צונויפגעשלעפּט אויפן פּלאַץ די טויזנטער יידן, וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אין געטאָ. פון זיי האָבן די געשטאַפּאָ אַרויסגענומען אַ פּאָר הונדערט, כדי ריין צו מאַכן, און אַלע איבעריקע אָוועקגעשיקט קיין אוישוויץ, און אין בירקענאו זענען זיי אַלע אומגעקומען אין די גאַז־אויוונס (מ׳האָט דערציילט, אַז אויך מיין ברודער מיטן קינד זענען געווען צווישן זיי).

פאַר דער געשיכטע פונעם אומקום פון פשעמישלער יידנטום, לויט די גביית־עדות פון ד״ר שאַטנער — מוז איך צוגעבן ווי אַזוי די געש־טאַפּאָ האָט אומגעבראַכט די רעשט יידן. לויט זייער חשבון, האָבן זיי געוווסט, אַז עס האָבן זיך נאָך אויסבאַהאַלטן אין די בונקערס ביי אַ טויזנט יידן. אַ פּאָר טעג נאָך דער אַקציע האָבן זיי גערופן דעם יודן־ראַט און זיי געזאָגט: „מיר ווייסן, אַז פיל יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין די בונקערס״. אויף דעם גיט די געסטאַפּאָ זייער ערן־וואָרט, אַז ווען זיי וועלן אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, וועט מען זיי שיקן קיין שעב־ניאַ אויף אַרבעט, דאָרט, ווו מען האָט טראַנספּאָרטירט די אַרבעטער פון די ווערקשטאַטן. נאָך אַ מאָל האָבן זיך די יידן געלאָזן אָפּנאַרן פון

„ערן־וואָרט״ פון דער געסטאַפּאָ. זיי זענען אַרויס פון זייערע באַהעל־טענישן. אַ קלייגער טייל איז גענומען געוואָרן צו דער אַרבעט דורך שוואַמבערגערן און די אַנדערע האָט מען צייטווייליק געהאַלטן אין דעם איינגעצוימטן געטאָ, און אַ פּאָר טעג איז געווען רויק.

דעם 10־טן סעפּטעמבער האָט שוואַמבערגער פלוצים גערופן אַן אַפּעל אין די ווערקשטאַטן. בעתן אַפּעל האָט דערווייל די געסטאַפּאָ געזוכט באַהאַלטענע יידן אין אַלע קעלערס, און דאָרט געפונען אַ מיי־דעלע פון 8 יאָר, אַ שיין בלאָנד מיידעלע, דאָס קינד פון ד״ר פּאָלאַק, וועלכער איז געווען קריגס־געפאַנגענער פון דער פּוילישער אַרמיי אין דייטשלאַנד. די מוטער איז שוין געווען אַוועקגעשיקט קיין שעבניאַ. דאָס שיינע, בלאָנדע מיידעלע איז געפונען געוואָרן דורכן געסטאַפּאָ־וויעץ מילער, אַ הויכער, פעסטער מאַן. זיין פּנים בלויז האָט אַנגעוואָרפן אַ שרעק. מילער האָט צוערשט גאָרנישט געוווסט וואָס צו טאָן מיטן קינד. האָט ער דאָס מיידעלע צוגעוואָרפן שוואַמבערגערן. ווייזט אויס, אַז אין דער לעצטער מינוט האָט זיך ביי אים דאָך דערוועקט אַ מענטש־לעך געפיל, אויב מען קען אַזוי זיך אויסדריקן וועגן אַ געסטאַפּאָוויעץ. דאָס מיידעלע האָבן זיי איבערגעגעבן די יידן, וועלכע האָבן נאָך באַ־דאַרפט בלייבן צייטווייליק אין די וואַרשטאַטן. (אגב, לעבט זי, דורך אַ נס, און איז צוזאַמען מיט איר פאָטער אין ענגלאַנד).

דעם 11־טן סעפּטעמבער האָט דער געשטאַפּאָ־שעף בענעוויץ ווי־דער באַפוילן דורכצופירן אַן אַפּעל אין צייטווייליקן געטאָ. קיינער פון די 1200 יידן האָט נישט געוווסט, אַז זייער סוף איז דאַסמאָל געקומען. זיי האָבן געמיינט, אַז אויך זיי וועט מען שיקן קיין שעבניאָ אויף אַר־בעט, ווי די געסטאַפּאָ האָט, לויט זייער „ערן־וואָרט״, פאַרזיכערט.

בענעוויץ מיט נאָך דריי געשטאַפּאָ־לייט זענען געקומען אין הויף פון יודען־ראַט, צוזאַמען מיט אוקראַינישע פּאָליציי, וואָס האָבן אַרומ־גערינגלט אַלע יידן. דער פאַרברעכער בענעוויץ האָט אַרויסגענומען פון אַקטן־טאַש אַ בויגן פּאַפּיר און פאָרגעלייענט דעם אורטייל פאַר די אַלע יידן. זיי זענען פאַרמשפּט צום טויט, האָט ער דערקלערט, ווייל זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן בעת דער לעצטער אויסזידלונג, און ווייל זיי האָבן נישט אויסגעפירט די באַפעלן פון דער געסטאַפּאָ. נאָכן איבער־לייענען דעם טויט־אורטייל, האָט ער נאָך באַפוילן די יידן, מען זאָל נישט מאַכן קיין בהלה, קיין געשרייען, נאָר זיין מוטיק, דאָס וועט סיי ווי נישט אָפּהאַלטן דאָס אויספירן דעם אורטייל. אַלע וועלן דערשאָסן

ווערן אין רוקן. ער האָט פאַראָרדנט, אַז יעדעס מאָל זאָלן זיך אויסטאָן צו 50 יידן, גיין אין אָרדענונג, לויט דער רייע, צום אָרט פון דער הריגה.

אַזוי „פּינקטלעך" איז אַלץ אויסגעפירט געוואָרן. אין לעצטן הויז פון געטאָ האָבן זיך לויט דער ריי יעדעס מאָל אויסגעטאָן פּופציק יידן, צוגעגאַנגען אין דרויסן צום אָרט, ווו די געסטאַפּאָ־מערדער האָבן מיט זייערע מאַשין־געווערן דערשאָסן טויזנט צוויי הונדערט יידן. די מאַר־טירער זענען געגאַנגען צום טויט מוטיק, אָן געשריי, אָן געוויין. זעקס שעה האָט געדויערט די שיסעריי. נאָר דער הימל האָט דערהערט זייערע קרעכצן און פּיינען. אַ מוטער אין די ווערקשטאַטן האָט געזען, ווי מען שיסט איר קינד, אַ שוועסטער האָט געזען ווי מען שיסט איר ברודער. זיי האָבן זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, נישט צו הערן די שיסערייען. איין פרוי איז צופעליק געבליבן לעבן. איז זי געלעגן ביז ביינאַכט און דע־מאָלט איז זי, אַ נאַקעטע, געקומען צוקריכן אין די ווערקשטאַטן. מען האָט זי דאָרט אויסבאַהאַלטן. דאָס איז געווען דאָס אייניקל פון הרב שמעלקעס, אירקאַ נייבאַרט. (היינט לעבט זי אין ישראל, די פרוי פון גאָסטעק פעפער).

נאָך דער שחיטה האָט מען געכאַפּט פיר יידן פון די ווערקשטאַטן און געצוווּנגען זיי צו פאַרברענען די קערפּערס. צווישן די פיר זענען געווען די צוויי באַרימטע פידלער, פּראָפעסאָר זילבער און ראָזענצווייג. זיי האָבן געמוזט פינף טעג און פינף נעכט פאַרברענען די קערפּערס. דערנאָך זענען זיי אויך דערשאָסן געוואָרן. זיי האָבן אויך געמוזט דורכ־זיפּן דאָס אַש צו געפינען די גאָלדענע ציין, אויפלאָדן דאָס אַש אויף וועגעלעך און אַריינשיטן אין טייך סאַן. דער טייך אונזערער, ביי וועלכן מיר זענען געבוירן און פאַרבראַכט אונזערע שענסטע קינדער־יאָרן, איז געוואָרן אַ בית־הקברות פאַר אַזויפיל פשעמישלער יידן.

די לעצטע הונדערט יידן פון פשעמישל האָבן די מערדער געשיקט אין לאַגער שעבניאַ, די רעשט 150 יידן — אַ טייל קיין סטאַלאָוואַ און אַ טייל קיין אוישוויץ.

אַזוי טראַגיש האָט זיך פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל יידן אין פשע־מישל. קאַרגע טויזנט יאָר האָבן דאָ יידן געלעבט, געבויט די שטאָט, געאַרבעט, אין גוטער שכנות מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, אָנטייל גענומען אין קולטור־לעבן, געברענגט רייכטום, פּראָגרעס, און צולעצט — פאַרלאָזן געוואָרן פון אַלעמען, אויסגעליפערט צו די דייטשע מער־דער.

**איך האָב זיך פאַרשווירן, נאָכן איבערלעבן דעם גיהנום, מער קיינמאָל נישט צו באַטרעטן די פאַרשאָלטענע ערד.**

**אַדיע, פּשעמישל!**

# קאַפּיטל 7

## שעבניאַ

פאָרנדיק אַזוי אין די פאַרמאַכטע, פול־אָנגעפּאַקטע בהמות־וואַגאָנען, זענען מיר דעם 3־טן סעפּטעמבער אין דער פרי אָנגעקומען אויף אַ סטאַציע, וואָס רופט זיך שעבניאַ. דאָס איז אַן אָרטשאַפט, וואָס ליגט צווישן קראָסנאָ און יאַסלאָ, מזרח־גאַליציע. (מען דאַרף עס נישט פאַרמישן מיט טשעביניאַ, לעבן קראָקע). מען האָט אונז געפירט צום לאַגער, וועלכער האָט כלומרשט געזאָלט זיין אַן אַרבעטס־לאַגער, אָבער פאַקטיש איז עס געווען אַ פאַרניכטונגס־לאַגער. דאָרט זענען געשטאַנען עטלעכע ליידיקע באַראַקן צוצוקומען צו זיי, זענען מיר געקראָכן אין טיפע בלאָטעס, אַז עס איז שווער געווען אַרויסצושלעפּן אַ פוס. ביז דעמאָלט האָבן מיר קיינמאָל נישט געהערט פון דעם לאַגער שעבניאַ. דאָרט זענען אומגעקומען טויזנטער יידן פון מזרח־גאַליציע. אַהין זענען געבראַכט געוואָרן יידן פון דער גאַנצער געגנט פון פּשעמישל, טאַרנאָוו, נאָווי־סאָנטש.

אין דער פרי זענען מיר לאַנג געשטאַנען אויפן אַפּעל־פּלאַץ, צוגעטיילט צו ווערן צו אַן אַרבעט. אונזערע מאַשינען זענען נאָך נישט געהאַט אָנגעקומען פון פּשעמישל.

שטייענדיק אין דער ריי, דערזע איך פון דער ווייטנס מיין פאָטער. ער איז געווען שווער־באַלאָדן. ער האָט מיטגענומען אַלע אונזערע פּעקלעך. מיר איז געוואָרן אַביסל לייכטער אויפן האַרצן, ווייל אַן אונז, מיר און מיין ברודער, וואָלט ער געווען אַ פאַרלוירענער. ווען מיר האָבן זיך שפּעטער צוזאַמענגעטראָפן, האָט ער אונז דערציילט, אַז אַ יידישער פּאָליציאַנט האָט אים אויפגעזוכט און געהאָלפן טראָגן די פּעקלעך. אָבער די פרוי מיט די צוויי טעכטער האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן זייער

באַהעלטעניש. ווען מיין פאָטער איז אַביסל פאַרשפּעטיקט געקומען אויפן פּלאַץ פון די ווערקשטאַטן, איז דאָרט געשטאַנען שוואַמבערגער און געשריגן צו אים:

— דו הונד, וואָרום ביסטו געקומען זאָ שפּעט?

און ער האָט אים געגעבן עטלעכע שטעקנס איבערן קאָפּ. ער האָט אים אָבער געלאָזן אָנשליסן זיך אין אַ גרופּע, וועלכע איז געגאַנגען צום צוג, אָפּצופאָרן קיין שעבניאַ.

מען האָט אונז אָנגעוויזן אַ באַראַק, וווּ אונזער ווערקשטאַט וועט זיין, נישט ווייט, אָן אַנדערן באַראַק, וווּ מיר וועלן שלאָפן. אויפן אַפּעל זענען דאָרט פאַרזאַמלט געווען טויזנטער יידן, אַרומגערינגלט פון דער שוואַרצער פּאָליציי — דאָס איז געווען אָן אוקראַאינישע פּאָליציי, אַלע מערדערס, אָנגעטאָן אין שוואַרצע מונדירן; דערפאַר האָט מען זיי גע־רופן „די שוואַרצע".

מיר האָבן זיך באַלד דערוווּסט, אַז בעת די אַפּעלן פאַלן פיל קרבנות דורכן לאַגער־שעף גזשימעק, ימח שמו. דאָס איז געווען אַ באַנדיט, אַ מערדער, נאָך ערגער ווי שוואַמבערגער אין פּשעמישל. ער איז דאָ געווען דער אַליינהערשער איבער טויזנטער יידן פון לאַגער. אַרומגע־גאַנגען איז ער מיט זיין מאַשין־געווער און האַנט און גערופן צו אַלע־מען: „קינדער מיינע"... און דערביי געשאָסן אויף רעכטס און אויף לינקס. דעם ערשטן טאָג, ווען מיר זענען אַרויס אויפן אַפּעל, איז ער באַלד אַרויסגעקומען מיט זיין מאַשין־געווער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פוטער־מאַנטל, אַ היטל פון זעלבן פוטער. ער איז געגאַנגען מיט אַ שטאָלץ און גאווה. אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט און אַ קוואַדראַט אויפן פּלאַץ, פון אַלע פיר זייטן. אין דער מיט איז געבליבן אַ פרייער שטח פאַרן שאַרפירער גזשימעק. די יידן זענען געווען צעשטעלט גענוי איינער הינטערן צווייטן, ווייל אויב מען איז נישט געשטאַנען גלייך, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדן צאָרן.

עס איז אָבער גלייך געווען צו באַמערקן, אַז די יידן, וואָס זענען געקומען אַהער פריער פון אונז, האָבן זיך קיינמאָל נישט געוואָלט שטעלן אין דער ערשטער רייע, נאָענט פונם שאַרפירער; ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, געציטערט פאַר זיין שלאַנגיש ווערטל „קינדער מיינע" און וועט גלייך אויפן אָרט דערשיסן עטלעכע יידן.

כאָטש דעם ערשטן טאָג, ווען מיר זענען אָנגעקומען, האָט ער, דוכט זיך, גערעדט גאַנץ נאָרמאַל, נישט אַרויסגערופן אַזאַ פחד. אַ

שרעק האָבן נאָר אָנגעוואָרפן באַלד די „שוואַרצע" פּאָליציי. זיי זענען געשטאַנען הינטער אונז מיט זייערע מאַשין־געווערן אָנגעצילט. אין אַלע פיר עקן זענען געווען אויפגעשטעלט גרויסע טורעמס מיט שיין־וואַרפערס. אויבן, אויפן טורעמל, איז געשטאַנען אַ וואַך פון די „שוואַר־צע", מיט אָנגעשטעלטע קוילן־וואַרפערס.

דער ערשטן טאָג זענען מיר געשטאַנען אין דער ריי ביי דער ביוראָ, צום רעגיסטרירן, און געזען, ווי פרויען האָבן געטראָגן רוקזעק אויף די פּלייצעס. דאָרט האָבן זיי געהאַט באַהאַלטן זייערע קליינע קינ־דער. די וואָס זענען געשטאַנען אין דער ריי, האָבן אַזוי קאַלקולירט, אַז די פרויען זאָלן קענען לייכט אַדורכגיין די רעגיסטראַציע, מ'זאָל זיי נישט אַריינקוקן אין די רוקזעק. אַזוי אַרום זענען פיל צענדליקער קליינע קינדער אַריינגעשמוגלט געוואָרן אין לאַגער אַריין.

געזאָלט האָט עס זיין אַן אַרבעטס־לאַגער. אַזוי האָבן אַלע צוערשט געמיינט, ווי עס זענען געגאַנגען די דייטשע ליגנערישע,אָפּנאַרערישע צוזאָגן. די פרויען האָבן אויך געגלויבט, אַז דאָ וועט מען די קליינע קינ־דער קענען אָפּראַטעווען. עס האָט אויסגעזען, אַז אַלץ איז דערוויייל, נאָך דער רעגיסטראַציע, אַדורך בשלום. יעדן טאָג זענען אָנגעקומען הונדערטער יידן, אין דעם לאַגער, איבערהויפּט פון טאַרנאָוו. מען האָט געהאַלטן אין צובויען נייע באַראַקן.

עטלעכע טעג שפּעטער זענען אָנגעקומען אונזערע מאַשינען. מען האָט זיי אינסטאַלירט, כדי אָנצוקצושטעלן זיך אויסאַרבעטן פאַרשיי־דענע בלעכערישע חפצים פאַר דער ווירטשאַפט, ווי אויך צו דעקן דעכער. אָבער ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, איז אַלץ אַוועק־געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. פון פיל שטעט און שטעטלעך האָבן יידן מיטגעבראַכט רוי־מאַטעריאַלן, ווייל זיי האָבן אַלץ געמיינט, אַז דאָס וועט זיין אַ געווינלעכער אַרבעטס־לאַגער. עס זענען דאָ געווען פיל גוטע בעלי־מלאכות, גוטע פאַכמענער פון יעדער בראַנזשע. עס זענען אויך געווען צווישן אונז קינסטלער. אין איינעם פון די באַראַקן האָט מען אַפילו איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון פלאַסטישער קונסט, פון קאַריקאַטורן. די צייכענונגען האָבן געטריי כאַראַקטעריזירט די לייי־טערס פון פאַרשיידענע אָטעליעס, אָבער דעם שאַרפירער גזשימעק האָבן זיי מורא געהאַט צו צייכענען, ווייל ס'האָט געדראָאָט מיטן תיכפּ־דיקן טויט, ווען זיי מאַכן אַ קאַריקאַטור פון אים. די אויסשטעלונג האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג, אין דער מיט פון אַלעמענס צרות.

אויך אונזער אַטעליע האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן. מיר האָבן אויס־געאַרבעט פאַרשיידענע הענגל־לייכטער, כמעט קונסט־זאַכן. מיין פאָ־טער איז געווען פּעאיק אויסצואַרבעטן פון מעש און קופּער־בלעכן סאַ־מאָוואַרן, שטוב־כלים צום נוצן אין דער קיך־באַלעבאַטישקייט. נאָר ווער האָט זיך דען דעמאָלט אומגעקוקט? אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל זופּ איז געווען דער גרעסטער אוצר. מיר האָבן באַקומען צוגעטיילט קוים אַ פּענעצל ברויט, אַביסל וואַסערדיקע זופּ. דאָ האָבן מיר ערשט דערפילט דעם ריכטיקן הונגער. שלעכט איז געווען די, וואָס האָבן געראויכערט. איך און מיין ברודער האָבן געזוכט פאַרשיידענע גראָזן און בלעטלעך צום רויכערן, פאַר מיין פאָטער. אויך אַ שוועבעלע איז געווען אַ פּראָבלעם. ביי דער אַרבעט פון בלעכערייי האָט מען געמוזט האָבן אַ פייער, און מיר האָבן אַ שוועבעלע צעטיילט אין פירן, פייער צו מאַכן.

מיר זענען אָבער צייטווייליק געווען צופרידן דערמיט, וואָס מען איז געבליבןביים לעבן, געווען באַשעפטיקט, כאָטש די גרויסע מורא איז כסדר געהאָנגען איבער אונז — דער שאַרפירער גזשימעק. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן לאַגער, איז אויך אַריינגעקומען אין אונזער וואַרשטאַט. דער ערשטער, וואָס איז געווען ביים אַריינגאַנג, האָט גע־מוזט אויסשרייען: „אַכטונג״, און אַלע האָבן געמוזט גלייך אויפשפּרינ־גען, גלייכשטיין, ביז ער איז אַרויס. אַזוי איז ער איינמאָל אַריינגעקו־מען. דער באַגלייטער זיינער, מיט וועלכן ער איז שטענדיק געגאַנגען, האָט אויסגערופן „אַכטונג״. מיר אַלע זענען אויפגעשפּרונגען, נאָר מיין פאָטער האָט נישט דערהערט, איז געווען פאַרטיפט אין זיינע טרויעריקע געדאַנקען, און ער איז נישט גלייך אויפגעשפּרונגען. ווען זיין באַגליי־טער האָט עס באַמערקט, איז ער צוגעקומען און גלייך אויפגעשריבן זיין נאָמען. (אין דעם לאַגער האָבן מיר נאָך קיין נומערן נישט געהאַט) און ער האָט אים געזאָגט, אַז ביים אָוונט־אַפּעל מוז ער זיך אַליין מעלדן אויפן פּלאַץ. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר שוין געלעבט אין גרויס מורא. מיין פאָטער איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך געזאָלט מעלדן. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס מ׳האָט זיי געטראָפן נישט אַר־בעטנדיק. מיר זענען געווען דעם טאָג זייער נידערגעשלאָגן. איך האָב געהאַט טענות צו מיין ברודער, פאַרוואָס ער האָט געהאַט דעם טרויע־ריקן איינפאַל אין פשעמישל, ווען מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די דיוואַנעס, מיר זאָלן אַרויסגיין פון אונזער באַהעלטעניש און אַראָפּ־

גיין אויפֿן הויף, וואָלטן מיר נאָך אפשר געווען געבליבן אין שטאָט ביי אונז.

מיין ברודער האָט זיך זייער איבערגענומען מיט מיין פֿאַרוואָרף. מיר האָבן נישט געוווּסט אויב גזשימעק, דער מערדער, וועט נישט אַלע אויפֿן פּלאַץ אויסשיסן. מיין ברודער האָט זייער שטאַרק אָנגעהויבן צו וויינען, נאָך קיינמאָל האָב איך אים נישט געזען אַזוי וויינען. ס'איז געווען עמאָציע און פֿאַרצווייפֿלונג, ווייל איך האָב אויף אים אַרויפֿ־געוואָרפֿן די גאַנצע שולד און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. איך האָב דער־נאָך זייער באַדויערט, וואָס איך האָב עס אים פֿאַרגעהאַלטן. האָב איך אים געטרייסט, אַז עס איז אפשר בעסער, וואָס ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט און מיר זענען אין פּשעמישל נישט פֿאַרבליבן, ווייל ווער ווייסט וואָס עס איז דאָרט געוואָרן מיט אַלע יידן. ערשט דעמאָלט האָט זיך מיין ברודער באַרואיקט. אָבער די גרויסע זאָרג איז פֿאַרבליבן, אַז אין אָוונט מוז מיין פֿאָטער זיך צושטעלן אויפֿן פּלאַץ. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס מען וועט מאַכן מיט די פֿאַרשריבענע, צי דאָס איז אַ טויט־אור־טייל, אָדער נאָר אַן אָפּשרעקונג־מיטל. לסוף האָב איך באַשלאָסן צו גיין אויפֿן אָרט פֿון מיין פֿאָטער.

מיין פֿאָטער האָט נישט געוואָלט, אָבער איך בין געבליבן ביי מיין באַשלוס, און נאָר געבעטן, אַז וואָס עס זאָל נישט זיין, זאָל דער ברודער תמיד באַשיצן אונזער פֿאָטער.

צום אָוונט־אַפּעל זענען זיך טויזנטער יידן פֿונעם לאַגער צוזאַ־מענגעקומען אויפֿן פּלאַץ, אויסגעשטעלט פֿיר־קאַנטיק, געגנוי איינער הינטערן אַנדערן, און מיט שרעק געוואַרט אויפֿן אָנקום פֿון דעם סאַ־טראַפּ, וואָס האָט כסדר געשריגן „קינדער מיינע״, דערביי האָט ער געשלאָגן אויף רעכטס און לינקס. מען האָט אָבער געוווּסט, אַז עפּעס גרייט זיך, ווייל אויפֿן ליידיקן פּלאַץ, ווו גזשימעק דאַרף אָנקומען, האָט מען אַוועק־געשטעלט אַ טיש מיט אַ טאַבורעטל, אַוועקגעלייגט עטלעכע שטעקנס. מען האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט וואָס דאָס באַדייט, און ווי עס וועט אויסזען דאָס באַשטראָפֿן די „פֿאַרזינדיקטע״.

און אָט קומט אָן מיט זיין שטאָלצן גאַנג דער הויפּט־באַנדיט מיט זיינע באַגלייטער. ער טראָגט זיין פֿוטערנעם מאַנטל, דאָס פֿוטער־היטל, און נאַטירלעך, זיין מאַשין־געווער. עס דונערט אויס אַ געשריי: „אַכטונג!״ ביי אַלע טויזנטער יידן, פֿאַרזאַמלט אין שטרענגע רייען אויפֿן פּלאַץ, זענען אָפּגעשטאָרבן די הערצער. זיי שטייען שטייף, זיך נישט אַ ריר־

טוענדיק. יעדער איינער האָט מורא פאַר זיין לעבן. דער סעקרעטאַר זיינער הייבט אָן צו לייענען די אַלע נעמען, וועלכע מען האָט אויסגע־שריבן. ווען ער רופט אויס מיין פאָטערס נאָמען, גיב איך אַ געשריי: „יאַוואָל!", גיי אַרויס פון דער רייע און שטעל זיך אַוועק אין מיטן פּלאַץ, צוזאַמען מיט די אַנדערע פאַרשריבענע צוליב זייערע „זינד". דער שאַרפירער האָט אָנגעהויבן צו דערקלערן:

שעבניאַ איז אַ מוסטער־לאַגער, ווו אַלע מוזן אַרבעטן און געבן דעם מאַקסימום פּראָדוקציע. עס וועט נישט דערלאָזן ווערן, אַז אין לאַ־גער זאָלן זיין אַרבעטער, וואָס פאַרנאַכלעסיקן די אַרבעט. אַלע וועלן באַשטראָפט ווערן. אָבער אַזוי ווי עס איז דאָס ערשטע מאָל, וועלן זיי אָפּקומען מיט אַ לייכטער שטראָף!...

און ער האָט פאַראָרדנט, אַז אַלע זאָלן באַקומען שמיץ איבערן רוקן, איבערן הינטן, מען זאָל וויסן, אַז דאָ איז אַ לאַגער צו דער אַר־בעט, נישט אַרומצודרייען זיך ליידיק. אַלע האָבן געמוזט זיך צוקוקן, ווי יעדער „פאַרזינדיקטער" גייט אַליין אַרויף אויפן בענקל, בייגט זיך אַריבער איבערן טיש. איינער פון זיינע געהילפן האָט געהאַלטן די הענט שטאַרק צעשפּרייט. דער צווייטער — די פיס, און דער דריטער האָט גענומען שלאָגן מיטן גראָבן שטעקן איבערן נאַקעטן לייב פון דעם ייד. די שלעגער האָבן געקלאַפּט מיט אַזאַ האַסט, אַז זיי זענען גיך מיד גע־וואָרן. זיי האָבן זיך עטלעכע מאָל געמוזט טוישן.

מיך האָבן זיי געשלאָגן אויפן נאַקעטן רוקן. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל זיך שוין מער נישט קענען אויפהייבן און שטעלן אַ טריט. נאָך 40 שטעקנס, האָבן זיי מיך אַראָפּגעוואָרפן פונעם טיש, כדי צו נעמען צו דער שחיטה אַן אַנדערן ייד. איך האָב זיך קוים אויפגעהויבן און זיך צוגעשלעפּט צום אָרט, ווו מיין פאָטער און ברודער זענען געשטאַנען. מיין פאָטער האָט זיך גאָרנישט געקענט מוחל זיין. מען האָט גענומען פאַרשיידענע מעדיקאַמענטן, מיר איינגעשמירט די פּלייצע, געמאַכט מאַ־סאַזשן, ווייל אויפן אַנדערן טאָג האָב איך ווידער געמוזט גיין צו דער אַרבעט. מיין רוקן איז געווען שוואַרץ פון די אויפגעלאָפענע קלעפּ און וווּנדן. צוויי חדשים דערנאָך איז מיין רוקן נאָך אַלץ נישט געווען פאַרהיילט. דערצו זענען מיר נאָך געווען צופרידן. ווער וויס, אַזאַ באַנדיט, וועלכער שרייט בסדר „קינדער מיינע" און מאָרדעט, האָט אונז געקענט דערשיסן אויפן אָרט. עס זענען תמיד הינטער אים נאָכ־געגאַנגען עטלעכע משרתים מיט וועגעלעך, און ווען ער האָט עמיצן

דערשאָסן אויפן אָרט. האָבן זיי דעם טויטן גלייך אַרויפגעוואָרפן אויפן וועגעלע, מיט אַ גראַבליע אויסגעגלייכט, פאַרווישט דאָס בלוט.

דער שאַרפּירער גזשימעק איז געווען זייער אַן „אײדעלער" מענטש און האָט נישט געקענט קוקן אויף קיין פאַרגאָסן מענטשלעך בלוט... אָבער שיסן, הרגענען מענטשן, האָט ער יאָ געקענט. ווי נאָר ער האָט געזאָגט „קינדער מיינע", האָט מען שוין געוווסט, אַז עס איז אַ סכנה. מען האָט אַלץ געטאָן אים אויסצומיידן, אָבער ער האָט תמיד געפונען זיינע קרבנות.

זיין סיסטעם פון דערשיסן איינצלנע האָט זיך געענדערט, מיטן אָנקומען יעדן טאָג פון פרישע טראַנספּאָרטן יידן פון מערב־גאַליציע. ער האָט געפונען נייע מעטאָדן אומצוברענגען מאַסנווייז. די אַפּעלן, וואָס זענען ביז דעמאָלט פאַרגעקומען יעדן טאָג, זענען געענדערט געוואָרן אויף נאָר איין מאָל אין דער וואָך, און ער איז געווען נאָכמער מער־דערלעכער. אַזוי זענען פאַרשריבן געוואָרן אויף די אַפּעלן יידן, וואָס אַרבעטן נישט גוט. נאָכן אַפּעל האָט מען זיי אַרויסגעפירט אין וועלדל נישט ווייט פון שעבניאַ, זיי אַלע דאָרט דערשאָסן און פאַרברענט. דאָס האָבן דורכגעפירט די „שוואַרצע", דאָס הייסט די אוקראַינישע פּאָליציי, וועלכע האָבן באַוואַכט אונזער לאַגער.

קיינער האָט נישט געוווסט, צי ער וועט בלייבן לעבן, נאָכן וועכנט־לעכן אַפּעל. אייגמאָל איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע זאָלן קומען אין אָוונט אויפן אַפּעל־פּלאַץ מיט אַלע זייערע זאַכן. מען וועט אַלץ קאָנטראָלירן, אָדער קאָנפיסקירן, אָדער גאָר אַוועקשיקן אין אַן אַנדער לאַגער. מיט צוויי וואָכן צוריק האָט מען אויך אַ גרופּע יידן אַוועקגעשיקט. זיי האָבן געוויינט, נישט געוווסט ווו מען שיקט זיי. צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ געוויסער טייל פון זיי איז לעבן געבליבן, אין דער צייט ווען פון אונזער לאַגער אין שעבניאַ זענען, אויסער איינצלנע, כמעט אַלע אומגעקומען.

דער גאַנצער טאָג איז אַדורך אין נערוועזער דערוואַרטונג. יעדער האָט איינגעפּאַקט זיין פּעקעלע, און מ'האָט געציטערט איבער דעם, וואָס אַזאַ באַנדיט ווי דער גזשימעק האָט ווידער צוגעטראַכט. אין אָוונט זע־נען אַלע געקומען מיט ציטערנדיקע הערצער, אויסגעשטעלט זיך פּיר־קאַנטיק, ווי געוויינלעך, איינער הינטערן אַנדערן, ער זאָל נישט געפי־נען קיין שום סיבה צו דערשיסן דעם ערשטן־בעסטן. דער סאַטראַפּ איז

אָנגעקומען, באַגלייט פון זיינע משרתים. זיי פירן מיט זיך וועגעלעך. גזשימעק שטעלט זיך אַוועק און רעדט:

— אונזער דייטשע גרויסמאַכט דאַרף האָבן אַרבעט, געלט און גאָלד...

דערפאַר ווענדעט ער זיך, ווי „אַ פאָטער צו זיינע קינדער", מען זאָל באַלד אויפן אָרט אָפּגעבן דאָס גאַנצע געלט און גאָלד, וואָס יעדער פאַרמאָגט. אויב וועט מען דערנאָך ביי עמיצן געפינען עפּעס, געלט, אָדער גאָלד, וועט ער אויפן אָרט דערשאָסן ווערן...

און זיינע משרתים האָבן גלייך אָנגעהויבן צו גיין דורך די רייען, מיט די קעסטלעך, צו זאַמלען אַלץ, וואָס יעדער פאַרמאָגט. מיר האָבן געהאַט אַ קליין זעקעלע מיט גאָלדענע מטבעות. אויפן אָרט, ווו מיר זענען געשטאַנען, האָבן מיר עס איינגעגראָבן אין דער ערד, אָנשטאָט צו געבן עס דעם באַנדיט. דערנאָך, ווען אַלע האָבן אָפּגעגעבן דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט ביי זיך, האָט גזשימעק ווידער אָנגעהויבן:

— און איצט, קינדער מיינע, וועלן מיר זען, אויב איר האָט אַלץ איבערגעגעבן, ווי איך האָב עס פאַראָרדנט...

און ער גייט צום צום ערשטן און הייבט אים אָן צו באַזוכן. קיי־נער האָט נישט געגלויבט, אַז ער קען עפּעס געפינען. די, וועלכע זענען געשטאַנען אין דער ערשטער ריי, האָבן זיכער אַלץ אָפּגעגעבן. גזשימעק האָט אָבער דאָך געפונען עפּעס אַ סיבה און ער האָט דעם ייד אויפן אָרט דערשאָסן. מיטן צווייטן — געגנוי דאָס זעלבע. ער ווענדעט זיך דערנאָך צום פאַרזאַמלטן עולם יידן:

— איצט זעט איר, וואָס מען מאַכט מיט נישט קיין דיסציפּליניר־טע יידן...

ער האָט פאַראָרדנט אַן איבעררייס פון נאָך אַ האַלבע שעה, די יידן זאָלן אַלץ אָפּגעבן. נאָך דעם איבעררייס, האָט ער מער נישט געזוכט, נאָר האָט פייערלעך דערקלערט, אַז דער אַפּעל איז געענדיקט.

איך און מיין ברודער זענען שפּעטער אַוועק אויפן אָרט, ווו מיר זענען געשטאַנען, זוכן דאָס זעקעלע מיט די גאָלד־מטבעות, וואָס מיר האָבן געהאַט איינגעגראָבן אין דער ערד, און עס ווידער געפינען.

אַזוי זענען יעדע וואָך פאָרגעקומען אַפּעלן און יעדע וואָך האָט גזשימעק דערשאָסן יידן. דערווייל האָט זיך דער מערדער דערוווּסט, אַז פיל פּרויען באַהאַלטן אויס אין לאַגער זייערע קינדער. רופט ער צונויף אַן אַפּעל און רעדט ממש „צערטלעכע רייד", דער באַנדיט:

— קינדער מיינע... איך האָב געהערט, אַז מען באַהאַלט אויס אין לאַגער קינדער. עס איז נישט נאָרמאַל, אַז מען זאָל מאַטערן קינדער און זיי נישט קענען געבן די געהעריקע דערנערונג. מיר, דייטשן, זענען אַן איידל פאָלק... מיר וועלן קינדער נישט קיין שלעכטס טון. מיר האָבן אויך קינדער, און מיר פאַרשטייען, ווי מען דאַרף זיי פלעגן און אַכטונג געבן אויף זיי... דערפאַר ווענדע איך זיך צו אַלע פרויען, ווי אַ פאָטער — ברענגט אייערע קינדער, און עס וועט זיי גאַרנישט פעלן. מען וועט אָפּטיילן אַ ספּעציעלן באַראַק פאַר זיי.

ער האָט טאָקע געגעבן אַ באַפעל מען זאָל אויסמאָלן אַ באַראַק אויף ווייס. אין אַ נאָענטער אָרטשאַפט האָט מען באַשטעלט צו ברענגען מילך. עס איז אַפילו צוגעגרייט געוואָרן לייכטע עסנס פאַר די קינדער.

אין דעם טאָג איז ער גאָרנישט געווען דער זעלבער מערדער גזשימעק. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ס'איז מיט אים געשען. מ'האָט געגלויבט, אַז ס'איז דער איינפלוס נאָך דער מפּלה זייערער ביי סטאַלינגראַד, אַז זיי האָבן שוין געזען דייטשלאַנד פאַרשפּילט און עפּעס האָט זיך דאָ געענדערט אין זייער באַציאונג צו יידן. קיינער האָט זיך אָבער נישט געריכט, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ טייוולאָנישע שפּיל, כדי אַרויסצובאַקומען די אויסבאַהאַלטענע קינדער, פאַרשטעקט דורך די מוטערס אין לאַגער.

במשך עטלעכע טעג איז דער באַראַק אויסגעמאָלן געוואָרן אויף ווייס. מען האָט געמאַכט קליינע פּריטשן פאַר די קינדער צום שלאָפן. מען האָט די קינדער געגעבן צו טרינקען מילך. דעמאָלט האָבן טאָקע פיל מוטערס געבראַנגט זייערע קינדער אין דעם באַראַק. די קינדער זענען געווען פון פאַרשיידענעם עלטער, פון 2 ביז 7־8 יאָר. די עלטערן זענען דעם גאַנצן טאָג געווען ביי דער אַרבעט, און די קינדער האָבן זיך געשפּילט אין באַראַק. ווען דער סאַדיסט גזשימעק איז שוין זיכער געווען, אַז מען באַהאַלט מער נישט אויס קיין קינדער, האָט ער ווידער גערופן אַן אַפּעל און האָט פאַראָרדנט, אַז יעדע מוטער זאָל קומען אויפן פלאַץ מיט אירע קינדער. מען איז אים נאָך אַלץ נישט חושד געווען אין קיין שלעכטס בנוגע די קינדער. האָט ער דאָך מיט אַ פאָר טעג צוריק גערעדט אַזעלכע פאָטערלעכע רייד צו „זיינע קינדער". געמיינט האָט מען, אַז ער פאַרלאַנגט ווידער גאָלד און געלט. אָבער כמעט קיינער האָט שוין מער גאַרנישט פאַרמאָגט. דאָס קליינע זעקעלע מיט גאָלד־מטבעות, וואָס מיין פאָטער האָט מיטגעבראַנגט פון פּשעמישל, האָבן

מיר געהאַט איינגעגראָבן אויפן אַפּעל־פּלאַץ און דערנאָך עס ווידער געפונען. דאָסמאָל האָבן מיר עס פאַרשטעקט אין דרויסן, לעבן באַראַק, צווישן אַלטע בלעכן און דראָטן. מיר זענען געווען זיכער, אַז קיינער וועט עס נישט געפינען.

אין אָוונט נאָך דער אַרבעט, ווען אַלע גייען אויפן אַפּעל־פּלאַץ, זענען מיר פונדעסטוועגן געווען זייער אומרואיק; ווייל יעדער אַפּעל האָט געבערענגט פרישע קרבנות, אויסער דעם לעצטן מאָל, ווען גזשי־מעק האָט אַפּעלירט מען זאָל ברענגען די קינדער.

אַלע מוטערס זענען אַוועק נעמען זייערע קינדער. מען האָט זיך גענומען זאַמלען, אויסשטעלן זיך אין שטרענגע רייען, כדי דער מער־דער זאָל נישט האָבן קיין שום אויסרייד צו דערשיסן יידן. עס האָט זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן, אַז די אוקראַאינישע פּאָליציי איז דאָסמאָל געווען צעשטעלט יעדע פּאָר מעטער, מיט אָנגעלאָדענע מאַשין־געווערן. עס איז אָנגעקומען דער פאַרברעכער גזשימעק, מיט זיין מאַשין־גע־ווער, אָנגעטאָן אין זיין פּעלץ. ער גייט מיט פעסטע טריט אויפן מיט פּלאַץ. און הינטער אים — זיינע באַגלייטער. מיט איין מאָל גיט ער אַ געשריי:

— אַלע קינדער, אַרויס!

זיינע באַגלייטער הייבן גלייך אָן לויפן פון איין קינד צום אַנדערן, רייסן זיי אַרויס פון די אָרעמס פון זייערע מוטערס. אַ סך מוטערס האָבן די קינדער נישט אָפּגעלאָזן, זענען אַליין אויך מיטגעגאַנגען. די קינדער האָבן געוויינט, געשריגן „מאַמושיאַ קאַכאַנאַ". עס האָט זיך אויפגע־הויבן איין גרויסער יאָמער פון די מאַמעס און די קינדער. מיט רציחה האָט מען זיי אַלע אַוועקגעפירט אין אַ באַזונדערן באַראַק, נישט אין דעם באַראַק, וואָס איז ספּעציעל אויסגעוויסט געוואָרן. די שוואַרצע פּאָליציי האָט זיי דאָרט אָפּגעשפּאַרט, געהיטן אַ גאַנצע נאַכט און אויפן אַנדערן טאָג אַוועקגעפירט זיי אין נאָענטן וועלדל, אַלע קינדער אויס־געשאָסן און דערנאָך די טויטע גופימלעך פאַרברענט.

אַזוי האָט אויסגעזען דער „פּאַראַדיז", וועלכן ער האָט צוגע־זאָגט פאַר די יידישע קינדער. מיט עטלעכע טעג שפּעטער זענען אויך די מוטערס דערשאָסן געוואָרן. דאָס איז געווען דער אַרבעטס־לאַגער שעבניאַ. מען האָט באַפוילן מיטצוברענגען די מאַשינען, נאָר כדי אָפּ־צונאַרן אונז. יעדער אַפּעל האָט געבערענגט פרישע קרבנות, קיינער איז

מער נישט געווען זיכער מיטן לעבן. מען האָט שוין געוווּסט, אַז יעדע ענדערונג און יעדער אַפּעל ברענגט עפּעס שלעכטס.

אין איינעם אַ טאָג אין חודש נאָוועמבער איז פאַראָרדנט געוואָרן, אַז דער אַפּעל וועט פאָרקומען 9 אַזייגער אין דער פרי. אין דעם טאָג טאָר קיינער נישט גיין צו דער אַרבעט. גזשימעק, וואָס האָט אַזוי אַכטונג געגעבן אַז אַלע זאָלן אַרבעטן, נעמט פּלוצים אַוועק טויזנטער יידן פון דער אַרבעט. מען האָט געוווּסט, אַז קיין גוטס וועט זיכער נישט אַרויס־קומען. מיר האָבן דערווייל אונזער זעקעלע מיט די גאָלד־מטבעות פאַר־שטעקט טיף צווישן די בלעכן און אַלטע דראָטן אויפן הויף לעבן באַ־ראַק. מיר גייען אַלע דריי, איך, מיין ברודער און דער פאָטער, צום פּלאַץ, צוזאַמען מיט אַלע יידן. די „שוואַרצע” אוקראַאינישע פּאָליציי רינגלט אונז אַרום. האַלב ניין זענען שוין אַלע אויסגעשטעלט, ווייל ווער וועט עס ריזיקירן מיטן לעבן צו קומען אַביסל שפּעטער? ס'איז שוין צען, עלף, צוועלף און דער שאַרפירער גזשימעק איז נאָך אַלץ נישטאָ. איינס אַזייגער הייבט מען אָן צו ברענגען די זופּ. אַלע שטעלן זיך אויס, צו באַקומען דאָס ביסל וואַסערדיקע יושקע. ווער ווייס וווהין מען וועט אונז ווידער פאַרשיקן! ס'האָט מיר שוין באַנג געטון, צו לאָזן דאָרט דאָס זעקעלע, פאַרשטעקט צווישן די בלעכן. כ'האָב געוואָלט גיין עס נעמען, אָבער מיר זענען שיין געווען אַרומגערינגלט.

אַרום צוויי אַזייגער קומט אַ באַפעל, צוריק אויסצושטעלן זיך צום אַפּעל. ערשט אַרום דריי אַזייגער קומט גזשימעק אָן, ווי געווינלעך מיט זיין מאַשין־געווער, און הייבט אָן זיין רעדע:

— קינדער מיינע,ס'איז געקומען דער מאָמענט, מיר זאָלן זיך צעשיידן. עס וועלן נאָר בלייבן אין לאַגער די אָרדענונגס־דינסט מיט זייערע פרויען, און 3־4 יידן פון יעדער אַטעליע.

ער האָט געבראַכט אַ גענויע ליסטע פון די אַלע און זיי וועלן זיך אַוועקשטעלן אויף דער אַנדערער זייט. די רעשט וועלן געשיקט ווערן אין אַן אַנדערן לאַגער, צו דער אַרבעט. געמיינט האָט ער זיכער דעם דערנעבנדיקן וואַלד, ווו מען וועט אַלעמען אויסשיסן. און ער ענדיקט פייערלעך:

— בין איך צו אייך ווי אַ פאָטער?...

און אַלע האָבן אויסגעשריגן אין איין קול:

— יאַוואָל!

יעדער האָט נאָר געהאָפט צו זיין צווישן די אָפּגעקליבענע, צו בלייבן. מען האָט געצויגן אַ לאַנגן שטריק, און ווען מען האָט אויסגע־רופן די נעמען, איז יעדער, צוזאַמען מיט זיין פרוי, אַריבער אויף דער צווייטער זייט. אַפילו ווען איינער האָט נישט געהאַט קיין פרוי, האָט ער מיטגענומען מיט זיך אַ מיידל, זאָגנדיק אַז ס׳איז זיין פרוי.

איינמאָל רופט ער אויס אַ נאָמען און קיינער מעלדעט זיך נישט. גיב איך אַ געשריי „יאָוואָל" און וויל איבערלויפן אויף יענער זייט שטריק. דערווייל מעלדעט זיך דער מיטן ריכטיקן נאָמען, און אויך ער קומט צו צום שטריק. קומט צו מיר צו דער אָרדענונגס־דינסטלער און גיט מיר אַ זעץ מיט דער פויסט אין אויג אַריין, אַז דאָס גאַנצע אויג איז מיר שוואַרץ געוואָרן, און כ׳האָב געמוזט צוריקגיין אויף מיין פּלאַץ. הייסט עס, אַז אַלע מיינע באַמיאונגען צו בלייבן אין לאַגער, האָבן זיך נישט איינגעגעבן. ווען איינער האָט זיך ווידער נישט אָפּגע־רופן האָט מיין ברודער אויסגעשריגן „יאָוואָל" און איז אַריבערגעלאָפן אויף דער צווייטער זייט. די וואָס זענען פאַרבליבן פון דער זייט, זענען, הייסט עס, פאַראורטיילט צום אומקום. איך און מיין פאָטער זענען פאַר־בליבן פון דער זייט, און מיין ברודער האָט שאַנסן צו בלייבן לעבן. פיל פרויען און מיידלעך האָבן אַלץ געטאָן, זיי זאָלן אָנגיין ווי פרויען פון די גליקלעכע, וואָס בלייבן אין לאַגער.

אויף יענער זייט זענען שוין געשטאַנען כמעט 600 יידן, צווישן וועלכע מיין ברודער און מיין בעסטער חבר אייזנער. (זיין ברודער לעבט היינט אין קאַנאַדע), ער, צוזאַמען מיט זיין יונגערן ברודער, האָבן געאַרבעט אין קירזשנער־וואַרשטאַט.

ווי נאָר מען האָט געענדיקט אויסרופן די נעמען, האָט מען פאַר־אָרדנט זיי זאָלן זיך אויסשטעלן אין דער ריי. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב געזען מיין ברודער. אָבער דווקא זייער גורל איז געווען אומברחמנותדיק. מען האָט זיי אַלע אַריינגעפירט אין אַ באַראַק נישט ווייט פונעם פּלאַץ. מיר האָבן גערופן צו זיי, אָבער זיי האָבן מער נישט געהערט.

מיר זענען געבליבן שטיין אין דרויסן. די קעלט האָט זיך איינ־געפרעסן אין די ביינער. ס׳איז שוין 10 ביינאַכט, ס׳איז שוין 11 ביינאַכט און מען זעט נאָך גאָרנישט. כ׳דערמאָן זיך אויף זיכער, אַז ס׳איז גע־ווען פרייטיק־צונאַכטס, ווייל מיין פאָטער האָט דעמאָלט נישט געררוי־כערט. אַרום 12 ביינאַכט זענען אָנגעקומען גרויסע לאַסט־אויטאָס, מיט

שטאַרקע רעפלעקטאָרן. סאָלדאַטן האָבן אונז אַרומגערינגלט, צוזאַמען מיט די אוקראַינישע שוואַרצע פּאָליציי. מען האָט אונז באַפוילן אויס־צושטעלן זיך אין דער ריי צו פינף און גיין פאָראויס; ס'זאָל קיינער נישט וואַגן צו אַנטלויפן, ווייל ער וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט.

אַרויסגעפירט האָט מען אונז דורכן זעלבן טויער, דורך וועלכן מיר זענען מיט דריי חדשים צוריק אַריינגעקומען. די נאַכט איז געווען זייער אַ פינצטערע. יעדע פּאָר מעטער, פון ביידע זייטן וועג, זענען געשטאַנען באַוואָפנטע סאָלדאַטן מיט מאַשין־געווער. עס האָבן אונז באַלויכטן שטאַרקע רעפלעקטאָרן. זיי האָבן געהאַלטן אין איין שרייען:

— אופגיין! אופגיין!

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווי מיר האָבן געהערט דאָס וואָרט, וואָס האָט זיך אונז דערנאָך איינגעקריצט אין מוח, ביז צו דער באַפרייאונג אין 1945. מיר זענען נישט געגאַנגען, נאָר כמעט געלאָפן דעם לאַנגן וועג, ביז מיר זענען צוגעקומען צום וואָקזאַל. דאָרט האָבן שוין געוואַרט די בהמה־וואַגאָנען. עס איז געקומען אַ באַפעל אויסצו־טאָן די מאַנטלען און זיי צו וואַרפן אויף איין אָרט. דער צווייטער באַ־פעל — אויסטאָן די מאַרינאַרקעס. דער דריטער באַפעל — אויסטאָן די שיך. מיר זענען געבליבן נאָר מיט די הויזן און אין העמד. זיי האָבן ווייטער באַפוילן אַרויפצוקריכן באַלד אין די וואַגאָנען אַריין. די טרעפּ־לעך זענען געווען הויך, און איינער האָט געמוזט העלפן דעם אַנדערן אַרופקריכן.

אין די עטלעכע מינוט האָבן מיר זיך דערפילט ווי שקלאַפן. מ'האָט ביי אונז צוגענומען יעדע מענטשלעכע ווירדע. דאָס זענען אַלע געווען ווערטפולע, אַרבעטסזאַמע מענטשן, און מיט איינמאָל זענען זיי געוואָרן — אויס מענטשן; אַ מעכאַניזם, וואָס מוז אויספירן יעדן באַפעל, אויב נישט — ווערט מען דערשאָסן אויפן אָרט. אין אונזער וואַגאָן האָט מען אַנגעשטאָפּט 120 יידן. זיי האָבן גענוי געציילט די צאָל, די אַנדערע וואַגאָנען — גענוי דאָס זעלבע. אַזוי האָבן זיי דעפּאָרטירט 2.600 יידן. קיינער האָט נישט געוווסט וווהין מען פירט אונז.

פאַר דער געשיכטע וויל איך נאָר איבערגעבן, וואָס עס איז גע־וואָרן מיט די יידן, וואָס זענען פאַרבליבן אין שעבניא, לויט די אַרכיוון פון „יד ושם" אין ירושלים: ווען מען האָט אונז אַוועקגעפירט פון לאַ־גער, זענען דאָרט פאַרבליבן קאַרגע זעקס הונדערט יידן. דעם אַנדערן טאָג איז געקומען אין לאַגער גזשימעק, צוזאַמען מיט די שוואַרצע

אוקראַינישע פּאָליציי. אַ גרויסן טייל פון די אוקראַינער, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי האָבן מיטגעהאָלפן די דייטשן צו מאָרדן יידן, האָט די געסטאַפּאָ, נאָכן אַריינפּאַקן די יידן אין די וואַגאָנען, די מערסטע מיט זייערע שוואַרצע מונדירן, אויך אַריינגעפּאַקט אין די וואַגאָנען, און זיי פאַרשיקט צוזאַמען מיט די יידן. מען האָט זיי, פאַרשטייט זיך, פריער אַנטוואָפנט.

ווען גזשימעק האָט זיך באַוויזן, האָט ער באַפוילן, אַז אַלע יידן פון באַראַק זאָלן אַרויסגיין. ער האָט עטלעכע יידן אָפּגעקליבן אין אַ זייט; ער האָט גענומען 500 יידן, זיי אַוועקגעפירט אין נאָענטן וואַלד, און אַלע אויסגעשאָסן, באַפוילן זיי צו פאַרברענען. די רעשט 84 יידן האָט ער דעם 2־טן פעברואַר 1944 אָפּגעשיקט אין לאַגער פּלאַשאָוו, לעבן קראָקע. די גרעסטע טייל זענען דאָרט אומגעקומען. אפשר האָבן זיך אייניקע געראַטעוועט ?

דאָס איז געווען דער סוף פון לאַגער אין שעבניאַ.

בים פאַרלאָזן שעבניאַ, האָב איך נישט געפילט דעם זעלבן ווייטיק, ווי ביים פאַרלאָזן מיין געבוירן־שטאָט פשעמישל. אַלע אילוזיעס וועגן צוזאַמענלעבן מיט די אָרטיקע איינוווינער, פּאָליאַקן, אוקראַינער, האָבן זיך ביטער אויסגעלאָזן. שעבניאַ האָבן מיר נישט געהאַט וואָס צו באַדויערן. עס איז געווען אַ מאָרד־לאַגער, כאָטש מיט גוטע רייד פון גזשימעקן — „קינדער מיינע״... מען האָט אָבער דאָרט געוואָלט פאַרבלייבן, ווייל ס'איז נאָך אַלץ געווען די אילוזיע, אַז אפשר וועט מען זיך דאָרט אָפּראַטעווען, און — די מורא פאַר יעדער נייער ענדערונג. איך האָב נאָר באַדויערט, וואָס מיין ברודער איז דאָרט אַליין פאַרבליבן, און אַצינד האָב איך אים מיט איינמאָל פאַרלוירן. געבליבן בין איך נאָר מיט מיין פאָטער, און ווער ווייס — אויף ווי לאַנג ? אין אַזאַ מרה־שחורה האָבן מיר פאַרלאָזן דעם טויט־לאַגער שעבניאַ.

## קאַפּיטל 8

### אוישוויץ-בירקענוי

ווען דער צוג האָט זיך דערווייטערט פון שעבניאַ, האָבן מיר אַלע דערפילט, אַז אונזער לעצטע האָפענונג, לעבן צו בלייבן, איז פאַרלוירן. 120 יידן זענען מיר געווען אין דעם וואַגאָן, איינגעפּרעסט איינער אין אַנדערן. איך און מיין פאָטער זענען מיר געווען פון די ערשטע אַרויפ־צוגיין. אין וואַגאָן זענען מיר געווען צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. אָבער די, וואָס זענען געווען איינגעפּרעסט אין דער מיטן, האָבן דעם אָטעם נישט געקענט כאַפּן. די היץ איז געווען אומדערטרעגלעך. מען האָט זיך נישט געקענט אומדרייען. פיל האָבן זייערע מענטשלעכע באַדערפענישן געמאַכט שטייענדיקערהייט. עס איז געווען שרעקלעך. האָט מען טראָץ דער גרויסער ענגשאַפט, אָפּגעטיילט אַ ווינקל אין וואַגאָן, יעדן איינעם אויפגעהויבן און געטראָגן איבער אַלע קעפּ. מען איז געקראָכן איינער איבערן אַנדערן, מענטשן האָבן געקרעכצט, געשריגן. אַ גיהנום.

אין דער פרי איז דער צוג שטיינגעבליבן. פון דרויסן האָבן מיר געהערט ווי דייטשע סאָלדאַטן לאַכן, גייען פאַרביי דעם צוג. פאַרנדיק, איז נאָך אַריינגעדרונגען אַביסל לופט, אָבער ווען דער צוג איז געבליבן שטיין אויפן אָרט, איז די לופט געוואָרן נאָך געדיכטער, נישט צום אָטע־מען. מיטאָג־צייט האָט זיך דער צוג ווידער אָפּגעשטעלט און די סאָל־דאַטן האָבן געפּראַוועט זייער סעודה אין דרויסן, אין דער צייט, ווען מיר זענען געווען פאַרשפּאַרט. אַ גרופּע וואַכלייט האָט באַגלייט דעם צוג. דאָס זענען געווען באַרבאַרן, סאַדיסטן, מערדער. זיי האָבן ביי יעדער געלעגנהייט געשאָסן אויף אונז, געמאָרדעט יידן.

מיר האָבן גאַרנישט באַקומען צום עסן. מיט אַ טאָג פריער, פאַרן אַרויספאָרן, האָט מען אונז צוגעטיילט אַביסל זופּ. מער נישט. מיין פאָטער,

וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר, איז געווען זייער נערוועז. עס איז געווען שבת און ער האָט אָפילו נישט געקענט פאַררויכערן. עס האָט אים אויסגעפּעלט כאָטש איין שלונג פון אַ פּאַפּיראָס. ער האָט כסדר געקוקט דורך די שפּאַרעס פון וואַגאָן, צו זען, אויב עס איז שוין טונקל אין דרויסן. האָב איך אים געזאָגט: „טאַטע, קענסט שוין רויכערן. איך נעם די עבירה אויף זיך". ער האָט אָבער נישט געוואָלט, און האָט מיר געזאָגט:

— ביסט ביי מיר אַזוי טייער, ווי איך אַליין, און כ'וויל נישט דו זאָלסט טראָגן מיינע זינד...

אַזוי הייליק־פאַרגלייבט איז מיין פאָטער געווען אין גאָטס געבאָט, אין דער מיט פון אַזאַ אומגליק, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף יידישע קעפּ. אַרום אונז האָבן מענטשן געקרעכצט, אָפּגעשוואַכטע, צעטומלטע. דער צוג פירט אונז ערגעץ, ווער ווייסט וווהין? מיטאַמאָל נעמט ער פאָרן לאַנגזאַמער, פּאַוואָליע. עס רייסן זיך אַריין צו אונז די פּרעכע לידער פון די סאָלדאַטן, און מיר הערן שוין דייטלעך — „ווען יודען־בלוט פאָן מעסער שפּריצט"... דאָס באַרבאַריש־מערדערישע האָרסט־וועסעל־ליד... דאָס זינגען ווערט העכער, ווי נאָר דער צוג דערנענטערט זיך צו דער ראַמפּע. מיט איין מאָל איז אין אָנגעשטאָפּן וואַגאָן געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט הערן ווי די הערצער קלאַפּן ביי אַלעמען פון פּחד. מען הערט נישט קיין שום שאָרך.

און ווי נאָר דער צוג בלייבט שטיין, רייסן זיך אין דער זעלבער רגע אויף די שלעסער פון דרויסן, און עס פאַלן ווילדע געשרייען:

— אויסשטייגן!

די סאָלדאַטן האַקן מיט די ביקסן אויף רעכטס און לינקס. רויטע, פאַרגאָסענע צורות, אויפגעריסענע מיילער. קוים אַראָפּגעשפּרונגען פון הויכן וואַגאָן, קומט גלייך דער באַפעל מען זאָל זיך אויסשטעלן צו 5 אין איין רייע און גיין פאָראויס. מען מוז לויפן, ביז אַ פּונקט, ווו עס קומט פאָר די קאָנטראָלע. צענדליקער ס. ס.־באַנדיטן, צוזאַמען מיט הונדערטער סאָלדאַטן רינגלען אונז אַרום. רעכטס זענען שוין געשטאַנען גרייט לײדיקע לאַסט־אויטאָס. מען לאָדט באַלד אַן די צעטומלטע, צעבראָכענע יידן פון אונזער טראַנספּאָרט. פון דער לינקער זייט האָבן מיר געזען אַ גרופּע יידן מיט געשטרייפטע קליידער, ווי פּיזשאַמעס. זיי האָבן אונז געפרעגט, פון וואַנען מיר קומען, און מיר האָבן זיי געפרעגט: ווו געפינען מיר זיך? האָבן זיי אונז געזאָגט: דאָ איז אושוויץ, אין דעם

טרויערדיק־באַרימטן אוישוויץ, פאַר וועלכן מיר האָבן אַזוי מורא געהאַט. און דאָ טרייבט מען אַלץ נענטער צו דער קאָנטראָלע.

עס שטייט פאַר אונז אַן עלטערער דייטש, די האָר גרוי, כמעט ווייס. אַלע האָבן אים גערופן — דאָקטער. מיך טיילט ער צו לינקס, צו דער גרופּע, וואָס איז שוין דאָרט געשטאַנען, און מיין פאָטער — רעכטס, ווו די לאַסט־אויטאָס זענען געשטאַנען. מיין פאָטער איז פאַר־צווייפלט פון דעם, וואָס מען צעטיילט אונז. ער גייט ווידער צו צום אַלטן דאָקטער און זאָגט אים:

— וויסן זי, דאָס איך האָב צוזאַמען מיט דער עסטרייכישער אַרמיי געקעמפט פון 1914 ביז 1918, זיבן מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן, בעט איך אייך, מען זאָל מיך צוטיילן צו דער זעלבער גרופּע וואָס מיין זון...

דרייט זיך אום דער אַלטער פאַרברעכער און גיט אַ קאָפּ מיין פאָ־טער און שרייט צו אים:

— גיי, דו פאַרפלוכטער יודע ארויף צום וואָגן...

און די סאָלדאַטן האָבן אים גלייך אַוועקגעשלעפּט צום וואָגן. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, ווען איך האָב געזען מיין פאָטער. דאָס האַרץ האָט מיר ווי געטאָן. איך האָב פאַראויסגעפילט, אַז עס וועט זיך פאַר מיין פאָטער נישט גוט ענדיקן. איך האָב אים אָבער מיט גאָרנישט געקענט העלפן. ער האָט שוין מער נישט באַוויזן אויסצורויכערן דאָס לעצטע סיגאַרעטל. איך האָב זיך אָבער נאָך נישט פאַרגעשטעלט, אַז איך האָב מיט איינמאָל פאַרלוירן מיין פאָטער אויף שטענדיק. איך בין געבליבן, פון מיין גאַנצער משפּחה איינער. אַליין.

דעם אַנדערן טאָג זענען מיר געשטאַנען אין לאַגער און אַלע אויוונס האָבן געברענט, גערויכערט; איז דורכגעגאַנגען אַ העפטלינג אין אַ געשטרייפטער פּיזשאַמע און זאָגט אונז:

— איר זעט דעם רויך פון די קוימענס? דאָס איז אייער טראַנס־פּאָרט...

איך האָב נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלויבן — ווי אַזוי נעמט מען לעבעדיקע מענטשן, געזונטע, און מען פאַרברענט זיי? אָבער ווען אַ צווייטער און אַ דריטער האָט אונז דאָס זעלבע פאַרזיכערט, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרצווייפלונג, אַז מיר געפינען זיך דאָ אין אַ גיהונם.

פון די ערשטע פיר וואַגאָנען האָבן די נאַציס אויסגעקליבן, סע־לעקציאָנירט, אַ פּאָר הונדערטע יידן, וועלכע זענען געבליבן אין לאַ־גער. אין די אַנדערע וואַגאָנען האָט מען אַפילו נישט דורכגעפירט קיין

סעלעקציע, נאָר אַלע איבערגעפירט צו די לאַסט־אויטאָס, און דערנאָך דירעקט צו די גאַז־קאַמערן. פון אונזער טראַנספּאָרט פון 2.600 יידן זענען איבער 80 פּראָצענט גלייך געפירט געוואָרן צום אומקום. פון דער קליינער גרופּע זענען קוים איינציקע לעבן־געבליבן.

מיר זענען געשטאַנען אין דער ריי און צוגעקוקט זיך ווי מען טרייבט די יידן אַרויפצוקלעטערן אויף די לאַסט־אויטאָס, צווישן זיי פיל פון מיינע פּשעמישלער באַקאַנטע, חברים, געזונטע, אַרבעטס־פעאיקע מענטשן. מען האָט נאָך צוערשט נישט געוווּסט וווהין מען פירט זיי. אָבער ס'איז זיכער געווען נישט ווייט, ווייל באַלד זענען די אויטאָס ווידער צוריקגעקומען, ווידער אויפגעלאָדן געוואָרן מיט יידן. שטייענ־דיק אַזוי, הער איך פון דער זייט, ווי צוויי דייטשע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אונז געהיטן, רעדן אַזוי צווישן זיך. זאָגט איינער צום אַנדערן: „היינט האָב איך שוין דרייסיק יידן אומגעבראַכט. דאָס איז נאָך נישט אַלץ — זאָגט דער צווייטער — מאָרגן איז אויך אַ טאָג״... איך הער עס אַלץ צו און ביי מיר ציטערט דאָס האַרץ. איך האָב מורא געהאַט אויפ־צוהייבן דעם קאָפּ און אָנקוקן זיי, זיי זאָלן מיך נישט דערשטעכן אויפן אָרט. זיי טראָגן די באַיאָנעטן אויף די שפּיץ ביקסן און וואַרפן זיך אויף יידן און דערשטעכן זיי.

אַ פּאָר הונדערט יידן, וועלכע האָבן געזאָלט בלייבן אין לאַגער, האָבן זיי געגעבן אַ באַפעל מען זאָל אויסטאָן די זאָקן, כדי נישט צו מאַכן שמוציק דעם באָדן. יעדע ריי צו פינף איז געגאַנגען פאָראויס. נישט גיין, מען האָט געמוזט לויפן. די, וואָס זענען געווען אין אַ זייט, אָפּגע־שטאַנען, האָבן זיי געשטאָכן מיט די באַגנעטן, כסדר געשריגן „אויפגיין״. מען האָט אָבער נישט געקענט גיין, ווייל מען איז געווען באָרוועס. די שטיינדלעך אויפן וועג האָבן זיך איינגעשניטן אין די פיס.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען צום גרויסן טויער פון לאַגער. דאָ איז געווען אַרומגעשטעלט מיט פיל דייטשע סאָלדאַטן. פון די הויכע אָבסערוואַציע־טורעמס האָבן די רעפלעקטאָרן פאַרבלענדט די אויגן. דער טויער האָט זיך שווער אויפגעמאַכט און מען פירט אונז אַריין אין דעם טרויעריק־באַקאַנטן קאָנצענטראַציע־לאַגער, אין אוישוויץ. עס האָט אונז איבערגענומען אַ קאָמאַנדאָ פון יידישע קאָפּאָס, אָנגעטון אין געשטרייפטע פּיזשאַמעס, ריינע, אויסגעפּרעסטע, אויפן קאָפּ — אַ בערעט פון זעלבן קאָליר. זיי האָבן אונז אַריינגעפירט אין אַ באַראַק, פול געפּאַקט, אַ מאַן

עטלעכע הונדערט. דאָרט זענען מיר געבליבן נעכט־קן, אַוועקגעפאַלן ווו יעדער האָט געפונען אַ שטיקל אָרט.

צומאָרגנס אין דער פרי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ריכטיקע גיהנום. די יידישע און נישט־יידישע קאַפּאָס, זענען געווען אויסגעשולטע מער־דער. איינער האָט זיך גענומען אונז לערנען לאַגער־דיסציפּלין. קיינמאָל אין לעבן האָב איך נאָך נישט געהערט אַזאַ אויסגעלאַסענע שפּראַך. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ בייטש, אפשר פון 5 מעטער די לענג, און פון ווייטן געשלאָגן אַלעמען איבער די קעפּ. די ערשטע „לעקציע״ איז געווען — צו שטיין צו צען אין אַ רייע, איינער הינטערן אַנדערן, מען זאָל זיך נישט קיין ריר טאָן.

אַזוי איז עס צוגעגאַנגען דעם גאַנצן פאַרמיטאָג, נישט באַקומענ־דיק גאָרנישט אַ חוץ אַ ביסל וואַסערדיקע קאַפע, אָפּגעפאַרבט אויף שוואַרץ. מיר זענען דערנאָך אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ באַראַק, צו־זאַמען מיט אַ גרופּע פון 50 יידן, און האָבן דאָרט דערזען אויסגעמאָ־גערטע מענטשן, די בערעטן, וואָס זיי האָבן געטראָגן, זענען געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי זייערע קעפּ. דאָס זענען געווען יידן, געקומענע פון פראַנקרייך. זיי זענען אַהער געברענגט געוואָרן פון אַן אַנדערן לאַגער — האָבן זיי דערציילט — נאָר אַזוי ווי זיי זענען זייער אָפּגעשוואַכט, האָט מען זיי צוריקגעשיקט קיין אוישוויץ, אַלס מוזולמאַנער. דאָ האָבן מיר צום ערשטן מאָל געהערט דעם אויסדרוק „מוזולמאַנער״; אַ ייד זאָל גאָר זיין אַ מוסולמאַן... אָבער מיט דער צייט זענען מיר אַלע דערגאַנגען צו דער מדרגה — מיר האָבן פאַרמאָגט אויף זיך בלויז הויט און ביין, קוים געהאַלטן זיך אויף די פיס. די אויסגעמאָגערטע יידן האָבן נאָך נישט געוווסט אַפילו, אַז מען שיקט זיי דירעקט אין גאַז־קאַמער.

מיטאָג־צייט האָט מען אַריינגעבראַכט אַ קעסל זופּ. די פראַנצויזישע יידן זענען געווען אַזוי אויסגעהונגערט, אַז זיי האָבן זיך געשטופּט עט־לעכע מאָל, צו באַקומען אַביסל וואַסערדיקע זופּ. די קאַפּאָס, וואָס האָבן געטיילט פון קעסל, האָבן זיי דערפאַר געשלאָגן מיט שטעקנס, דאָך זענען זיי נישט אָפּגעטראָטן. מיר, די פריש־געקומענע, זענען נאָך פונ־דעסטוועגן נישט דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, און מיר האָבן גלייך פאַר־שטאַנען, אַז מיר וועלן אויך מסתמא דערגיין דערצו, אַז מיר וועלן זיך שלאָגן איבער אַ ביסל וואַסערדיקע זופּ. איך האָב עס דערנאָך נישט איין מאָל געזען, אַז ווען מען האָט געטראָגן די קעסלען זופּ און אַביסל

האָט זיך פאַרגאָסן אויף דער ערד, האָבן זיך די העפטלינגע געוואָרפן, דערויף, געשלונגען עס צוזאַמען מיטן זאַמד.

נאָכן עסן איז באַפוילן געוואָרן צו שטעלן זיך אין דער ריי. אויך די פראַנצויזישע יידן האָבן זיך צוזאַמען מיט אונז געשטעלט. זענען די קאַפּאָס אונטערגעקומען און זיי אַלע אָפּגעקלאַפּט. אונז האָט מען געפירט אין אַן אַנדערן באַראַק, ווו עס איז געווען די ביורא. דאָרט האָט מען אויפגעשריבן אונזערע נעמען. מער האָט מען מיך ביי מיין נאָמען נישט גערופן, ביז דער באַפרייאונג אין 1945. אַצינד בין איך געווען — אַ נומער: נומער 161,778. עס זענען געזעסן אויסגעשולטע שרייבער, וואָס האָבן מיט אַ ספּעציעלן טינט אַריינגעשטאָכן אין דער לינקער האַנט דעם באַשטימטן נומער פון יעדן העפטלינג. עס האָט זייער וויי געטון אין משך פון אַ פּאָר טעג. דעם נומער טראָג איך ביזן היינטיקן טאָג איינגעקריצט אויף מיין לינקער האַנט.

נאָכן נומערירן, האָט מען אונז אַריינגעפירט אין דער באַקלייַדונגס־קאַמער. יעדער האָט באַקומען אַ העמד, אונטער־הויזן, אַ געשטרייפּטע וועסט און הויזן. אַלץ, וואָס איך האָב באַקומען, איז געווען אויף מיר צו קורץ. אויף די פיס האָבן זיי געגעבן הילצערנע טרעפּעס, אַז עס איז שווער געווען אין אַנהייב צו שטעלן אַ טריט.

אָנגעטון אין די לאַגער־קליידער, האָט מען אונז געפירט צופוס קיין בירקענוי. דאָרט איז געווען דער ריכטיקער פאַרניכטונג־לאַגער, מיט די גאַז־קאַמערן, קרעמאַטאָריעס. אוישוויץ איז אויך געווען אַן אַרבעטס־דורכגאַנגס־לאַגער, אָבער בירקענוי — דורכאויס אַ פאַרניכטונגס־לאַגער. איינצלנע האָבן זיך געקענט ראַטעווען, אָבער די מערסטע זענען אומגעקומען.

צווישן אוישוויץ און בירקענוי האָבן זיך געצויגן עלעקטריזירטע דאָפּל־דראָט־פאַרצוימונגען. אַן ס.־ס.־וואַך האָט אונז געפירט אַהין. דאָרט זענען געווען העפטלינגען אַזויפיל, ווי מוראַשקעס, ווי פליגן, איינער אויפן צווייטן. מען האָט אונז איבערגעגעבן דעם לאַגער־עלטסטן און ער האָט אונז איבערגעגעבן דעם בלאָק־עלטסטן, פון באַראַק נומער 10, אַ געוויסן נאַטאַן, אַ יונגער בחור פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, אַ שיינער יונג, מיט אויסגעפּרעסטע הויזן, געשטרייפטע, אָבער ניי, אין אַ ניי העמד, אין אַ שוואַרצן בערעט, כדי מען זאָל זען דעם חילוק צווישן אַ קאַפּאָ און א געוויינלעכן העפטלינג. דאָס איז געווען אַ פאַרברעכער,

אָן אויסוואורף, וואָס די וועלט האָט נישט געזען. געשטאַמט האָט ער פון לאָדזש. צו אַזאַ טיפּ זענען מיר אַריינגעפאַלן.

פון פאַרנט אין באַראַק, איז געווען אָפּגעטיילט אַ קליין צימערל, רעכטס. דאָרט איז געווען דאָס אָרט פון דעם בלאָק־עלטסטן נאַטאַן. דער באַראַק איז געווען זייער לאַנג. אין דער מיט אַן אויוון. די פּריטשן זענען באַשטאַנען פון דריי פּאַכן. אויף יעדער פּאַך זענען געשלאָפן דריי־פיר העפטלינגען. דער באַראַק האָט אַזוי אַרום אַריינגענומען עט־לעכע הונדערט מענטשן. אָבער אַזוי ווי עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר יעדן, האָט מען אַריינגעשטופּט צווישן די ענגע געלעגערס נאָך איינעם.

דער קאַפּאָ איז דורכגעגאַנגען די רייען בעטן מיטן שטעקן אין האַנט און געציילט, איין מאָל און נאָך אַמאָל. ווען אַלץ האָט געשטימט, האָט ער גלייך באַפוילן אַז אַלע מוזן לויפן אין באַדע־רוים, פיר באַראַקן ווייטער. אין פינף מינוט אַרום האָבן אַלע געמוזט צוריקקומען. אַלע זע־נען אַראָפּגעשפּרונגען פון די בעטן, געלאָפן זיך שנעל אָפּוואַשן, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן, חלילה. אַלע האָבן געטראָגן די הילצערנע טרע־פּעס, און איידער מען איז צוריק אַריין אין באַראַק, האָט מען זיי געמוזט גוט אָפּווישן, נישט אַריינצוברענגען קיין בלאָטע. אין דרויסן האָט גע־גאָסן אַ רעגן און מען האָט געטאָפּטשעט אין די בלאָטעס.

צוריקגעקומען, האָט דער קאַפּאָ אויסגעוויילט עטלעכע מענטשן, מען זאָל וואַשן די פּאָדלאָגע. אין אָוונט איז געווען אַן אַפּעל. ער האָט געגעבן אַ פייף און אַלע האָבן געמוזט אַרויסגיין פון באַראַק, גלייכשטעלן זיך אין רייען און וואַרטן, ביז דער ס. ס.־מאַן איז אַדורך און איבערגע־ציילט די רייען. ערשט ווען נאַטאַן האָט געגעבן אַ פייף, זענען אַלע צוריקגעגאַנגען אין באַראַק. קיינער האָט שוין מער נישט געטאָרט אַרויס־גיין אין דרויסן.

גאַנץ פרי, אויפן פייף, זענען אַלע אַראָפּגעשפּרונגען פון די פּריטשן, געלאָפן זיך אָפּוואַשן, ווייל באַלד איז געווען דער אַפּעל. מען האָט גע־וואַרט אַ האַלבע שעה, אַ שעה, ביז דער ס. ס.־מאַן האָט איבערגעציילט די רייען. ערשט דערנאָך איז געברענגט געוואָרן די קאַפע. מען האָט געוואַשן דעם באַראַק. אַלע האָבן געמוזט בלייבן אויף די פּריטשן.

אַ שעה שפּעטער זענען מיר ווידער געשטאַנען אין דרויסן, אין שטרענגע רייען. עס זענען געקומען די ס. ס. באַגלייט פון גרויסע, אויס־געשולטע וועלף־הינט. זיי האָבן פאַראָרדנט צו גיין פאַראויס. מיר זענען

געגאַנגען עטלעכע קילאָמעטער. די פיס האָבן ווי געטאָן פון די האָלץ־טרעפּעס, אָן זאָקן. דאָס האָלץ האָט אָפּגעריבן די פיס, איינגעפרעסן זיך אין פליש אַריין. הינטער אונז און אַרום אונז האָבן די דייטשן מיט די הינט אונז אונטערגעיאָגט צו גיין שנעלער.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו אַ באַרג מיט שטיינער. עס איז פאַראָרדנט געוואָרן יעדער זאָל נעמען אַ שטיין אויף די אַקסלען. מיר האָבן די שטיינער געטראָגן עטלעכע קילאָמעטער, דעם שטיין אָפּגעלאָדן און ווידער צוריקגעקומען צום זעלבן אָרט. אַזוי האָבן זיי אונז אַרומגעפירט ביז מיטאָג. אָנגעקומען אין באַראַק, האָבן מיר קוים געשלעפּט די פיס. די פיס האָבן געבלוטיקט. מען האָט זיי געמוזט באַנדאַזשירן. נאָכן איינשלינגען די וואַסערדיקע זופּ, זענען מיר פאַרבליבן אין באַראַק צוויי שעה. ווידער האָבן זיי אונז געפירט צום באַרג שטיינער, וווּ מיר האָבן זיי אָפּגעלאָדן. אַצינד האָט מען די זעלבע שטיינער צוריקגעטראָגן צום אָרט, פון וואַנען מיר האָבן זיי געבראַכט.

מיד און צעבראָכן, זענען מיר אין אָוונט צוריקגעקומען אין באַראַק, און גלייך איז דער קאַפּאָ נאָכאַן געקומען, מען זאָל וואַשן דעם באַראַק אינעווייניק, און אויך האָט מען געמוזט אָפּרייניקן דעם הויף־אָנגעפּאַלענעם שניי. דער שניי האָט זיך צעטאָפּיעט און עס איז געווען אַ בלאָטע. דערנאָך ערשט האָט מען געקענט זיך אָביסל אָפּרוען אויף דער פּריטשע. מען איז באַלד אָוועקגעפאַלן און איינגעשלאָפן. מיטאַמאָל הערן מיר אַ פייף און אַלע מוזן ווידער אַרויס פאַרן באַראַק, צום אַפּעל.

מיר שטייען אין דער ריי צו צען, מען ציילט, מען ציילט און עס פעלט אַלץ איינער. דער בלאָק־עלטסטער נאָכאַן באַפעלט מען זאָל גיין זוכן דעם פעלנדיקן. מען איז אַריין אין באַראַק, לאַנג געזוכט און טאַקע געפונען אַ יונג יינגל. ער איז פון מידקייט אַזוי שטאַרק איינגעשלאָפן, אַז ער האָט נישט דערהערט דעם פייף. מען איז דעריבער נאָך לאַנג געשטאַנען אין דרויסן, ביז דער ס. ס־מאַן איז געקומען קאָנטראָלירן אויב אַלץ שטימט. דער דאָזיקער אינצידענט האָט זיך אָבער טראַגיש פאַרענדיקט.

נאָכן אַפּעל, האָט נאָכאַן נישט געגעבן קיין פייף מען זאָל זיך צעגיין, נאָר האָט אַרויסגערופן דאָס יינגל פון דער רייע. נאָך כמעט אַ קינד. ער איז געבראַנגט געוואָרן קיין אוישוויץ צוזאַמען מיטן פאָטער. דער בלאָק־עלטסטער האָט אים אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט שטעקן. ס'איז נאָך געווען צו ווייניק פאַר דעם סאַדיסט, האָט ער באַפוילן דאָס יינגל

זאָל זיך אַוועקלייגן אויף דער ערד, מיטן קאָפּ אין דער רינע, אַ בעטאָך־רינע, ווו עס פליסט אָפּ דאָס וואַסער. דער באַנדיט האָט אַוועקגעשטעלט זיין שווערן שוך אויפן ייִנגלס האַלדז און האָט אַזוי שטאַרק געדריקט מיטן פוס, אַז דאָס ייִנגל איז אויפן אָרט דערשטיקט געוואָרן.

מיר זענען אַלע געשטאַנען אין דער רייע, אויך דער פאָטער פונעם ייִנגל, און מיר האָבן גאָרנישט געקענט זאָגן. דאָס טויטע ייִנגל האָט מען צוריק געמוזט אַריינטראָגן אין באַראַק, ווייל צום פּרימאָרגנדיקן אַפּעל האָט אַלץ געמוזט שטימען, אַ לעבעדיקער אָדער אַ טויטער — עס האָט געמוזט זיין די צאָל. דאָס איז געווען אויפן אַנדערן טאָג נאָך אונזער אָנקומען קיין בירקענוי. מיר האָבן פאַרשטאַנען ווו מיר געפינען זיך.

צומאָרגנס האָט דער ס. ס.־מאַן איבערגעציילט, צי אַלץ שטימט, צי קיינער איז נישט אַנטלאָפן. ווען ער האָט געציילט דאָס אָרעמע ייִנגל, דערמאָרדעט נעכטן דורך קאַפּאָ נאַטאַן, האָט ער אַפילו נישט געפרעגט ווי אַזוי דאָס איז געשען. אַ נאָרמאַלע דערשיינונג!

מיר האָבן ווידער שווער געהאָרעוועט ביים שלעפן די שטיינער הין און צוריק. דער שניי האָט נישט אויפגעהערט צו פאַלן, און דאָס האָט נאָך פיינלעכער געמאַכט דעם גאַנג מיט די הילצערנע טרעפּעס. מען האָט געמוזט גיין שנעל, די דייטשן מיט די הינט האָבן אונטערגעיאָגט: „שנעלער! אַופגיין". פיל האָבן אויסגעטאָן די טרעפּעס און געגאַנגען באָרוועס. שפּעטער, אין באַראַק, האָט מען געזוכט שטריקלעך צוצובינדן די טרעפּעס צו די פיס. מען האָט אויך אונטערגעלייגט אַ שטיקל שמאַטע, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. אַלע האָבן געהאַט פאַרוווּנדעטע פיס. מען האָט שוין אַצינד מורא געהאַט צו זיין אין באַראַק, צוזאַמען מיטן באַנדיט, דעם באַראַק־עלטסטן, נאַטאַן.

געווען ביי אונז אין באַראַק אַ פאָטער מיט זיין זון. איך האָב זיי גוט געקענט פון פּשעמישל. זיי האָבן זיך גערופן נוסבוים. דער זון איז געווען מיינס אַ חבר. דער פאָטער האָט געהאַט אַ מעל־געשעפט נישט ווייט פון אונז, אויף אונזער גאַס, נומער 16. מיר האָבן געוווינט נומער 24. דער נוסבוים איז געווען אַ הויכער, זייער אַ מאָגערער מאַן. האָט זיך פאַרשפּרייט אַ פּליאָטקע איז באַראַק, אַז דער פאָטער נוסבוים האָט אויסגעגעבן יידן. איך האָב עס ביז דעמאָלט קיינמאָל נישט געהערט. איך האָב עס אויך נישט געגלויבט. ער איז געווען אַן אָרנטלעכער מענטש. אַלע העפטלינגע האָבן אים אָנגעהויבן אויסצומיידן. מען האָט אַזוי לאַנג גערעדט ביז ס'איז אָנגעקומען צום קאַפּאָס אויערן. דער ייד האָט זיך

באַקלאָגט פאַר מיר: „וואָס וויל מען פון מיר?". זיי זענען אפשר איי־פערזיכטיק געווען, וואָס אַן עלטערער מענטש האָט זיך געקענט דורכ־שמוגלען, ווען ער איז אָנגעקומען קיין אוישוויץ. ער האָט מיר דער־ציילט, אַז ווען דער דייטשער דאָקטער האָט אים געהייסן גיין אויף דער רעכטער זייט צו די לאַסט־אויטאָס, האָט ער זיך פּשוט אַריינגעדרייט אויף לינקס, דאָרט, וווּ עס איז געווען זיין זון. אַזאַ ענלעכער פאַל איז דאָך אויך געווען ביי מיר מיט מיין פאָטער. ליידער, איז מיין פאָטער געגאַנגען רעכטס צו די קאַמיאָנען, און ער האָט נאָך געכאַפּט דערפאַר קלעפּ.

זאָגט ער מיר: „איז דען אַזאַ פאַרברעכן, וואָס איך בין נישט געגאַנגען אין גאַז־קאַמער?". אין דעם מאָמענט האָט מיר זייער ווי געטון, וואָס מיין פאָטער האָט נישט באַוויזן אַרויסצודרייען זיך. ער וואָלט נאָך אפשר געווען מיט מיר אין באַראַק. איך האָב דעם ייד אַביסל באַרואיקט.

אָבער ווי נאָר נאַטאַן האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָט ער זיך געזוכט כסדר צו טשעפּען צום ייד נוסבוים. ביז ער האָט אים אַרויס־געפירט אין דרויסן און מיט זיין שטעקן אַזוי לאַנג אים געשלאָגן, ביז ער איז געפאַלן טויט. זיין זון האָט זיך געמוזט צוקוקן און מיט גאָרנישט געקענט רעאַגירן. דעם אַנדערן טאָג, ביים אַפּעל, איז ווידער געווען אַ טויטער, אָבער די צאָל האָט געניי געשטימט...

דער געדיכטער שניי, וואָס איז געפאַלן, האָט פאַרדעקט אַלע דעכער, פאַרשטאָפּט די קוימענס פון די אויוונס. דער רויך איז געבליבן הענגען אין די באַראַקן. זענען די קאַפּאָס אַרומגעגאַנגען פון איין בלאָק אין אַנדערן זוכן בלעכערס, אָדער קוימען־קערערס. איך האָב זיך גלייך גע־מאָלדן צו דער אַרבעט. איך האָב זיך ביי יעדער געלעגנהייט געמאָלדן צו יעדער אַרבעט. איין מאָל האָט מען געזוכט געהילפן אין דער קיך, האָב איך געזאָגט, אַז איך בין אַ קוכער. אַנשטאָט צו שלעפּן שטיינער, אָן שום נוצן, אין בירקענוי, בין איך ליבערשט געזעסן אין באַראַק און געשיילט קאַרטאָפל. אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי געזוכט אַ שניידער, האָב איך זיך אויך געמאָלדן. איך בין געזעסן, אָנגעניית לאַטעס אויף אַלטע העמדער און הויזן. אָבער דאָס מאָל האָבן זיי געזוכט בלעכער, האָב איך מיך גלייך געמאָלדן.

זיי האָבן מיך געפירט צו אַ ווערקשטאַט, גענומען בלעכן, ווערק־צייג און צוזאַמען מיט נאָך איינעם, אַ בלעכער, זענען מיר גע־

גאַנגען רייניקן די קוימענס. איך האָב זיך געקענט פרייער באַוועגן, געקענט אַלץ אָבסערווירן. עס זענען געווען לינקס צוויי באַראַקן, ענלעכע צו אונזערע, דערנאָך — אַ ציגיינער־לאַגער, אַרומגעצוימט מיט שטעכיק דראָט. פון דאָרט איז קיינער נישט אַרויס, צו קיין שום אַרבעט. עס זענען דאָרט געווען פיל קינדער. מיט עטלעכע טעג שפּעטער זענען זיי אַלע אומגעקומען. נאָך דעם ציגיינער־לאַגער איז געווען דער קראַנקן־לאַגער, דער לאַזאַרעט. פון דאָרט האָט מען די מענטשן גלייך געשיקט אין דער קרעמאַטאָריע.

נאָכן לאַזאַרעט זענען שוין געווען די גאַז־קאַמערן און די קרעמאַטאָריע, מיטן הויכן קוימען, וואָס האָט תמיד גערויכערט. אַהין האָט מען נישט געקענט צוקומען, הינטער דער גנעץ פון שטעכל־דראָט און וואַכן. פון צייט צו צייט האָבן מיר געזען פאַרבייפאָרן וועגענער, געפירט פון פערד. אויף די וועגן זענען געווען פאַרמוטשעטע מענטשן, נאָך לעבעדיקע, אָנגעוואָרפן איינער אויפן צווייטן. הענט און פיס זענען אַראָפּגעהאָנגען פון וואָגן. פון וואַנען מען האָט זיי געבראַכט, ווייס איך נישט. פאַר זיי האָט מען גלייך אויפגעמאַכט דעם טויער פון דער קרעמאַטאָריע.

מיר, די בלעכער־קאָמאַנדאָ, האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט, נישט אַזוי פיל געאַרבעט, ווייל קיינער האָט אונז נישט געקענט קאָנטראָלירן. מיר זענען אַרויף אויף אַ דאַך, אויסגערייניקט אַ קוימען, אַ רעגן־רינע. די דעכער זענען געווען באַדעקט מיט אַ שיכט שניי, מען האָט געמוזט אכטונג געבן, נישט אַראָפּצוגליטשן זיך. די רעשט צייט האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אין די באַראַקן און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז מיר אַרבעטן. די אַרבעט איז נישט געווען אַזוי שרעקלעך, ווי ס'איז געווען — דאָס אומקערן זיך אין די באַראַקן און ווידער דערזען דעם מיאוסן פּרצוף פון באַראַק־עלטסטן, נאַטאַן.

אין אַן אָוונט איז ער אַריינגעקומען אין באַראַק, שוין נאָכן אַפּעל, ווייל ער האָט געהערט, אַז מען רעדט אַביסל צו הויך. ער איז ווילד געוואָרן, ער האָט דערזען קודם דעם, וואָס שרייבט אים יעדן טאָג דעם פּראָטאָקאָל. האָט ער אים אַראָפּגעלאָזן עטלעכטע שטעקנס איבערן קאָפּ און אים באַפוילן ער זאָל אַריינקריכן אין אויוון און אַרויס פון יענער זייט. דער העפטלינג האָט געוווסט, אַז ער וועט שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויס פון אויוון, האָט ער נישט געוואָלט אַריינקריכן. האָט אים נאַטאַן נישט געקענט אויפן אָרט דערהרגענען, ווייל דאָס האָט דער ייד יעדן טאָג איבערגעגעבן דעם דייטש דעם פּראָטאָקאָל. האָט ער אים

באַפּוילן צו לויפן אין וואַש־רוים און אין 5 מינוט אַרום צוריקקומען. דער באַנדיט האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַרואיקן. איז ער געגאַנגען פון איין פּריטש צום צווייטן, באַפוילן, אַז איינער זאָל אַראָפּגיין פון דער פּריטשע. איך בין גראָד אַראָפּ און האָב באַקומען געשלאָגן מיטן שטעקן. ווען ער איז מיד געוואָרן פון שלאָגן, איז ער צוריק אַריין אין זיין אָפּגעטיילטן צימערל.

אויך דעם אַנדערן טאָג איז געפאַלן אַ שניי און איך מיט מיין חבר, דעם בלעכער, זענען מיר אַרומגעגאַנגען מיטן געצייג, רייניקן די קוימענס. די אַנדערע העפּטלינגע האָבן געמוזט שטיין אין דרויסן, אונטער אַ וואַך, און רייניקן דעם שניי. זיי זענען געגאַנגען אין די הילצערנע טרעפּעס אויף די בלוטנדיקע פיס. די וווּנדן האָבן זיך גאָרנישט געקענט אויסהיילן צוליב די קעלטן, צוליב דער אונטערדערנערונג.

עטלעכע טעג שפּעטער איז געקומען אַ באַפעל, קיינער זאָל נישט פאַרלאָזן דעם באַראַק. עס דאַרף קומען אַ קאָמיסיע, אויסצווויילן העפּטלינגען צו דער אַרבעט. אין דעם טאָג זענען מיר, די בלעכער, אויך פאַרבליבן אין באַראַק. יעדער פון אונז האָט געהאָפט, אַז מען וועט אים אַוועקנעמען ערגעץ צו אַן אַרבעט, קיין חילוק נישט, וואָס פאַראַ אַרבעט, אַבי צו פאַרלאָזן דעם פאַרשאָלטענעם באַראַק אין בירקענוי און דעם פאַרברעכער, דעם באַראַק־עלטסטן, נאַטאַן. מען האָט אָבער נישט געוווּסט וואָס פאַראַ סאָרט אַרבעטער זיי זוכן.

אומגעדולדיק האָבן מיר געוואַרט ביז 12 אַזייגער. אָט ברענגט מען שוין די וואַסערדיקע זופּ, און די קאָמיסיע איז נאָך אַלץ נישטאָ. מען הייבט אָן צו ווערן פאַרצווייפלט. מען זעט גאָרנישט קיין אויסוועג, ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען זיך פון דאַנען. ערשט אַרום 3 אַזייגער קומט די קאָמיסיע. אַ הויכער מאַן, אַן אינזשיניער, מיט אים נאָך צוויי לאַגער־עלטסטע, און איין דייטש פון לאַגער. נאַטאַן שפּרינגט אויף און שרייט אויס: „אַכטונג!". אַלע שטייען מיט פאַרקלעמטע הערצער, אָבער מיט אַ ביסל האָפענונג, צו וויסן וואָס פאַראַ באַלמעלאָכעס זיי זוכן. זיי בלייבן שטיין אין דער מיט באַראַק און רופן אויס, אַז אַלע ווערקצייג־מאַכער און מאַשין־בויערער זאָלן זיך מעלדן. איך מעלד זיך גלייך. לעבן מיר זענען געשטאַנען יעקב טאָובע און שנייבוים, ביידע פון פּשעמישל. זיי מעלדן זיך אויך. עס האָבן זיך געמאָלדן אַרום 20 יידן. דער אינזשיניער רופט מיך צו און פרעגט מיך: וואָס איך בין פון באַרוף? זאָג איך אים: אַ מאַשין־טאָקער. נעמט ער אַרויס פון אַקטן־טאַש אַ מיקראָ־מעטער און

פרעגט מיך: וואָס דאָס איז? ענטפער איך אים גלייך. איך האָב עס געזען גענוי, ווייל ביי מיין פאָטער איז אויך געווען אַ דריי־באַנק און מען האָט זיך באַנוצט מיט אַ מיקראָ־מעטער. דערנאָך נעמט ער אַרויס אַ רונדן מיקראָ־מעטער און פרעגט מיך, צו וואָס מען נוצט עס? אויך אויף דעם האָב איך אים געענטפערט. בין איך גלייך אַקצעפּטירט געוואָרן צו אַרבעטן אין דער פאַבריק.

די צוויי פשעמישלער, טאָובע און שנייבוים, האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען ווערקצייג־מאַכער, און אויך זיי זענען אָנגענומען געוואָרן. מיט קליינע אויסנאַמען, זענען אַלע 20 וועלכע האָבן זיך געמאָלדן, אויפגעשריבן געוואָרן צו גיין אַרבעטן אין אַ פאַבריק. מיר זענען געווען ממש גליקלעך, צו פאַרלאָזן דעם לאַגער. פיל האָבן באַדויערט, וואָס אויך זיי האָבן זיך נישט געמאָלדן, ווייל דאָס איז באמת געווען אַ שאַנס אַרויסצובאַקומען זיך פון דעם גיהנום.

דעם אַנדערן טאָג זענען מיר מער נישט געגאַנגען טראָגן שטיינער, איך בין נישט געגאַנגען רייניקן די קוימענס. דער לאַגער־עלטסטער האָט אויפגעשריבן אונזערע נומערן, ערב דעם פאַרלאָזן דעם לאַגער. מיר האָבן נאָך אָבער געמוזט וואַשן דעם באַראַק, מיטהעלפן אין דער קיך. אַפילו דער באַנדיט נאַטאַן האָט געקוקט אויף אונז אַנדערש, ווייל מיר האָבן געמוזט בלייבן אין באַראַק און וואַרטן ביז מען וועט אונז רופן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אונז גערופן, צו שטעלן זיך צו אַ מעדיצינישער קאָמיסיע. עס איז געקומען אַ דאָקטאָר פון אוישוויץ, אַ יונגער, הויכער, שיינער מאַן. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דר. מענגעלע. איך קען עס אָבער נישט פאַרזיכערן. ער האָט אונז געהייסן אויסשטעלן זיך אין אַ ריי. ער האָט אונז אַלעמען באַטראַכט, אויף די פיס האָט ער געזען די ווונדן פון די הילצערנע טרעפּעס. ער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט געוווסט פון וואַנען עס נעמען זיך די ווונדן. ער האָט אונז געהייסן לויפן איבערן באַראַק. ער האָט דערמיט פעסטגעשטעלט, אַז מיר זענען געזונט, צו דער אַרבעט.

מיר זענען שוין געווען כמעט זיכער, אַז מיר פאַרלאָזן בירקענוי אין קורצן. אַצינד האָט מיך געמאַטערט דאָס שולד־געפיל — איך בין געקומען קיין אוישוויץ צוזאַמען מיט מיין פאָטער און אַצינד פאַרלאָז איך אוישוויץ — אַליין. אַזוי האָב איך פאַרלוירן מיין גאַנצע משפחה אין פשעמישל, אין שעבניאַ — מיין ברודער און דאָ — מיין פאָטער. איך

בין געבליבן איינער אַליין פון מיין גאַנצער משפחה. איך מוז זיין שטאַרק, אויסצוהאַלטן די אַלע צרות. אפשר וועל איך בלייבן לעבן, צו באַנייען און פאַרזעצן דאָס לעבן פון מיינע נאָענטע און טייערסטע. מיר האָבן זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס, אַז דאָרט, וווּ מען שיקט אונז, וועט אונז זיין גוט, אָבער מיר זענען געווען גליקלעך צו פאַרלאָזן דעם גיהנום בירקענוי, וווּ עס רויכערט טאָג און נאַכט די קרעמאַטאָריע.

זיבן עטלעכע טעג זענען מיר גרייט געווען אין וועג אַריין. עס איז אויך געקומען אַ גרופּע פון אַנדערע באַראַקן, און מען האָט אונז צוריק־געפירט קיין אוישוויץ. דאָרט זענען מיר אדורך די ענטלויזונג — אַזוי האָט עס דאָרט געהייסן. מען האָט אונז אָוועקגענומען די זאַכן־שמאַ־טעס פון בירקענוי. דער עיקר — מיר זענען פּטור געוואָרן די האַלץ־טרעפּעס. אונטערן הייסן דוש האָבן מיר זיך גוט אָפּגעוואַשן. מען האָט אויפגעמאַכט דאָס טויער און נאַקעטערהייט האָבן מיר געמוזט לויפן צו אַן אַנדערן באַראַק, אין אַ קעלט פון עטלעכע און צוואַנציק גראַד. מיר זענען אַזוי געלאָפן אין שניי אַ הונדערט פופציק מעטער. דאָרט האָט מען אונז געגעבן אָנצוטאָן אונטערוועש, אַנדערע קליידער און מיר האָבן זיך אַביסל דערוואָרעמט. די וועש און געשטרייפטע קליידער זענען געווען כמעט ניי, ווי אויך שיך און זאָקן.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע און איינציקע מאָל, ווען די ענדערונג איז געווען — צום בעסערן. ווער האָט זיך דען געריכט, אַז מיר וועלן פאַרלאָזן דעם פאַרניכטונגס־לאַגער בירקענוי, וווּ מען האָט יעדן טאָג פאַרגאַזט און פאַרברענט טויזנטער יידן. די באַנדיטן האָבן געיאָגט, געפּייניקט, דערפירט מענטשן ביז אויסשעפּונג.

דאָס איז געווען ממש אַ נס און אַ גליק. מיר האָבן עס געהאַט צו פאַרדאַנקען נאָר דעם צופאַל, וואָס זיי האָבן גראַד געזוכט ספּעציאַליסטן פאַר אַזעלכע באַרופן. איך וויל נאָך צוגעבן, אַז ווי מיר האָבן זיך דער־וווסט שפּעטער, איז נאָך אונזער אָוועקפאָרן אין בירקענוי, ענדע דע־צעמבער 1943, און אין יאַנואַר 1944, אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע. די דייטשן האָבן אָפּגעשלאָסן דעם לאַגער און קיינעם מער נישט צוגעצ־לאָזט, אָבער אויך קיינעם נישט אַרויסגעלאָזן, ביז זיי האָבן אומגעבראַכט אַלע העפטלינגע פון בירקענוי. צווישן די אומגעקומענע זענען געווען פיל פון מיינע חברים און באַקאַנטע פון מיין היימשטאָט. די העפטלינגע אַליין האָבן דערהרגעט דעם סאַדיסט נאָטאַן, דעם קאַפּאָ, פון בלאָק נומער 10.

# קאַפּיטל 9

## שוויענטאָכלאָוויצע

עס איז געקומען אַ לאַסט־אויטאָ, וועלכער האָט צוריקגעבראַכט אָפּגעשוואַכטע העפטלינגע קיין אוישוויץ. מיר זענען אַלע אין זעלבן אויטאָ איינגעשטיגן, באַוואַכט מיט סאָלדאַטן מיט מאַשין־געווער. דער גרויסער טויער פון אוישוויץ האָט זיך אויפגעמאַכט און אונז געלאָזט אַרויספאָרן. אַ שטראַל פון האָפענונג האָט דאָך אַ שיין געטון! אָן ערך צוויי שעה זענען מיר געפאָרן. דער ווינט האָט אונז דורכגענומען אויף די אָפענע לאַסט־אויטאָס. אָבער — אַבי וואָס ווייטער פון אוישוויץ. ביז מיר זענען אָנגעקומען אין אַ נייעם לאַגער, אַרומגערינגלט מיט האָפלטע עלעקטריזירטע שטעכל־דראָטן.

דער לאַגער האָט זיך גערופן שוויענטאָכלאָוויצע, לויטן שטעטל באַלד דערלעבן. דאָ זענען געווען עטלעכע הונדערט דעפּאָרטירטע באַשעפטיקט אין אַ פאַבריק פון לופעס צו קאַנאָנען. פאַר דער פאַבריק האָט מען געדאַרפט ספּעציאַליסטן. אויסער דער פאַבריק, איז נאָך דאָרט געווען אַ ציגעלניע, אויוונס, דורכצוברענגען די ציגל. מען האָט אונז איינגעטיילט אין פאַרשיידענע בלאָקן. דאָרט האָבן מיר געטראָפן פיל דעפּאָרטירטע פון פראַנקרייך, פון בעלגיע, האָלאַנד. פיל לעבן היינט נאָך אין פאַריז.

זיי האָבן אונז גלייך אָנגעוויזן, וועלכע קאַפּאָס זענען געפערלעך, מען זאָל זיך פאַר זיי היטן; אָבער אין אַלגעמיין איז דער רעזשים אין דעם לאַגער געווען אַ פיל לייכטערער; כאָטש צו עסן האָט מען כמעט גאָרנישט געגעבן — אַ גאַנץ קליין שטיקל ברויט, אַ שטיקל מאַרגאַרין, אין דער פרי — אַ ביסל שוואַרצע, וואַסערדיקע קאַפע, ביי מיטאָג — אַביסל וואַסערדיקע זופּ, ביינאַכט — אַביסל קאַפע. מיט דעם האָט מען

געמוזט אַרבעטן 12 שעה אין מעת־לעת. די, וואָס האָבן געאַרבעט אין פאַבריק, האָבן נאָך געקענט אויסהאַלטן, אָבער די, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער ציגעלניע, זענען כמעט אַלע נאָך אַ פּאָר וואָכן געוואָרן אַזוי אויסגעמאַטערט, אָפּגעשוואַכט, פאַרלוירן פון וואָג, אַז זיי האָבן שוין גע־הערט צו דער מדרגה פון די א. ג. „מוזולמענער". די אַלע האָבן די דייטשן נאָכדעם צוריקגעשיקט קיין אוישוויץ, דירעקט אין קרעמאַטאָ־ריום. מיטן זעלבן לאַסט־וואָגן האָבן זיי צוריקגעברענגט אַנדערע העפט־לינגע, פרישערע. אויך זיי האָט דערוואַרט דער זעלבער גורל.

אָבער מיר זענען געקומען נישט צו אַרבעטן אין דער ציגעלניע, נאָר אין דער פאַבריק, אַלס ווערקצייג־אַרבעטער, מעטאַל־טאָקער. אַלע מאַשינען זענען געווען באַזעצט דורך ציוויל־אַרבעטער און העפטלינגען. די ציוויל־אַרבעטער זענען די מערסטע געווען פון פראַנקרייך. דורך זיי האָבן מיר גיכער זיך געקענט דערוויסן נייעס. זיי האָבן באַקומען צייטונגען אין דייטש.

די פאַבריק איז געווען אַן ערך פופצן מינוט גאַנג פון אונזערע באַראַקן. מיר האָבן אויפן וועג געטראָפן די שיכט, וועלכע האָט געאַר־בעט פון 6 פאַרנאַכט ביז 6 אין דער פרי. זיי זענען שוין געשטאַנען אין דער ריי אַרויסצוגיין, ווען מיר זענען אָנגעקומען. די דייטשע וואַך, וועל־כע האָט אונז באַגלייט אין דער פאַבריק, האָט איבערגענומען די צווייטע גרופּע און זיי צוריק אָפּגעפירט אין לאַגער. די וואַכלייט זענען געווען מייסטנס עלטערע מענטשן, מען מוז זאָגן, גאַנץ אָנשטענדיקע. ערגער זענען געווען די פוילישע פאָליציסטן, וואָס האָבן אויף אונז דעם גאַנצן טאָג אַכטונג געגעבן אין דער פאַבריק, מען זאָל נישט אַנטלויפן, מען זאָל אַרבעטן ווי געהעריק. זיי זענען געווען שרעקלעכע אַנטיסעמיטן. איינער, אַ נידעריקער פאָליציסט, האָט כסדר געהעצט די מייסטערס קעגן אונז, און אַ סך האָבן דערנאָך, צוליב אָט דעם מנוול, געמוזט גיין אַרבעטן אין דער ציגעלניע, ווו עס האָט דערוואַרט כמעט אַ זיכערער טויט.

אונזער גרופּע האָט מען דאָס ערשטע מאָל אַריינגעפירט אין אַ זאַל, ווו עס זענען געשטאַנען ספּעציעלע מאַשינען, מיט שרויב־שטיקער, פיילן. דאָ האָט מען געמאַכט די ווערקצייג פאַר דער פאַבריק, וואָס האָט זיך געפונען דערלעבן, אין אַ גרויסן זאַל, אַ האַליע, וואָס האָט זיך גע־צויגן ביז טיף אַראָפּ. דאָרט זענען געווען די הייב־מאַשינען, דריי־בענק, דאָרט זענען אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן די לופעס פאַר גרויסע קאַנאָנען,

און די הייבערס האָבן געמוזט שלעפּן די לופעס, 5 אָדער 6 מעטער די לענג, העלפן איינשייבן זיי אין די דריי־בענק און דערנאָך פירן זיי אויף אַן אַנדער אָרט.

אין דער גרויסער האַליע איז געווען לייכטער. ס'איז דאָרט געווען ווי אויף אַ יאַריד, מען האָט נישט אַזויפיל געקענט נאָכקוקן, קאָנטראָלירן יעדן איינעם; אָבער אין דער ווערקצייג־אָפּטיילונג, ווו איך בין צוגעטיילט געוואָרן, איז געווען אַן אויפזיכט איבער יעדן איינעם. די אַרבעט האָט געמוזט געמאַכט ווערן פּרעציז. לייכטער איז געווען די, וועלכע האָבן גערייניקט די אייזנס, אָדער מאַגאַזינירן, אַרויסגעבן רוי־מאַטעריאַלן, אַריינבעמען פאַרטיקע טיילן. עס איז געווען אַ שווערע, פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, איבערהויפּט ווען איבער דיר איז געשטאַנען דער קליינער פּאָליציאַנט; פאַר אים האָבן אַפילו די מייסטערס מורא געהאַט. ער איז געווען אומעטום.

דעם ערשטן טאָג האָט מען אונדז געוויזן, וואָס מיר דאַרפן מאַכן, ווי אַזוי יעדער טייל דאַרף זיין צוגעפּאַסט צו אַן אַנדערן.

אַזוי איז אַוועק די ערשטע וואָך. מיר האָבן געאַרבעט פון 6 פרי ביז 6 אין אָונט. די צווייטע וואָך האָט זיך געטוישט די שיכטע — פון 6 אָונט ביז 6 אין דער פרי. ביינאַכט איז די אַרבעט געווען לייכטער, ווייל מיר זענען באַוואַכט געווען נאָר דורך סאָלדאַטן, נישט דורך דער פּוילישער פּאָליציי. אין אַן אָונט, ווען מ'האָט זיך באַדאַרפט זאַמלען שוין 5 אַזייגער אויפן פּלאַץ, בין איך אין באַראַק איינגעשלאָפן און נישט געהערט, אַז מען רופט צום אַפּעל. קיינער האָט נישט באַמערקט, אַז איך שלאָף, ווייל איך בין געשלאָפן אויפן דריטן בעט, גאַנץ אויבן. דאָרט איז געווען מער וואַרעם. אויפן אַפּעל־פּלאַץ, נאָכן איבערציילן, האָבן זיי באַמערקט אַז איינער פעלט. נאָך אַ גליק, וואָס עס איז נאָך פאַרבליבן 5 אָדער 10 מינוט פאַרן אַרויסמאַרשירן. זענען מיינע חברים געלאָפן מיך זוכן. אין איין אויגנבליק, בין איך אַראָפּגעשפּרונגען און געלאָפן צום אַפּעל־פּלאַץ. איך האָב שוין געוווסט וואָס עס הייסט פאַרשלאָפן, אַז מ'קען דערפאַר טייער באַצאָלן. ווען איך האָב זיך באַוויזן, האָבן אַלע מיך אָנגעקוקט, מיט אַביסל שרעק, ווייל מען האָט נישט געוווסט וואָס מען וועט מיט מיר מאַכן.

עס איז צוגעקומען דער גרופּן־עלטסטער, גראַד אַ פיינער מאַן, און האָט מיר געגעבן צוויי פּעטש און געשריגן צו מיר, כ'זאָל גלייך אַריין אין דער ריי. ווען מיר זענען געקומען אין דער פאַבריק, איז ער צו־

געגאַנגען צו מיר און זיך אַנטשולדיקט (ער איז געווען, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַ טשעכישער ייד). ער האָט מיר געזאָגט, אַז ווען ער גיט מיר נישט די צוויי פּעטש, וואָלטן די קאַפּאָס אויפגעשריבן מיין נומער און — ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געווען...

דערווייל איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אַלע שאַך־שפּילער זאָלן זיך זונטיק מעלדן אין ביוראָ. עס וועט זיין אַ שאַך־שאַמפּיאָנאַט. דאָס איז געווען מיין באַליבטע שפּיל, נאָך פון דער היים. איך האָב זיך, נאַטיר־לעך, גלייך געמאָלדן. אַלע שפּילער האָבן שוין אומגעדולדיק געוואַרט אויפן זונטיק. יעדער איינער האָט געהאַט אַ שטילע, אומקלאָרע האָפע־נונג. זונטיק נאָכמיטאָג, ווען די מערסטע זענען געלעגן אויף די פּריטשן אויסצורוען זיך אַביסל, זענען מיר, עטלעכע, אַוועק אין ביוראָ. דאָרט זענען שוין געשטאַנען אויסגעשטעלט שאַך־פיגורן. עס זענען געקומען פיל דייטשן, די דאָקטוירים פונעם קראַנקן־הויז, אַלע קעכער, כאָטש זיי האָבן נישט געקענט שפּילן קיין שאַך. זיי האָבן געזען אַז אַלע אַנפירער פון לאַגער קומען, זענען זיי אויך געקומען זען שפּילן אין שאַך.

און דאָ האָט מיר דאָס גליק צוגעשפּילט. עס זענען געווען גוטע שפּילער, ווייניקער גוטע, אָבער איך האָב ביי אַלע געוווּנען. אַזוי איז עס צוגעגאַנגען עטלעכע זונטיקן נאָכאַנאַנד. איך בין געקרוינט געוואָרן ווי אַ טשעמפּיאָן, און אַלע האָבן מיך געקענט אַלס שאַך־מייסטער. די דאָקטוירים האָבן מיך איינגעלאַדן, איך זאָל זיי טעאָרעטיש דערקלערן, ווי אַזוי אָנצוהייבן אַ פּאַרטיע. זיי האָבן מיר דערביי געגעבן אַ שטיקל ברויט. אויך די קעכער האָבן מיר אונטערגערוקט אַ ביסל זופּ מער.

אָבער פּונקט ווי ס'איז מיר אין שאַך־שפּיל גוט געגאַנגען, אַזוי איז מיר אין דער פאַבריק געגאַנגען שלעכט. מען האָט מיר געגעבן אַזעלכע שווערע און קאָמפּליצירטע טיילן צו מאַכן, אַז איך האָב עס נישט געקענט נאָכקומען, איבערהויפּט האָט מיך שיקאַנירט דער קליי־נער פּוילישער פּאָליציאַנט. ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען לעבן מיר ביי דער אַרבעט, געלאַכט, חוזק געמאַכט און אַלעמען דערציילט, אַז איך בין גאָרנישט קיין וועקצייג־מאַכער; אַז איך האָב נאָר געוואָלט אַוועק פון אוישוויץ. איך האָב זיך נישט געקענט פאַרטיידיקן. דער מייסטער גופא איז נישט געווען אַזאַ שלעכטער. ער האָט מיר שפּעטער געגעבן אַ לייכטערע אַרבעט. איך האָב מורא געהאַט, אַז ווען איך וועל פאַרלירן די אַרבעט, קען זיין אַ קאַטאַסטראָפע, מען קען מיר נאָך אפשר צוריקשיקן קיין אוישוויץ. האָב איך זיך געווענדעט אין דער דירעקציע

מען זאָל מיך איבערשיקן אין דער אָפּטיילונג פון מעטאַל־טאָקעריי, ווייל איך קען אַרבעטן אויף אַ דריי־באַנק. האָבן זיי געזאָגט, אַז מען קען עס נישט מאַכן, מען האָט מיך דאָ צוגעטיילט, מוז איך דאָ בלייבן. מיר איז נישט־גוט געוואָרן פון אַזאַ ענטפער.

אַזוי האָב איך געאַרבעט, ביז עס איז אָנגעקומען אַ פרישער טראַנספּאָרט פון אוישוויץ. אין איין פרימאָרגן רופט מען אויס מיין נומער, אַז איך זאָל דעם טאָג בלייבן אין לאַגער. אין אַ האַלבע שעה שפּעטער זענען אָנגעקומען די אַלע פון דער נאַכט־שיכט. זיי האָבן שוין געוווּסט, אַז איך וועל מער נישט אַרבעטן אין דער ווערקצייג־אָפּטיילונג; אַז מען וועט מיך שיקן אין דער ציגעלניע, אָדער, מיטן נאָענטסטן טראַנספּאָרט — צוריק קיין אוישוויץ.

ביי מיטאָג, ווען די אַרבעטער פון דער ציגעלניע זענען געקומען אין לאַגער, האָט מען מיר אויסגעטיילט די זופּ צוזאַמען מיט זיי, און מיר געמאָלדן, אַז איך וועל גיין צוזאַמען מיט זיי צו דער אַרבעט. איך בין צוערשט געווען צופרידן, וואָס מען שיקט מיר כאָטש נישט צוריק קיין אוישוויץ, פון דאָרט — קיין בירקענוי, ווייל דאָרט איז — פאַר־ניכטונג. מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז אין בירקענוי איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע און אַז כמעט אַלע זענען דאָרט אומגעקומען.

די ציגעלניע האָט זיך געפונען אין אַן אַנדערע געגנט, פיל ווייטער ווי די פאַבריק. איך בין נאָך דערווייל געווען ביי די פולע כוחות. געקו־מען אין דער ציגעלניע, צוזאַמען מיט אַלע, האָט מען מיר געגעבן צו פירן אַ טאַטשקע מיט ציגל. איך בין געגאַנגען צו דער טרוקן־קאַמער און פון דאָרט פירן ציגל אויף אַ פּלאַץ, ווו מען האָט זיי מאַגאַזינירט און צוגעגרייט זיי צום טראַנספּאָרט. ביי דער האַלע, ווו מען האָט די ציגל געטרוקנט, איז געווען אַ גרוב פון אַ צוויי מעטער די טיף. איך ווייס נישט צו וואָס די גרוב האָט געניצט. איבערן גרוב האָט מען געלייגט אַ לאַנג ברעט, און דורך דער ברעט האָט מען געמוזט דורכגיין מיט דער טאַטשקע. דערנאָך איז שוין אַביסל לייכטער געווען צו פירן די טאַטשקע ביז די מאַגאַזינען. צוערשט איז מיר נישט געווען אַזוי שווער אַריבער־צופאָרן די ברעט מיט דער אָנגעלאָדענער טאַטשקע ציגל. מיר האָבן אָבער געאַרבעט 12 שעה אין טאָג, כמעט אָן עסן, אַזוי אַז נאָך אַ פּאָר וואָכן האַרעוואַניע, בין איך זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. איך האָב גע־פילט ווי די כוחות גייען מיר אויס. איך האָב שוין געוווּגן נישט מער

ווי 34 קילאָ, אַזוי מאָגער און אַזוי שוואַך בין איך געוואָרן. עס האָט געטראָפן, אַז ווען איך האָב די טאַטשקע געפירט איבער דער ברעט (די טאַטשקע האָט געוויגן מער ווי איך אינגאַנצן), האָט זיך די טאַטש־קע איבערגעקערט, און אַנדערע האָבן געמוזט אַריין אין גרוב העלפן אַרויסשלעפן די ציגל, צוריק אָנלאָדן זיי און ווייטער פאָרן.

כ׳האָב דערביי באַקומען שרעקלעך געשלאָגן. אַ יונגער בחור האָט אַכטונג געגעבן, און כדי צו געפינען חן אין די אויגן פון די דייטשן און צו ווערן אַ קאַפּאָ, האָט ער אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו שלאָגן. ער האָט מיך געשלאָגן מיט דער פויסט אין די אויגן. איין אויג איז ביי מיר תמיד געווען שוואַרץ. און וויפל איך האָב זיך באַמיט מיט דער טאַטשקע אַריבערצוגיין די ברעט, איז עס מיר געווען אוממעגלעך. שוין פאַר מורא, פאַר נערוועזיטעט, האָב איך די אָנגעלאָדענע טאַטשקע נישט געקאָנט איינהאַלטן די גלייכגעוויכט און זי האָט זיך כסדר איבערגעדרייט.

איך בין געוואָרן אַלץ שוואַכער, כמעט אַ מוזולמאַן, נאָר פאַרן אויוון, ווייל מען האָט מיר אַלע מאָל געמוזט העלפן אַרויסשלעפן די ציגל פון דער גרוב. אַזוי האָט עס געדויערט, ביז עס איז געקומען אַ פרישער טראַנספּאָרט פון אוישוויץ, און אַלע מוזולמענער האָט מען צוריקגעשיקט אַהין. אין דעם טאָג בין איך שוין נישט געגאַנגען אין דער ציגעלניע אַרבעטן. איך האָב שוין געוווסט וואָס עס דערוואַרט אונז. מיר זענען געווען אַפּאַטיש און נידערגעשלאָגן.

אַרום צען אַזייגער איז געווען דער אַפּעל פון די אַלע, וועלכע דאַרפן אָוועקגעשיקט ווערן. מיר שטייען אין דער ריי. קיין פּעקלעך האָט קיינער נישט געהאַט, קיין שום פּערזענלעכע זאַכן, דאָס איינציקע איז געווען — דאָס שאַכטעלע פאַר מיינע ברילן, וואָס איך האָב מיטגעהאַט נאָך פון פּשעמישל. (איך האָב עס איינגעהיט ביזן היינטיקן טאָג). מיר האָבן געוואַרט אויפן פאַראַנטוואָרטלעכן מאַן פון לאַגער; ער האָט גע־זאָלט קומען מיט אַ ליסטע פון די נומערן, וועלכע מען שיקט צוריק קיין אוישוויץ. דער פירער פון די לאַסט־אויטאָס האָט די ליסטע געזאָלט איבערנעמען און קאָנטראָלירן צי אַלץ שטימט. יעדער האָט געמוזט האַלטן די האַנט אויסגעשטרעקט, און אויף דער האַנט איז געווען אויס־געקריצט דער נומער. ביידע, דער פאַראַנטוואָרטלעכער פון לאַגער און דער פירער פון די לאַסט־אויטאָס, זענען דורכגעגאַנגען די רייען. צו־פעליק איז דער פון אונזער לאַגער, געווען אַ שאַך־שפּילער, וואָס האָט

אַפּט מיט מיר געשפּילט אין שאַך. ער דערזעט מיך און זאָגט צום אַנ־דערן, אַז דעם שאַך־מייסטער זאָל מען קיין אוישוויץ נישט שיקן.

ער האָט מיך גלייך אַרויסגענומען פון דער ריי, מיך געשטעלט אין אַ זייט. די איבעריקע העפטלינגע זענען איינגעשטיגן אין לאַסט־אויטאָס און זענען צוריקגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. איך האָב זיי אַלעמען נאָכגעקוקט מיט גרויס מיטגעפיל.

האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און בין צוגעגאַנגען צו דעם פאַראַנטוואָרטלעכן און אים געזאָגט, אַז אויב מען וועט מיך צוריקשיקן אין דער ציגעלניע, וועט מען מיך ווידער צוריקשיקן קיין אוישוויץ. פרעגט ער מיך, וואָס איך וויל? האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין אַ מעטאַל־טאָקער, און וויל גיין אין דער פאַבריק אַרבעטן. האָט ער גלייך אויפגעשריבן אויף דער ליסטע מיין באַרוף און באַפוילן מיך צו שיקן אין דער פאַבריק. אַזוי האָט זיך מיין שווערע לאַגע געענדערט צום בעסערן.

אין אָוונט, ווען אַלע זענען געקומען פון דער אַרבעט און מיך דערזען, האָבן זיי מיך אָנגעקוקט ווי אַ ווונדער. צומאָרגנס, 6 אין דער פרי, האָט מען אויסגערופן מיין נומער און מיך צוגעטיילט צו די אַר־בעטער פון דער פאַבריק. כ'בין צוגעטיילט געוואָרן צו אַ מייסטער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַלע דריי־בענק. און געאַרבעט אונטער דער אויפ־זיכט פון אַ קליינעם מאָגערן אַלטן מאַן. ער איז מיט קליינע שריטעלעך כמעט געלאָפן. ער איז געווען אַ פאָלקס־דייטש, פון שלעזיע, זייער שטרענג, האָט אָבער געהאַט פאַרשטענדעניש. טאָמער האָט זיך ווער פאַרשפּעטיקט אין טואַלעט, איז ער אים גלייך געלאָפן אויפזוכן. ביי אים האָט אַלץ געמוזט קלאַפּן פּינקטלעך. ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ דריי־באַנק, נישט ווייט פון אַ זייטן־אויסגאַנג. דאָרט האָט זיך כסדר אַרומגעדרייט די וואַך.

מיט מיר צוזאַמען האָט געאַרבעט אַ מעטאַל־טאָקער, עפּעס אַ משוגענער, איינער פון די פּוילישע, אָדער אוקראַאינישע פרייוויליקע אַרבעטער. דער מייסטער האָט מיר געזאָגט, אַז אין משך פון דריי טעג וועל איך אַרבעטן אונטער זיין אויפזיכט, דערנאָך מוז איך די אַרבעט אַליין איבערנעמען.

דער אַלטער מעטאַל־טאָקער איז געווען אַ ווילדער מענטש. רעדן מיט אים האָט מען נישט געקענט. אָנשטאָט צו ווייזן מיר ווי אַזוי יעדער בויערונג זאָל גוט אַרויסקומען, האָט ער אַזוי גיך געאַרבעט, אַז ס'איז מיר נישט מעגלעך געווען צו דערכאַפּן גענוי ווי אַזוי די אַרבעט ווערט

געמאַכט. איך האָב זיך אָבער אויסגעקעגט אויף אַזאַ דריי־באַנק, און האָב נאָך עטלעכע טעג גלייך געכאַפּט ווי אַזוי אַלץ צו מאַכן. איך האָב אַליין אָנגעהויבן צו אַרבעטן. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געשריגן, אַז עס איז נישט גוט געמאַכט. איך האָב אָבער געוווסט, אַז עס איז יאָ גוט. נאָך דריי טעג האָט מען מיר געגעבן צו מאַכן דעם טייל פון די קאַנאָנען, צו וועלכן עס ווערן אַריינגעשרויפט די לאַנגע קאַנאָנען־לופעס. דאָס איז געווען זייער אַ פּרעציזע אַרבעט. דער אונטערשייד האָט נאָר געקענט זיין פון צוויי־טויזנטסטל מילימעטער. ווען עס וואָלט געווען אַ גרעסערער אונטערשייד, וואָלט די לופע פון 5 ביז 6 מעטער לאַנג נישט געקענט זיין גענוי אַריינגעשרויפט, און ביים ערשטן שאָס, וואָלט זי אַרויסגעשפּרונגען פון איר געווינט. דאָס איז געווען רונד 30 צענטי־מעטער אין דיאַמעטער און 30 צענטימעטער לאַנג, פון ריינעם שטאָל. פון איין זייט איז געווען אַ באָדן מיט אַ גרויס לאָך אין דער מיט, כדי די קויל זאָל קענען דורכגיין; און אַרום — קליינע לעכער, כדי צו קע־נען צושרויפן צום גרויסן קאַנאָן. איך האָב דעם דאָזיקן טייל באַקומען אין אַ רויען צושטאַנד, אים איינגעשרויפט אין דער דריי־באַנק, און אַכטונג געגעבן ס'זאָל גענוי זיין אַריינגעשרויפט. דאָס האָט געמוזט זיין זייער פּרעציז. ווייל נאָך מיין טייל אַרבעט, איז עס געגאַנגען צו אַ נאָך פּרעציזערע מאַשין. דאָרט איז אויסגעשליפן געוואָרן אַ גרויסער געווינט דורך דער גאַנצער לענג פון 30 צענטימעטער. די לאַנגע לופע האָט פון דער ברייטער זייט אויך געהאַט 30 צענטימעטער. דאָרט איז געמאַכט געוואָרן דער זעלבער געווינט, נאָר פון דרויסן. אַזוי אַרום האָט מען די לופע געקענט אַריינשרויפן אין דעם טייל, וואָס איך האָב געמאַכט.

פּאַרטיק געמאַכט, האָב איך עס נישט געטאָרט אַראָפּנעמען פון דער דריי־באַנק, ביז דער קאָנטראָלער איז געקומען. ער האָט עס גענוי אָפּגעמאָסטן מיטן מיקראָמעטער, אויפגעשריבן דעם נומער פון דעם טייל און דעם נומער פון מיין דריי־באַנק. דערנאָך האָט ער מיר געהאָלפן עס אַראָפּנעמען און איינשרויפן אַן אַנדערן טייל. אַליין האָט מען עס נישט געקענט מאַכן, ווייל עס איז געווען צו שווער.

דעם ערשטן און צווייטן טאָג האָב איך נישט פיל געמאַכט, כאָטש כ'האָב פלייסיק געאַרבעט. עס איז געווען ביי מיר די מורא כ'זאָל נישט צעברעכן אַ מעסער. אויב מען האָט צעבראָכן אַ מעסער, האָט מען אים געמוזט אויסטוישן אין מאַגאַזין, דאָס איז געווען פאַרנאָטירט אויף מיין חשבון לרעה. טאָמער האָט מען צופיל צעבראָכן, איז געווען די

געפּאַר באַשולדיקט צו ווערן אין סאַבאָטאַזש. נאָך אַ פּאָר וואָכן אַרבעט, איז עס שוין געגאַנגען פון דער האַנט. איך האָב נאָר געאַרבעט דריי־פיר שעה אין טאָג, די רעשט צייט האָב איך זיך אויסגערוט. איך האָב אָבער די גאַנצע צייט געמוזט בלייבן ביי דער מאַשין, איבערהויפּט, ווען מען האָט געזען איינעם פון די דייטשן דורכגיין, אָדער — דעם קליינעם מייס־טער. פאַר אים האָט מען זיך געמוזט היטן, נאָכמער ווי פאַר די דייטשן.

ווען איך האָב איינמאָל געאַרבעט נאַכט־שיכט, איז אַ קאַפּאָ אַנט־לאָפן פון דער פאַבריק. איז גלייך געוואָרן אַן אַלאַרם. די קוימענס האָבן אָנגעהויבן פייפן. אַלע זענען אַרויס צו אַן אַפּעל, געשטעלט זיך צו פינף אין דער ריי. אַלע האָבן געמוזט קניען, אַראָפּבייגן דעם קאָפּ צו דער ערד, אַזוי לאַנג אויפן צעמענט. אפשר אַ שעה־צוויי. די לאַגער־וואַך האָט אונז געהיטן, דורך דער צייט געזוכט דעם אַנטלאָפענעם. זיי האָבן אים נישט געפונען. ווייל יענער האָט זייט אַ לאַנגע צייט אָרגאַניזירט זיין אַנטלויפן, מיט דער שטילער מיטהילף פון די פאַבריק־אַרבעטער. נאָכדעם האָבן זיי אונז באַפוילן אויפצושטיין און מען האָט אונז אין מיטן דער נאַכט צוריקגעפירט אין לאַגער. דאָרט זענען מיר געשטאַנען אין הויף אַ גאַנצע נאַכט, אָן די היטלען. ס'איז געפאַלן אַ רעגן, אויסגעמישט מיט שניי. אַזאַ וועטער טאָקע האָבן אויסגענוצט די אַנטלויפנדיקע, כדי מען זאָל זיך נישט באַלד כאַפּן, אַז זיי פעלן.

איך בין געשטאַנען אין דרויסן און געשלאָפן שטייענדיקערהייט. דאָס האָט מיך אַביסל געשטאַרקט.

איך האָב אַמאָל זיך צונויפגערעדט מיט אַ דייטשן וועכטער, כדי צו באַקומען ביי אים אַ שטיקל ברויט. אויב ער האָט נישט העמדער, אָדער זאָקן צו פאַריכטן, קען איך עס מאַכן. יענער האָט גערן מסכים געווען. דעם אַנדערן טאָג האָב איך געטראָפן לעבן דער מאַשין אַ זעקל מיט בגדים צו פאַריכטן, און אויך — אַ שטיקל ברויט, נישט אַזאַ שוואַרץ, ליימיק ברויט, ווי מען האָט געגעבן די העפּט־לינגע. דאָס שטיקל ברויט האָב איך גלייך פאַרשטעקט, כדי נישט אויפ־צועסן עס מיט איין מאָל. איך האָב זיך אָבער נישט געקענט איינהאַלטן, און ביסלעכווייז דאָס שטיקל ברויט פאַרצערט. צומאָרגנס האָב איך צו־ריקגעבראַנגט דאָס זעקל בגדים, אַלץ אויסגעפאַריכט. אָבער דאָס אַלץ, וואָס איך האָב באַקומען פון דעם דייטש, פון די דאָקטוירים, פון די קוכערס, שפּילנדיק מיט זיי אין שאַך, האָט מיך נישט געקאָנט זעטיקן, אַזוי אָפּגעשוואַכט בין איך געווען; כאָטש מיין אַרבעט איז מיט דער צייט

געוואָרן לייכטער. איך האָב זיך קוואַליפיצירט אין דער אַרבעט, און איין מאָל אין חודש האָב איך באַקומען ציגאַרעטן, אַלס פּרים פאַר גוטער אַרבעט. און אַזוי ווי איך האָב נישט געריכערט, האָב איך זיי געקענט איינטוישן אויף אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל זופּ, אָבער איך בין געבליבן זייער אויסגעהונגערט, ווי אַלע אַנדערע. און אַזוי ווי אין קעלער איז געלעגן פול מיט צוקער־בוראַקעס, איז מען געפאַלן אויף אַן איינפאַל — אויף אַ לאַנגן שטעקן האָט מען צוגעפעסטיקט אַ טשוואָק; דעם שטעקן באַהאַלטן אין דער לענג פון די הויזן. ס'איז געווען אַ קליין אייזערן דעקל, אויפגעהייבן עס און זיך געלאָזט אַריינגליטשן אין דער עפענונג פון איין מעטער די טיף, אַ 30 צענטימעטער די ברייט. דאָס דעקל האָט זיך פאַרמאַכט. דאָרט אינעווייניק זענען געווען אייזערנע שטאַבעס, אָבער מיטן שטעקן איז לייכט געווען צו פאַרטשעפען מיטן טשוואָק עטלעכע בוראַקעס, אַרויסצושלעפן זיי. גיך באַהאַלטן אונטערן העמד, פאַרשטעקט דעם שטעקן און צוריק אַרויסגעגליטשט זיך. ס'איז אָבער געווען אַ גרויסע געפאַר. די עפענונג איז געווען אפשר איין מעטער אָפּגערוקט פון די עלעקטריזירטע דראָטן און פון דער וואַך, וואָס איז כסדר געגאַנגען הין און צוריק.

ס'איז געווען אַן איינשטעלעניש; מען האָט געמוזט אַזוי קאַלקולירן אַז ווען די וואַך איז דורכגעגאַנגען, און איז שוין געווען אַ 5 מעטער ווייטער, האָט מען באַדאַרפט שנעל צולויפן, אַריינקריכן אין דער עפענונג און בלייבן דאָרט פאַרשטעקט, אַזוי לאַנג, ביז די וואַך איז ווידער צוריקגעגאַנגען. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט. ווען דער סאָלדאַט באַמערקט עס, וואָלט ער גלייך אויפן אָרט דערשאָסן דעם העפטלינג. אָבער דאָס לעבן האָט דעמאָלט געשפּילט אַזאַ קליינע ראָלע, אַז צוליב עטלעכע בוראַקעס האָט מען עס איינגעשטעלט.

די בלאָק־עלטסטע, די קאַפּאָס, די דאָקטוירים, די קוכער האָבן געהאַט גענוג צו עסן. געווען אין לאַגער אַ קאַפּאָ, יאַקוב, געקומען פון אוישוויץ, און איז ביי אונז אין לאַגער געווען דער לייטער פון באַקליידונגס־קאַמער — אַ רויער פאַרשוין. ווען מען איז צו אים געקומען אויסטוישן אַ הויז, אַ וועסט, אָדער אַ העמד, האָט ער דעם העפטלינג אַרויסגעוואָרפן און געשריגן, אַז מען קומט צו אָפט טוישן די זאַכן. איינער אַ בחור איז געווען זיין באַדינער, אָדער זיין פּיפּל. ער האָט דעם יאַקוב געוואַשן די פיס, באַדינט אין אַלעם, דערפאַר איז ער נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט, איז געווען ריין אַנגעטון און יאַקוב האָט אים

גוט באַהאַנדלט. אָבער ער איז נישט געווען פון די ערגסטע קאַפּאָס. לויט ווי מיר איז באַקאַנט, איז קיין שום העפטלינג דורך אים נישט פאַרשיקט געוואָרן צוריק קיין אוישוויץ. אַנדערע קאַפּאָס זענען געווען פיל ערגער, ווי ער. זיי זענען אָבער נישט געווען קיין יידן. דער הויפּט־קאַפּאָ האַנס איז געווען אַ דייטש, און אים האָט מען געשיקט קיין אוי־שוויץ אַלס פאַרברעכער. די פּוילישע קאַפּאָס זענען אויך געווען פיל ערגער און גרעסערע פאַרברעכער, ווי יאַקוב. אָבער אַזוי ווי זיי זענען געווען פּאָליאַקן, האָבן זיי געהאַט מער שאַנסן ביים אַנטלויפן, זיך אי־בערטאָן און פאַרשטעקן זיך ערגעץ צווישן פּאָליאַקן אין ציוויל. אָט די פּאָליאַקן האָבן אויף זייער געוויסן זייער פיל יידישע קרבנות.

ווען מען האָט געכאַפּט אַן אַנטלאָפענעם, האָט מען אים צוריקגע־ברענגט אין לאַגער, געשטעלט אים צווישן די צוויי עלעקטריזירטע שטעכל־דראָטן און דערנאָך אים אָפּגעשיקט קיין אוישוויץ.

מיך און נאָך איינעם האָט אויך געדראָט צוריקגעשיקט צו ווערן קיין אוישוויץ, אָבער נישט דערפאַר, ווייל מיר האָבן געוואָלט אַנטלויפן. איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, ווען כ'האָב געאַרבעט מיטן טאָג־שיכט, פון 6 אין דער פרי ביז 6 אין אָוונט, האָב איך זיך נישט געאיילט, נאָר אַרומ־געגאַנגען צווישן די אַנדערע העפטלינגע, וועלכע זענען געקומען פון שטאָט. כ'האָב געוואָלט הערן פון זיי נייעס, וואָס זיי האָבן אַלעמאָל געברענגט וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן. מען האָט זיך געפרייט מיט יעדער מפּלה פון דער דייטשער אַרמיי, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז נאָר דורך דעם זיג פון די אַלירטע אַרמייען, קענען מיר געהאָלפן ווערן און פריי ווערן.

ערשט אַרום 7 אַ זייגער האָב איך זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. עס איז געווען אַזוי איינגעפירט, אַז ביים טוישן די שיכטן, ענדיקט דער לעצטער דעם טייל, וואָס דער פריערדיקער האָט געלאָזט איינגעשרויפט אין דער דריי־באַנק. איך נעם דעם מיקראָמעטער, מעסט אָפּ די אויס־בויערונג פון אינעווייניק, און באַמערק עס נישט, נאָר דאַרף עס נישט מער ווי אַראָפּנעמען, אָבער עס איז מיט צוויי־הונדערטסטל מילימע־טער צופיל אויסגעבויערט. איך האָב זיך דערשראָקן, ווייל קודם כל האָב איך דאָס געזאָלט באַמערקן זעקס אַזייגער און נישט זיבן אַזייגער. צווייטנס, קען מען זאָגן, אַז איך האָב עס געמאַכט און איך וואָרף אַרויף די שולד אויף אַ צווייטן.

אין אַזאַ לאַגע, אין וועלכער מיר אַלע געפינען זיך, איז די סאָלי־דאַריטעט פון די העפטלינגע אַ מאָראַליש געבאָט, ממש לעבנס־וויכטיק. אין אַזאַ פאַל וואָרף איך אַרויף די שולד אויף אַן אַנדערן, אַז מען זאָל אים אַוועקשיקן קיין אוישוויץ, אַנשטאָט מ י ך.

די אַלע שרעקלעכע געדאַנקען זענען מיר מיט איינמאָל געקומען אויפן זינען. עס איז אָבער דאָך נישט געווען מיין שולד. איך האָב עס נישט געמאַכט, זיך נאָך אַפילו נישט געהאַט צוגערירט צו דעם טייל אין דער דריי־באַנק, פאַרוואָס זאָל מען מיך שיקן קיין אוישוויץ?

איך בין גלייך צוגעגאַנגען צו זיין ברודער, וועלכער האָט געאַר־בעט אין אונזער שיכט, ביי אַ הובל־מאַשין. איך מוז זאָגן, אַזביידע ברידער זענען געווען זייער פיינע, אָרנטלעכע מענטשן. איך בין געווען זייער באַפריינדעט מיט זיי. איך האָב אים גערופן און אים געוויזן, אַז איך האָב אויף דער מאַשין אין דעם פרימאָרגן נאָך נישט געאַרבעט, וויל מען דערקענט עס לויט די פרישע מעטאַל־אָפּפאַלן; צווייטנס, ווען מען פאַרלאָזט די דריי־באַנק, מוז מען זי אויספוצן, אויסרייניקן און איינשמירן מיט אייל, גרייט פאַר דער אַרבעט פון דער קומענדיקער שיכט. איך האָב אים געוויזן, אַז איך האָב די אַרבעט נאָך נישט אָנגע־הויבן און דער פעלער איז געמאַכט געוואָרן דורך זיין ברודער. האָט ער מיך געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו עס נישט געזען גלייך, 6 אַזייגער און נישט 15 מינוט נאָך 7?

האָב איך אים געזאָגט דעם אמת. די דייטשן קען איך עס דאָך נישט זאָגן, וויל זיי קענען פרעגן, מיט וועמען איך האָב גערעדט, און אַז איך האָב געפּטערט אַ שעה צייט. ער האָט געזען, אַז איך האָב רעכט, ס׳איז אָבער דאָך געווען זיין ברודער, און ער האָט מורא געהאַט אַז מ׳וועט אים צוריקשיקן קיין אוישוויץ. האָט ער געזאָגט, אַז ער גלויבט מיר נישט און איז אַ ברוגזער, אַ בייזער, אַוועק פון מיר. איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה און געמוזט רופן דעם קאָנטראָלער. ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז עס איז אַן אויסשוס, מען קען דעם טייל נישט באַ־נוצן; האָט אויפגעשריבן, אַז עס איז געמאַכט געוואָרן דורך דער נאַכט־שיכט, וויל ער האָט געזען, אַז איך האָב נאָך נישט אָנגעהויבן די אַר־בעט. ער האָט מיר געהאָלפן אַראָפּנעמען דעם טייל און איינשפּאַנען אַ צווייטן אין דער דריי־באַנק.

אַ גאַנצן טאָג בין איך געווען אומרואיק. ווען די נאַכט־שיכט איז געקומען, איז שוין דער פּראָטאָקאָל פון קאָנטראָלער געווען אין דער ביוראָ. מען האָט מיין פּאַרטרעטער פון דער נאַכט־שיכט גערופן, האָט ער געזאָגט, אַז ווען ער האָט פאַרלאָזן די דריי־באַנק, איז נאָך דער טייל נישט געווען פאַרטיק און אַז די שולד איז מיינע. הקיצור, עס האָט אונז ביידן געדראָט מען זאָל אונז צוריקשיקן קיין אוישוויץ. ביז עס איז געקומען זונטיק, ווען מיר האָבן נישט געאַרבעט, האָט מען צוזאַמענגערופן עטלעכע חברים, כדי פעסטצושטעלן דעם אמת. די חברים־קאָמיסיע איז געווען אָביעקטיוו און האָט נישט געקענט פעסטשטעלן וועמענס שולד עס איז. אַלע האָבן געוווסט אַז די זאַך איז זייער ערנסט.

היינט, ווען עס זענען שוין פאַרביי איבער דרייסיק יאָר פון דעם פּאַרפּאַל, און איך ווייס נישט צי איינער פון די ברידער לעבט, קען איך אים פאַרזיכערן, אַז דאָס איז אַבסאָלוט נישט געווען מיין שולד, און איך וואָלט קיינמאָל נישט דערלאָזן, אַז צוליב מיין שולד זאָל מען אַ צווייטן שיקן קיין אוישוויץ.

נאָך עטלעכע טעג, איז געקומען אַ דייטש פון אוישוויץ און האָט אונז ביידן פאַרהערט, צוזאַמען מיטן מייסטער קערעק. מיר האָבן אים דערציילט גענוי ווי עס איז געשען, אַז דאָס איז נישט קיין סאַבאָטאַזש. האָט ער געפרעגט דעם מייסטער: „וואָס מאַכט מען מיט זיי? שיקט מען זיי קיין אוישוויץ?‟ האָט דער מייסטער געזאָגט: „דאָס נישט, ווייל מיר זענען גוטע אַרבעטער‟. ער האָט פאַרגעלייגט, אַז דעם פּרים פון סיגאַרעטן, וועלכע מען גיט אונז יעדן חודש, זאָל מען אונז אין משך פון צוויי חדשים נישט געבן. מילא, אויב נאָר דאָס זאָל זיין אונזער שטראָף!...

אַזוי האָט זיך עס גליקלעך געענדיקט. איך האָב ווייטער פאַריכט קליידער פון דייטשן שומר, באַקומען אַ שטיקל ברויט. זונטיק האָט מען געשפּילט אין שאַך. האָב זייער אָפט געוווּנען, און האָב באַקומען דעם נאָמען פון אַ שאַך־מייסטער. די מאָראַל איז גראָד דעמאָלט געווען אַ בעסערע, ווייל די דייטשן האָבן געהאַט גרויסע מפּלות אויף די פראָנטן.

אין איינעם אַ זונטיק האָב איך באַדאַרפט שפּילן דעם פינאַל־מאַטש. איך האָב זיך שטאַרק געשראָקן, ווייל מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן מיטן דייטשן הויפּט־קאַפּאָ האַנס; איבערהויפּט נאָך ביים פינאַל, ווען אַלע אָנפירער פונעם לאַגער וועלן זיי אָנוועזנד. איך האָב דאָ גאָרנישט געקענט ענדערן. איך האָב אָבער געהאַט אַ שלעכט פאַרגעפיל. דעם זעלבן טאָג, אין דער פרי, איז צו מיר צוגעקומען דער פּיפּל, דאָס הייסט

דער באַדינער פון האַנסן, און זאָגט צו מיר: „דו ווייסט, אַז היינט שפּילסטו אין שאָך מיט האַנסן?... זאָלסט זען צו פאַרלירן"... זאָג איך אים: „יאָוואָל, נאַטירלעך וועל איך פאַרלירן"... כאָטש ווען איך געווין, באַ־קום איך אַביסל זופּ מער, אַ שטיקל ברויט. איך האָב עס באַדאַרפט, ווי דאָס לעבן, כדי צו דערכאַפּן זיך מיט מיינע 34 קילאָ וואָג.

גלייך נאָכן עסן זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע אָנפירער פונעם לאַגער, אַלע קאַפּאָס, די דאָקטוירים, די קוכערס און אַלע שאָך־שפּילער. מיר הייבן אָן צו שפּילן. אַלע אַרום קוקן זיך איין מיט שפּאַנונג, ווייל פאַר האַנסן, דעם דייטש און הויפּט־קאַפּאָ, האָבן אַלע מורא געהאַט, אַלע האָבן געוואָלט זען ווי ער וועט אַרויס מיט דער פּאַרטי. איך האָב גע־מאַכט אויסטערליש־שלעכטע צוגן; ספּעציעל מאַכן זיך פאַרלירן, וואָלט אויסגעזען קאָמיש, און וואָלט אים אפשר באַליידיקט. אָבער ווי אַזוי איך האָב נישט אויסגערעכנט און שלעכט געשפּילט, האָט ער געשפּילט נאָך ערגער. נאָך אַ פּאָר שעה שפּילן, ווען דער שוויס איז פון מיר גערונען, האָב איך דאָך די פּאַרטי געוווּנען. אַלע אַרום האָבן מיך גראַטולירט, אַז איצט בין איך דער פּאַקטישער שאָך־מייסטער פון לאַגער. זיי אַלע, וואָס האָבן מיך גראַטולירט, האָבן אָבער נישט געפילט מיין שרעק, אַז מיטן געווינען, האָב איך מיך אַליין פאַראורטיילט צום טויט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז אָנגעקומען אַ פרישער טראַנספּאָרט פון אוישוויץ און אַלע מוזולמענער פון אונזער לאַגער האָט מען געזאָלט צוריקשיקן, דאָס הייסט, צו פאַרניכטונג, צום אומקום.

אַזויווי מיר שטייען אַלע אויפן פּלאַץ און מען רופט אויס די נו־מערן, און זיי גייען אַרויס פון דער ריי, הער איך מיט איינמאָל, אַז מען רופט אויך מיך אַרויס, מיין נומער. מיר איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. דאָס האָט דער באַנדיט האַנס מיר אָפּגעצאָלט פאַרן פאַרשפּילן צו מיר די פּאַרטיע שאָך. איך האָב געמוזט אַרויסגיין פון דער ריי, צוגיין צו דער גרופּע, וואָס וועט אָפּגעשיקט קיין אוישוויץ.

נאָכן אויסרופן אַלע נומערן, גייען די העפטלינגע צוריק אין די באַראַקן, אָבער מיר, די באַשטימטע קיין אוישוויץ, וואַרטן שוין אין דרויסן אויפן לאַסט־וואָגן. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר זענען פאַרמשפּ־טע. מיר האָט שטאַרק ווי געטון — אַצינד, ווען די אַרבעט גייט שוין נאָרמאַל, איך בין געשעצט אין לאַגער צוליב מיין מייסטערשאַפט אין שאָך־שפּיל. עס פעלט אַ באַפעל אויסצושטעלן זיך אין דער ריי, צו דער לעצטער קאָנטראָל פון די נומערן. איך שטעל זיך פון פאָרנט, ווייל

איך האָב אַלץ אויף ניסים. עס קומט דער דייטש פון אושוויץ, וועלכער דאַרף איבערנעמען די העפטלינגע, אין באַגלייטונג פון יידישן דאָק־טער עטינגער פון אונזער לאַגער. גראַד מיטן דאָקטער עטינגער האָב איך אָפט געשפּילט אין שאַך, דיסקוטירט מיט אים איבער פאַרשיידענע פּראָבלעמען, און אַ שטיקל האָפענונג האָט דאָך געטליעט אין מיר.

ווען דער דייטש מיטן דאָקטער זענען דורכגעגאַנגען, צו זען אויב עס שטימען די נומערן, האָב איך אַ רוף געטון: „דאָקטער!"... ער האָט גאָרנישט געענטפערט און איז ווייטער געגאַנגען. אָבער באַלד דערנאָך קומט ער צוריק מיטן דייטש, רופט מיך אַרויס פון דער ריי און פרעגט מיך:

— וואָס זינט זי פאַן באַרוף?

— מעטאַל־טאָקער! — ענטפער איך גלייך.

— דיזן בראַוכן וויר! — זאָגט ער צום דייטש — זאָל ער בלייבן.

און זיי שטרייכן מיר גלייך אויס פון דער ליסטע. איך בלייב אויפן פּלאַץ, אין דער צייט ווען אַלע אַנדערע זענען אויפגעשטיגן אויף די לאַסט־אויטאָס, אין זייער לעצטן וועג...

אַזוי ווי דער לאַסט־אויטאָ איז אָפּגעפאָרן, איז צו מיר צוגעקומען דער דאָקטער און זאָגט מיר, אַז ס'איז דאָ אַ געפאַר, אַז האַנס קען מיר נאָך דאָס צווייטע מאָל ווידער שיקן קיין אושוויץ. דערפאַר הייסט ער מיר גיין אין קראַנקן־הויז, אַז איך זאָל זיך פאַרשרייבן אַלע קראַנקער. דעם אַנדערן טאָג קומט דער דאָקטער אַריין און פרעגט מיך שטילער־הייט, וואָס פאַראַ קראַנקייט ער זאָל מיך דעקלאַרירן? זאָג איך אים, אַז איך בין גאָרנישט קראַנק, ווייל דעם אמת געזאָגט, בין איך דווקא אין די אַלע יאָרן פון דעפּאָרטאַציע נישט קראַנק געווען, אַפילו קיין היץ נישט געהאַט. איך בין אָבער געווען זייער אָפּגעשוואַכט. זאָג איך אים, ער זאָל מיר אָפּשניידן אַ פינגער פון פוס, וועל איך דאָ קענען בלייבן אַ לענגערע צייט.

אַזוי איז טאַקע געווען. ס'זענען געמאַכט געוואָרן אַלע צוגרייטונ־גען צו דער אָפּעראַציע, כאָטש קיין שלאָף־געטראַנק איז אין לאַגער נישט געווען. געווען אין לאַגער אַ יידישער כירורג, און ער האָט מיך געטרייסט, אַז ער וועט עס מאַכן אַזוי, ס'זאָל נישט צופיל ווי טון. מען האָט מיר געגעבן באַרואיקונגס־מיטלען. צוויי באַדינער האָבן מיך פעסט צוגעהאַלטן, און דער כירורג, האָט דורכגעפירט די אָפּעראַציע, אָפּגע־שניטן מיר דעם מיטלסטן פינגער פון לינקן פוס. ביים איינשניידן דאָס

פלייש איז נישט געווען אַזוי ווייטיקלעך, אָבער מ'האָט דעם ביין גע־מוזט אָפּברעכן, און דאָ האָב איך דערפילט שרעקלעכע ווייטיקן. זיי האָבן מיך אָבער אַזוי פעסט צוגעהאַלטן, אַז איך האָב זיך נישט געקענט קיין ריר טון, בפרט אַז כ'בין געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט. זיי האָבן מיר דעם פוס באַנדאַזשירט און צוריקגעלייגט אין בעט. ביסלעכוויז בין איך געקומען צו זיך. איך האָב אַפילו געלייענט ביכער, געשפילט אין שאַך.

דער דאָקטער עטינגער איז אָפט אַריינגעקומען געוויר ווערן וואָס איך מאַך. זאָג איך אים איינמאָל, אַז אין 19־טן יאָרהונדערט איז געווען אַ באַרימטער יידישער שרייבער, אויך אַ דאָקטער, מיטן נאָמען שלמה עטינגער. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געהערט פון אַ דאָקטער עטינ־גער, אַ יידישער שרייבער. מען האָט געזוכט אין אַ ייִדיש־דייטשן לעק־סיקאָן און דעם נאָמען נישט געפונען. דערווייל האָב איך זיך אויסגערוט. אין דרויסן זענען געשטאַנען קעלטן, שנייען, ווינטן. ס'איז געווען סוף יאָר 1944, אָנהייב יאַנואַר 1945.

כמעט צוויי חדשים בין איך אָפּגעלעגן אין קראַנקן־הויז, ביז איך האָב שוין געמוזט אומקערן זיך צו דער אַרבעט. דעמאָלט האָב איך גע־בעטן דעם דאָקטער עטינגער ער זאָל מיר אָפּשניידן דעם פינגער פון צווייטן פוס. האָט ער געזאָגט, אַז ס'איז געפערלעך, ווייל אויב איך וועל זיין צו לאַנג קראַנק, קען מען מיר נאָך צוריקשיקן קיין אוישוויץ. בין איך אַרויס פון קראַנקן־הויז און צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט אין פאַבריק, צום הויפּט־מייסטער קערעק, אונטער דער לייטונג פון קליי־נעם מייסטערל, אַ מענטשל, וואָס איז מיט קליינע טריטעלעך, נישט גע־גאַנגען, נאָר געלאָפן.

די מיליטערישע לאַגע אויף די פראָנטן האָט זיך געענדערט מיט יעדן טאָג. עס זענען געווען קלאַנגען, אַז מען וועט אונז עוואַקואירן אין אַן אַנדער לאַגער. בין איך שוין געווען צופרידן, וואָס מען האָט מיך נישט אָפּערירט אויפן צווייטן פינגער פון פוס, ווייל איך וואָלט נישט געקאָנט מיטהאַלטן דעם ריטם ביים גיין צו פוס. און דעמאָלט... ווער ווייס וואָס עס וואָלט געשען.

אין דער צייט, פון מיין נישט זיין אין פאַבריק, האָט מען געטוישט עטלעכע דייטשן, וואָס האָבן אונז געהיטן. דער הויפּט־אָנפירער אין דער וואַך פון דער פאַבריק ביי אונזער שיכט איז געווען אַ קליינער דייטש, אפשר 1 מעטער 50 די הויך. פאַר אים האָט מען געמוזט מאַכן דעם

מיליטער־מונדיר צו דער מאָס. ער איז תמיד געווען גוט אָנגעטון און געווען אַ גאַנץ פיינער מענטש, האָט זיך באַצויגן מיט פאַרשטענדעניש צו די העפטלינגע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט רעדן מיט אונז און איז צוריק אַריין אין זיין ביוראָ.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט מען שוין זייער ערנסט גערעדט, אַז מען וועט אונז עוואַקואירן. די ציווילע אַרבעטער האָבן געבראַכט פרישע צייטונגען, און יעדער איינער האָט געקענט אַריינקוקן אין זיי. ווען איך האָב באַקומען די צייטונג, בין איך אַריין אין אַ צווייטן זאַל, וווּ עס זענען אָנגעלעגט אין דער וואַנט געשטאַנען גרויסע בלעכן. כ׳בין אַרונטערגע־קראָכן צווישן די בלעכן און געלייענט די צייטונג. כ׳בין דערנאָך צוריק אַוועק צו מיין מאַשין. קומט צו מיר גלייך צו דאָס קליינע מייסטערל און פרעגט מיך: וווּ איך בין געווען? ווייל מען האָט שוין געוואָלט מאַכן אַן אַלאַרם, אַז איך בין אַנטלאָפן. זאָג איך אים, אַז איך בין געווען אין טואַלעט. זאָגט ער אַז דאָס איז נישט אמת, ווייל מען האָט מיך אומע־טום געזוכט און נישט געפונען. אַפילו דער שעף האָט מיך געזוכט. איך האָב גלייך געוווּסט, אַז דאָס איז די מסירה פון קליינעם מייסטערל. ער נעמט און פירט מיך אַוועק אין דער ביוראָ, וווּ עס האָט אומגעדולדיק געוואַרט דער קליינער שעף. אויף זיין פראַגע, וווּ איך בין געווען, זאָג איך אים אַז אין טואַלעט. כ׳קען דאָך אים נישט זאָגן, אַז כ׳האָב געלייענט אַ צייטונג. ווערט ער שטאַרק אויפגערעגט און זאָגט צום אַנדערן דייטש, אַז מען וועט מיך צוריקשיקן קיין אוישוויץ. עס איז מיר געוואָרן זייער ביטער אויפן האַרצן, ווייל איצט קען מיך קיינער נישט ראַטעווען מער, און איך רוף זיך אָן:

— אַלע זאָגן, אַז איר זענט דער פיינסטער פונעם לאַגער און איצט ווילט איר מיך אַוועקשיקן קיין אוישוויץ... איר ווייסט אַליין, אַז דאָס איז — אומקום. איר נעמט עס אויף אייער געוויסן...

קוקט ער זיך איבער מיטן צווייטן דייטש און זאָגט:

— יאָ, דו האָסט רעכט!

און הייסט זיך מיר אַוועקלייגן אויפן בענקל, נעמט אַ שטעקן און גיט מיר 20 שמיץ איבערן הינטער־לייב. דערנאָך לאָזט ער מיר צוריק־גיין צו דער אַרבעט. איך האָב אים נאָך געדאַנקט, און בין שנעל צוריק געלאָפן צו דער דרייבאַנק אין דער פאַבריק־האַליע. איך האָב דעם טאָג זייער פלייסיק געאַרבעט, און מער נישט געלאָפן כאַפּן אַ צייטונג צום לייענען. כאָטש איך בין געווען זייער פאַראינטערעסירט אין דער

סיטואַציע אויף די פראָנטן, ווייל די שפּאַנונג איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג.

די קלאַנגען וועגן פאַרלאָזן דעם לאַגער האָבן זיך באַשטעטיקט. מען זאָגט אונז אין איינעם אַ טאָג צוצוגרייטן זיך צום אַוועקגיין פון דאַנען. דער טאָג־שיכט איז שוין מער נישט אַרויס צו דער אַרבעט. מען הערט שוין פון גאָר ווייט אַ שיסעריי. אַוויאָנען פליען כסדר איבער אונזער לאַגער. מען רופט אָן אַפּעל. אַלע העפטלינגע שטייען אין דער ריי, אין פראָסט, און מיר גרייטן זיך אַרויסצומאַרשירן. קומט מיט איין מאָל אָן אַנדער באַפעל, מיר זאָלן צוריקגיין אין די באַראַקן, און די שיסעריי הערט זיך אַלץ נענטער און נענטער. וואָס קען עס באַדייטן? מיר האָבן געמיינט, אַז די באַפרייאונג קען קומען אַ ליאָדע שעה. און אפשר קען מען אונז שוין מער נישט עוואַקואירן, ווייל די אַרמייען פון די אַלירטע האָבן איבערגעשניטן אַלע וועגן? ביי מיטאָג האָבן מיר באַקו־מען נאָרמאַל די זופּ, פאַרבליבן אין די באַראַקן.

ווי ס'איז נאָר פינצטער געוואָרן, באַקומען מיר אַ באַפעל צו שטעלן זיך אין רייען. אַלע האָבן מיטגענומען זייערע קאָלדרעס, איינגעוויקלט זיך, אין דער גרויסער קעלט. מיר פאַרלאָזן דעם לאַגער, שטאַרק באַ־וואַכט. מיר האַלטן אין איין מאַרשירן. די שיסערייען ווערן אַלץ שוואַ־כער, שוואַכער. און די האָפענונג איז כמעט אויסגערונען; ס'הייסט, מיר דערווייטערן זיך פון די פראָנט־ליניעס. מיר זענען דאָך שוין גע־ווען אַזוי נאָענט פון דער באַפרייאונג.

וואָס עס איז געוואָרן מיט די קראַנקע, פאַרבליבענע אין לאַגער, האָבן מיר מער קיינמאָל נישט געהערט.

# קאַפּיטל 10

## מאַטהאַוזען

מען האָט אונז צוגעפירט צו עפּעס אַ באַן־סטאַציע, און מיר זענען אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין וואַגאָנען. ס'איז נישט געווען אַזוי ענג, מען האָט געקענט זיצן, כאַפּן אַ דרימל, אָבער עפּעס צו עסן, אָדער טרינקען, האָבן זיי נישט געגעבן. דער הונגער האָט געמאַטערט. די אילוזיע באַפרייט צו ווערן — איז אויסגערונען. מיר זענען אַזוי געפאָרן אפשר אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

אָפּגעשטעלט האָט מען זיך אין עסטרייכישן שטעטל מאַטהאַוזען. דער שניי איז געלעגן הויך, אַ בייסנדיקע קעלט האָט אַלע אַרומגענומען, כאָטש מ'האָט זיך געוויקלט אין דער קאָלדרע. מיר זענען געגאַנגען דורכן שלאָפנדיקן שטעטל. אוי, ווי מיר זענען מקנא געווען די רואיקע מענטשן, הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס.

מיר זענען שוין אַרויס אויף יענער זייט שטעטל, צוגעקומען צו אַ באַרג, און אין ליכט פון דער שניי־ווייסקייט, האָבן מיר דערזען אַ שטיין־האָקעריי. פון דאָרט איז נישט ווייט געווען צום לאַגער מאַטהאַוזען.

די קאַפּאָס האָבן שוין געוואַרט, און באַפוילן אויסצושטעלן זיך אין רייען. ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, זענען כמעט אַלע קאַ־פּאָס דאָרט געווען שפּאַנישע פרייהייט־קעמפער, פון דער רעפּובליקאַ־נישער אַרמיי. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט דייטש. זיי האָבן אויסגערופן, אַז אַלע געוועזענע קאַפּאָס זאָלן זיך מעלדן, אַרויסגיין פון דער ריי. עס האָבן זיך געמאָלדן עטלעכע פּוילישע קאַפּאָס און אויך יאַקוב האָט זיך געמאָלדן. זיי האָבן אַוודאי געמיינט, אַז אויך אין מאַטהאַוזען וועט מען זיי באַשטימען פאַר קאַפּאָס. דעם הויפּט־קאַפּאָ, האַנס, האָב איך דאָרט

נישט געזען. ער איז זיכער פאַרבליבן אין פריערדיקן לאַגער, ווייל ער איז געווען אַ דייטש און — פּריווילעגירט.

זיי האָבן זיך אויך געוואָנדן צו אַלע העפטלינגע, מען זאָל אַרויסגעבן אַלע קאַפּאָס, וואָס האָבן זיך נאָך נישט געמאָלדן. איך האָב געזען צווישן אונז דעם בחור, וועלכער האָט מיר אין דער ציגעלניע כסדר געשלאָגן אין פּנים אַריין, אונטערגעהאַקט מיר אַן אויג. איך האָב אים אָבער נישט אויסגעגעבן. איך האָב מיר געקלערט — זאָל ער פאַלן אויף אַנדערע הענט.

די אַלע קאַפּאָס האָט מען ערגעץ אַוועקגעפירט און אונז האָט מען אַריינגעפּאַקט אין אַ גרויסן באַראַק. עס איז געווען אַן ענגשאַפט. מיר זענען דאָרט פאַרבליבן פאַרשפּאַרט ביז צומאָרגנס. גאַנץ פרי איז געקומען אַ באַפעל צו גיין אין באַקליידונגס־קאַמער. די, וואָס זענען געקומען די ערשטע, האָבן באַקומען פרישע מלבושים, די אַנדערע האָט מען אַוועקגענומען זייערע אַלטע שמאַטעס און זיי נישט געגעבן קיין פרישע. האָבן זיי זיך געמוזט איינוויקלען אין די קאָלדרעס. די איבעריקע זענען געבליבן אין זייערע געשטרייפטע מלבושים.

מען האָט אונז געפירט אין דער ביוראָ, צו באַקומען פרישע נומערן. די נומערן פון אוישוויץ זענען דאָ נישט געווען גילטיק. גראַד בין איך געווען פון די לעצטע צו באַקומען דעם פרישן נומער. אין ביוראָ האָב איך באַמערקט אַ מאַן, וואָס איז מיר געווען קענטלעך, איך בין אָבער נישט געווען זיכער, צי דאָס איז ער טאַקע. דאָס איז געווען דער קאַפּאָ יאַקוב; ווייל דורך דער איינער נאַכט האָט מען אים אַזוי צעשלאָגן דאָס פּנים, אַז עס איז געווען כמעט אוממעגלעך אים צו דערקענען. איך הער ווי איין קאַפּאָ זאָגט צו יאַקובן:

— דיזע נאַכט ווירסט דו דיך דאָ אויפהענגען...

און ער האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ האָקן אין סופיט.

— יאַוואָל! — האָט יאַקוב גלייך אויסגעשריגן...

און אויפן צווייטן טאָג האָט ער זיך טאַקע אַליין אויפגעהאַנגען. אָדער מען האָט אים אויפגעהאַנגען. מיר האָבן אָבער געוואָלט וויסן וואָס עס איז געשען מיט די פּוילישע קאַפּאָס. דעם ערשטן טאָג האָט מען זיי נישט געזען, ווייל מען האָט זיי פאַרהאַלטן אין דער ביוראָ. די שפּאַנישע פרייהייט־קעמפער האָבן זיי נישט צעשלאָגן און נישט באַפוילן זיי זאָלן זיך אויפהענגען. זיי האָט מען געגעבן פרישע קליידער, פרישע נומערן. זיי האָבן פאַרנומען אַ ווינקל פון באַראַק. מען האָט זיי,

הייסט עס, געשווינט. ווען אַלע העפטלינגע זענען שעהן־לאַנג געשטאַנען אין דרויסן, אין די גרויסע שנייען און קעלטן, דער ווינט האָט געריסן פון אונז שטיקער, זענען זיי זיך געלעגן אין באַראַק. עס האָט זיי גאָר־נישט געפעלט. ס'הייסט, אַז די שפּאַנישע קעמפער און די פּוילישע קאַ־פּאָס האָבן זיך געגעבן די הענט.

פיר אַזייגער פאַרטאָג האָט מען שוין געמוזט אַרויס פון באַראַק און שטיין אין דרויסן, ביז ס'האָט זיך געענדיקט דער אַפּעל. פאַרוויקלט אין די קאָלדרעס, האָבן מיר געציטערט פון קעלט. דער לאַגער אין מאַטהאַוזען איז אין יענע פאָר וואָכן געווען איבערפולט, ווייל פון אומע־טום האָט מען די עוואַקואירטע געברענגט אַהער. ביזן אַפּעל איז נאָך געווען צוויי שעה צו וואַרטן אין דרויסן. עטלעכע זענען אויסגעקליבן געוואָרן, צו גיין אין באַראַק צו וואַשן די פּאַדלאָגעס. אויך איך בין איין מאָל צוגעטיילט געוואָרן צוריקצוגיין אין באַראַק. האָב איך געזען, ווי די פּוילישע קאַפּאָס ליגן זיך אויף זייערע פּריטשן. ביי מיטאָג, ווען די העלפער פון די קאַפּאָס זענען געגאַנגען ברענגען די זופּ, האָב איך געזען ווי איינער האָט געברענגט פאַר זיי אַ גאַנצע קאַן מיט צוקער. ווי וואָלט געווען צו דעם, וואָס וואָלט אַרויסגעכאַפּט אַ ביסל צוקער. אַ שעה שפּע־טער וואָלט ער שוין נישט געלעבט. אַפילו די, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד אויסצולעקן דאָס ביסל זופּ, וואָס האָט זיך פאַרגאָסן, האָבן געכאַפּט קלעפּ. יעדער איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן די בלעכערנע קעסלען, און די קאַפּאָס האָבן אויסגעטיילט די וואַסערדיקע זופּ. דאָס געדיכטע איז נאַטירלעך געלעגן סאַמע אונטן. יעדער האָט דעריבער געוואָלט זיין פון די לעצטע. האָבן די העלפערס געשלאָגן די אַלע מיט שטעקנס. ווייל מ'האָט זיך צופיל געשטופּט, און ווען מ'האָט אָנגעהויבן אַ פרישן קעסל האָט קיינער נישט געוואָלט שטעלן זיך אין דער ריי; האָבן די העלפערס ווידער געשלאָגן, פאַרוואָס מען שטעלט זיך נישט אין דער ריי. עס האָט זיך אָבער נישט געפונען קיין איין העפטלינג, וואָס זאָל וואָגן צו זאָגן דעם קאַפּאָ, פאַרוואָס עס מישט נישט אויס דעם קעסל, די זופּ זאָל נישט זיין אַזוי וואַסערדיק פון אויבן. ווען עמיצער זאָגט די שפּאַנישע פרייהייט־קעמפער, פאַרוואָס ער מישט נישט אויס די זופּ, וואָלט יענער מיט אַ שעה שפּעטער שוין מער נישט געלעבט. דאָס האָבן מיר שוין גוט געוווסט.

פונדעסטוועגן איז דאָס געמיט געווען אַביסל לייכטער, ווייל מיר האָבן געפילט, אַז מיט יעדן טאָג דערנענטערן מיר זיך צום סוף פון

דער וויסטער מלחמה. דורך אַלע יאָרן, ביטערע מאָמענטן, וואָס איך האָב דורכגעלעבט, האָט זיך עפּעס ביי מיר דער אָפּטימיזם, קיינמאָל נישט אָפּגעטאָן. כ׳האָב תמיד געהאַט די האָפענונג, אַז כ׳וועל אַרויס לעבעדיק פון דעם גיהנום. און היינט, ווען איך נעם אַרויס דאָס אַש פונעם אויוון און געפין אַ נישט פאַרברענטע קויל, דערמאָנט עס מיר מאָדנע אינם קוילעכל, וואָס כ׳בין געווען און בין אַרויס פון אַזאַ העליש פייער. מיר זענען געווען (ווי מיר זענען עס תמיד אין אונזער געשיכטע), ווי דער סנה אין מדבר, וואָס ברענט און ברענט און ווערט נישט פאַר־ברענט.

מאַטהאוזען איז געווען איינער פון די שווערסטע לאַגערן. מיר זענען אַריינגעפאַלן אַהין אין די גרעסטע קעלטן און שנייען. מיר האָבן געמוזט לאַנגע שעהן שטיין אין דרויסן, כלומרשט נישט שמוציק צו מאַכן דעם באַראַק. אין איינעם אַן אָוונט, ווען מ׳האָט אונז שוין צוריק אַריינגעלאָזט, נאָכן אַפּעל, מ׳האָט זיך צוזאַמענגעדריקט אויף די פּריטשן, אָנצוואַרעמען זיך אַביסל, קומט אַ באַפעל אַז מען טאָר נישט אַרויסגיין, ווייל מען האָט געברענגט אַ פרישן טראַנספּאָרט. דאָס זענען געווען סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. עס איז געווען זייער שטיל, אָבער ווען מען האָט זיי געוואָלט אַריינפירן אין וואַש־רוים, האָבן זיי מורא געקריגן, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ גאַז־קאַמער. זיי האָבן שוין גע־ווּסט, אַז מען פאַרגאַזט די געפאַנגענע. האָבן זיי זיך רעוואָלטירט, גע־שטעלט אַ ווידערשטאַנד, זיך דערנענטערט צו די שטעכל־דראָטן. האָט מען פון די וואַך־טורעמס פון אַלע זייטן גענומען שיסן אויף די סאָוויעטי־שע געפאַנגענע. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר געהערט די שי־סעריי. מען האָט די לעבן־געבליבענע סאָוויעטישע געפאַנגענע אַלע דערשאָסן.

דעם אַנדערן טאָג האָט מען שוין די רויט־אַרמייער געפאַנגענע, אין ערגעץ נישט געזען, אָבער דער גאַנצער וועג איז געווען באַשפּריצט מיט בלוט. האָבן מיר געזען, אַז אַפילו דער קלענסטער ווידערשטאַנד ענדיקט זיך מיט — טויט.

ווען מ׳האָט איינמאָל געמאָלדן, אַז מען דאַרף האָבן פאַבריק־שלאָסער, ווערקצייג־מאַכער, מעטאַל־טאָקער, האָב איך זיך גלייך געמאָלן, איך און נאָך עטלעכע פשעמישלער חברים, צווישן זיי — שנייבוים און יאַקוב טאָובע. דעם אַנדערן טאָג איז געקומען אַן איננזשיניער און האָט אונז אויסגעפרעגט, גלייך אויפגעשריבן אונזערע נומערן און גע־

זאָגט, אַז אין קורצן וועלן מיר פאַרלאָזן דעם לאַגער און קומען אין זיין פאַבריק.

זענען מיר שוין אַלע געווען גליקלעך, צו פאַרלאָזן אַזאַ שרעק־לעכן לאַגער, מיט די שפּאַנישע „רעוואָלוציאָנערע" קאַפּאָס; זיי האָבן אונז בייטאָג כמעט קיינמאָל נישט אַריינגעלאָזן אין באַראַק, אַלע האָבן געמוזט שטיין אין דרויסן.

ס'איז געקומען דער לאַנג־אויסגעקוקטער טאָג, ווען מ'האָט אויס־גערופן אונזערע נומערן. מיר האָבן זיך געשטעלט אין דער ריי, ביז מען האָט באַפוילן און מיר זענען אַוועק צו דער באַן־סטאַציע מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן מיר זענען געקומען.

# קאַפּיטל 11

## גוזען צוויי

די באַן האָט אונדז געזאָלט פירן אין דער פאַבריק. מיר האָבן אָבער נישט געוווּסט ווו זי געפינט זיך. געהערט, האָבן מיר אַז מיר קענען דערווייל נישט פאָרן אַהין, ווייל דער צוג מוז דורכפאָרן דורך דרעזדען; און גראָד אין דער צייט איז די שטאָט שטאַרק באָמבאַרדירט געוואָרן דורך דער ענגלישער אַוויאַציע. זענען מיר דערווייל געבליבן וואַרטן אויף דער סטאַציע. מיט גרויסער פאַרשפּעטיקונג האָט דער צוג געריירט. ער איז אָבער מער געשטאַנען ווי געפאָרן. מען האָט אונדז געבראַנגט דערווייל אין אַ טראַנזיט־לאַגער, וואָס האָט זיך גערופן: גוזען. דאָרט איז געווען אַ פאַבריק פון די דייטשע מעסערשמידט־אַוויאָנען. דער לאַ־גער איז געווען צעטיילט אין דריי אָפּטיילונגען: נומער 1, נומער 2, נומער 3. מיר זענען געבראַנגט געוואָרן אין נומער צוויי. די דיסציפּלין — פּונקט ווי אין אַלע לאַגערן. די באַראַקן זענען געווען קליינע, דער הערשער אין יעדן באַראַק, ווי געוויינלעך — דער קאַפּאָ. ער האָט געקענט מאָרדן זיינע העפטלינגע, וויפל אים איז געפעלן געוואָרן, אָבער אין דער פרי, צום אַפּעל, אָדער אין אָוונט, האָט די צאָל געמוזט שטימען; נישט קיין חילוק, צי דער העפטלינג איז לעבעדיק, אָדער טויט. מיט אונדז האָט ער אָבער גאָרנישט געקענט טאָן, ווייל מיר זענען דאָ געווען אין טראַנזיט. אין פאָדערהויז פון יעדן באַראַק איז געשטאַנען אַ גרויסע פאַס מיט וואַסער. פון אָנהייב האָבן מיר גאָרנישט געוווּסט — נאָכוואָס? אָבער באַלד האָבן מיר געזען צו וואָס די פולע פאַס מיט וואַסער דינט.

אין דעם לאַגער איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון מאָגן־קראַנק־הייט. מען האָט געבראַנגט דאָקטוירים און זיי האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דאָס עסן פאַר די העפטלינגע איז צופיל געזאַלצן. האָט די אַדמיניסט־

ראַציע פאַראָרדנט איבערהויפּט נישט אַריינצוטאָן קיין זאַלץ אין עסן. אין דעם לאַגער האָט מען יעדן טאָג צו מיטאָג געגעבן רויטע צוקער־ריבן, נאַטירלעך, אָן זאַלץ. פיל האָבן עס נישט געקאָנט נעמען צום מויל. ווי איך בין נישט געווען אויסגעהונגערט, געוואָלט נעמען עטלע־כע לעפל צום מויל, האָב איך עס אַוועקגעגעבן מיינע חברים. אָבער די עפּידעמיע האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. דער קאַפּאָ האָט שוין גלייך דערקענט די העפטלינגע, וואָס זענען קראַנק. ווי נאָר יענער איז אַרויס פון טואַלעט, האָט ער אים פאַרהאַלטן אין פּאָדערהויז, איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און אַזוי אים געהאַלטן עטלעכע מינוט אין גרויסן פאַס וואַסער, ביז דער אומגליקלעכער האָט אויסגעהויכט די נשמה.

די דאָזיקע מערדערישע סצענעס האָבן זיך איבערגעחזרט יעדן טאָג. נישט די דייטשן אַליין האָבן אומגעברענגט די העפטלינגע; עס האָבן זיך תמיד געפונען פּוילישע, אוקראַינישע, אָדער שפּאַנישע קאַ־פּאָס, וועלכע האָבן געטון זייער שמוציקע אַרבעט, און די דייטשן האָבן עס אַליין נישט געמוזט מאַכן. ביי אונז אין באַראַק איז דער קאַפּאָ געווען אַ פּאָליאַק, אַ נידעריקער, אָן אַנגעפּרעסענער, אַ גרויסער באַנדיט. ער איז געווען אַ באָקסער, האָט געהאַט ספּעציעלע באָקס־הענטשקעס און האָט יעדעס מאָל אויסגעוויילט אַ העפטלינג, וואָס האָט געמוזט מיט אים באָקסן. גראָד איז אין אונזער טראַנספּאָרט אויך געווען אַ באָקסער פון באַרוף, אַ נידעריקער, אַ ברייט־פּלייציקער. ווען דער קאַפּאָ האָט געזוכט אַ באָקסער, האָט זיך יענער געמעלדן. זיי האָבןביידע אָנגעטון די הענטשקעס און אָנגעהויבן דעם קאַמף. די העפטלינגען, וואָס האָבן זיך אַרומגעשטעלט, האָבן געוואָלט אַז אונזער באָקסער זאָל זיגן. און אַזוי איז טאַקע געווען. ער האָט דעם קאַפּאָ אַזוי צעשלאָגן, אַז אין דעם טאָג האָט ער נישט געהאַט קיין כוח צו דערטרינקען זיינע קרבנות אין דעם פאַס וואַסער. ווען דער העפטלינג וואָלט געווען פון זיין באַראַק, וואָלט ער שוין מער נישט געלעבט. אָבער אונזער באָקסער איז געקו־מען אין טראַנזיט און יענער האָט גאָרנישט געקענט טאָן. (אגב, איז אונזער באָקסער נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין פּאַריז).

מיר זענען אין דעם לאַגער פאַרבליבן נאָך עטלעכע טעג. איך בין פאַר דער צייט זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ווייל איך האָב נישט געקאָנט עסן די בוראַקעס אָן זאַלץ. אין אַ פרימאָרגן, ווען מיר זענען געשטאַנען אין דער ריי, האָט מען אונז באַפוילן אָפּצומאַרשירן צו דער באַן־סטאַציע. מיר זענען איינגעשטיגן אין געוויינלעכע פערזאָנען־וואַגאָ־

נען, ווייל עס זענען מער נישט געווען קיין טראַנספּאָרט־וואַגאָנען; האָבן באַקומען אַ שטיקל שוואַרץ ברויט, וואָס האָט געסקריפּעט צווישן די ציין, פול מיט זאַמד. קיין וואַסער האָבן זיי אָבער נישט געגעבן. איך האָב עס גלייך איינגעשלונגען, כאָטש אַנדערע האָבן באַהאַלטן אַ שטיקל אויף שפּעטער. אַצינד האָט געמאַטערט דער דורשט. מען האָט צוגעבונדן אַ קאַנסערוון־שאַכטל צו אַ שטריקל און אַרויסגעלאָזן עס איז דרויסן, עס האָט געשנייט, און מיטן שניי האָט מען אַזוי אַביסל געשטילט דעם דורשט.

אויפן אַנדערן, אויפן דריטן טאָג איז די לאַגע געוואָרן ערגער. דער צוג איז אַלץ אָפטער שטיינגעבליבן, צוליב די באָמבאַרדירונגען, און מיר האָבן נישט געקאָנט פאָרן דורך דרעזדען. דער צוג האָט אַרום־געקרייזט קליינע אָרטשאַפטן. אַזוי זענען מיר געפאָרן טעג און נעכט אָן עסן.

אין דעם צוג האָב איך געטראָפן דעם העפטלינג פון פּאַריז, קאַנאַר. ער לעבט אין פּאַריז. ער האָט מיר דערציילט וועגן יידישן פּאָליטיש־קולטורעלן לעבן אין פּאַריז, און דאָס האָט אין מיר דערוועקט אַ חשק צו זיין אין פּאַריז; אָבער דעמאָלט איז עס נאָך געווען אַ חלום...

שווער איז געווען ביינאַכט. מען האָט נישט געקענט שלאָפן אין דער ענגעניש; איז מען געלעגן צו צוויי אויף אַ באַנק, איינער צופוסנס פון אַנדערן, אַזוי מאָגער זענען מיר געווען. אויף איין באַנק זענען געלעגן שנייבוים און יאַקוב טאַובע,ביידע פון פּשעמישל. טאַובעס פוס האָט זיך אָפּגעריבן אין שנייבוימס שיך, ער האָט אָבער נישט געלייגט קיין אַכט דערויף — אַ קליינע וווּנד, קען זיך עס לייכט פאַרהיילן. אָבער אין יענע באַדינגונגען האָט זיך די וווּנד נישט אַזוי לייכט פאַרהיילט. די וווּנד איז געוואָרן אַביסל רויטלעך, האָבן מיר געקלערט, אַז ווען מיר וועלן אָנקומען אין דער פאַבריק, וועט מען עס באַנדאַזשירן און עס וועט זיך לייכט פאַרהיילן.

# קאַפּיטל 12

## גרעידיץ
## מיטל-דייטשע שטאָל-ווערקע

נאָך פינף טעג און נעכט, זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַציע גרעידיץ, אין מיטל־דייטשלאַנד, אויסגעשעפּטע און הונ־געריקע. עס האָבן שוין געוואַרט אויף אונז לאַסט־אויטאָס, צו פירן אין דער פאַבריק. קיין ספּעציעלער לאַגער פאַר העפטלינגע איז דאָרט נישט געווען, נאָר אין אַ זייט פון דער פאַבריק־געביידע, אין דער גאַנ־צער לענג, זענען געבויט געוואָרן גרויסע האַלן, אָן פענצטער צום דרויסן, נאָר מיט די פענצטער צו דער פאַבריק. אַזוי אַז דאָס ליכט פון טאָג האָט מען נאָר געקאָנט זען דורך די טונקעלע פאַרבלאָטיקטע פאַבריק־שויבן. געאַרבעט האָט מען דאָ אין צוויי שיכטן, צו 12 שעה; דער טאָג־שיכט, פון 6 פאַרטאָג ביז 6 אָוונט. האָט אַ גאַנצע וואָך נישט אָנגעזען די טאָג־שיין. ס'איז געווען אַ פּראָוויזאָרישער טואַלעט, די העפטלינגען זאָלן נישט מוזן אַרויסגיין אין דרויסן.

דאָ האָט מען אונז ווידער געגעבן נייע נומערן, ווייל מיר האָבן געהערט צום נעבן־לאַגער פון פלאָסענבורג. די נומערן זענען געווען אויפ־געקלאַפּט אויף בלעכלעך און מען האָט עס מיט אַ קייטעלע געטראָגן אויף דער האַנט. נאָך אַ צייט זיין אין לאַגער האָבן די קוכערס באַמערקט, אַז העפטלינגע פון אַ צווייטער שיכט נעמען צוויי מאָל זופּ. האָבן זיי געלאָזט אויסקלאַפּן רונדע בלעכלעך פון דער ערשטער און צווייטער שיכט. ספּעציעל פאַר דער נאַכט־שיכט. יעדער האָט געמוזט אָנהענגען זיין בלעכל, ביינאַכט — צוויי. יעדער האָט באַקומען צוגעטיילט זיין אַרבעט ביי אַ מאַשין. מיך האָט מען צוגעשטעלט צו אַ דריי־באַנק, ווו עס זענען געמאַכט געוואָרן טיילן פאַר באַוואָפענונג.

אין פריערדיקן לאַגער זענען מיר יעדן טאָג געגאַנגען פון לאַגער אין דער פאַבריק, מען האָט געגאַסן פון אַ ביסל לופט. אָבער דאָ איז מען וואָכן־לאַנג נישט אַרויס אין דרויסן, אַפילו נישט געזען דעם הימל פאַר זיך. דער לייטער פון דער פאַבריק איז געווען אַן אַלטער מיליטערמאַן, אָנגעהאַנגען פול מיט מעדאַלן אויפן מונדיר. ער איז אַרומגעגאַנגען, זיך כסדר געבראָכן די הענט און קיינער האָט נישט געוווסט פאַרוואָס.

די לייז האָבן אונז געפרעסן. מען האָט געמוזט אויסטון די העמדער, די הויזן, צו זוכן די אומפלייט. איז מען געפאַלן אויף אַן איינפאַל: פון די ווייסע שטיקער לייוונט, וואָס מען האָט אונז געגעבן צו פוצן די מאַשינען, האָט מען אויסגעשניטן אַ רונד שטיקל שטאָף, אָנגענייט אויפן רוקן פון העמד. מען האָט באַלד געזען, ווי די לייז קריכן אַלע אויפן ריינעם שטיקל לייוונט. האָט מען פּאַוואָליע אויסגעטאָן דאָס העמד, אָפּגעריסן דאָס ווייסטע שטיק לייוונט, עס פאַרברענט, צוזאַמען מיט די לייז, און אָנגענייט אַן אַנדערס.

שווערער איז געווען, ווען מען האָט געאַרבעט בייטאָג און געשלאָפן ביינאַכט. די לייז בייסן מייסטנס ביינאַכט. מען האָט געזען אַ גאַנצע נאַכט זיצן ביים פענצטערל העפטלינגע, ווייל דאָרט איז געווען אַביסל ליכט, וואָס איז געפאַלן פון דער פאַבריק, און קלייבן די לייז.

לעבן מיין דריי־באַנק האָט געאַרבעט אַ יונגער פּאַליאַק. פון אָנהייב האָט ער זיך אַרויסגעוויזן זייער אָנשטענדיק. ער האָט מיר דערציילט פון וועלכן לאַגער ער איז געקומען קיין מאַטהאַוזען, דערנאָך מיט אונזער טראַנספּאָרט קיין גרעידעץ. ווען מען האָט געזוכט אַן אינפירמיער, צו באַדינען די קראַנקע, (כאָטש קיין מעדיקאַמענטן זענען איבערהויפּט נישט געווען), האָט זיך דער יונגער פּאַליאַק געמאָלדן, אַז ער איז אַן אינפירמיער. האָב איך אים געזאָגט:

— ביסט דאָך אַ שלאָסער, אַרבעטסט אַלס מעטאַל־טאָקער, ווי קענסטו נעמען אויף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און היילן מענטשן, ווען דו האָסט נישט די מינדסטע אַנונג?

האָט ער מיר אַפילו נישט געענטפערט.

די פאַבריק־אַדמיניסטראַציע האָט אָפּגעטיילט אַ ווינקל, לעבן דער האַלע, וווּ מען איז געשלאָפן. מען האָט צוזאַמענגעשטעלט טעלעכע פּריטשן און דאָרט האָט מען געלייגט די קראַנקע. ווען עמיצער איז קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך דאָרט נאָר געקענט אָוועקלייגן. מיין חבר

יאַקוב האָט אים געוויזן זיין וווּנד אויפן אָפּגעריבענעם פוס. די וווּנד איז געוואָרן אייטערדיק. האָט אים יענער אויסגערייניקט, פאַרבאַנדאַזשירט און צוריקגעשיקט צו דער אַרבעט.

פיל העפטלינגען זענען געפאַלן קראַנק. מען איז וואָכן־לאַנג נישט אַרויס אויף דער פרישער לופט. די לייז האָבן זיך פאַרמערט מאַסנווייז; און די טעגלעכע פּראָדוקציע האָט מען געמוזט אַרויסגעבן. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַן עפּידעמיע, קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס פאַראַ קראַנקהייט דאָס איז. טייל זענען שוואַרץ געוואָרן אויפן פּנים, אַנדערע האָבן באַקומען 40 גראַד היץ. מען האָט זיי אַוועקגעלייגט אין דעם ווינקל פון די קראַנקע און דעם אַנדערן טאָג זענען זיי געשטאָרבן. מיט 39 גראַד היץ האָט מען אַהין נישט אַריינגענומען.

ווען דער פאַבריק־לייטער, דער מיליטערמאַן, האָט געזען, אַז יעדן טאָג פאַלן אַוועק קראַנק די העפטלינגע, האָט ער גלייך אַלאַרמירט די צענטראַלע אין פלאָסענבורג. עס איז געקומען צופאָרן אַ דאָקטער, האָט באַזוכט די קראַנקע און נישט געקענט פעסטשטעלן די קראַנקהייט. ער האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז עס איז מעגלעך, אַז עס קומט פון דעם, וואָס די העפטלינגע האָבן נישט קיין לופט. האָט ער גלייך באַפוילן, אַז יעדער שיכט מוז נאָך דער אַרבעט אַרויסגיין אין הויף אויף צוויי שעה. און דאָס איז געווען נאָך ערגער ווי פריער, ווייל נאָכן אָפּאַרבעטן 12 שעה, איז מען געווען זייער מיד און אָפּגעשוואַכט. אין דרויסן איז געווען קאַלט, ווינטיק. בפרט נאָך, 6 אַ זייגער אין דער פרי. מיר האָבן זיך צוגעדריקט איינער צום צווייטן, ווי אַ סטאַדע שאָף, אָבער די קאַפּאָס האָבן געקלאַפּט מיט די שטעקנס איבער די קעפּ, מען זאָל זיך נישט צונויפשטופּן צוזאַמען.

געווען איינער אַ קאַפּאָ, אַ פאָלקס־דייטש, אַ גרויסער אַנטיסעמיט, האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע העפטלינגע אין אַ רונד, איינער הינטערן אַנדערן, מ'האָט געמוזט זיך האַלטן ביי די הענט, און ער האָט באַפוילן, אַז מען זאָל זינגען יידישע לידער. אַלע האָבן געמוזט זינגען. ווען איינער האָט נישט געזונגען, האָט ער אים גלייך געשלאָגן מיטן שטעקן. אָבער די באַוועגונגען האָבן אַלעמען אַביסל דערוואַרעמט. ביז ס'איז אים, דעם קאַפּאָ אַליין, אויך קאַלט געוואָרן, איז ער אַריין אין דער פאַבריק. די העפטלינגע האָבן זיך ווידער צונויפגערוקט, צונויפגעטוליעט ביז דער הויפּט־פירער, דער דייטש, האָט באַפוילן, אַז מען קען שוין אַריין אין באַראַק.

מיין חבר יאָקוב טאָובע איז שווערער געוואָרן צו גיין. די ווונד אויפן פוס האָט זיך אַלץ מער פאַרערגערט. איך האָב אים געמוזט פירן בייטאָג און ביינאַכט צום עסן, צוריקפירן צו זיין מאַשין. ווען מיר האָבן געאַרבעט אויף דער נאַכט־שיכט, האָט מען געקענט בייטאָג צוגיין צום אינפירמיער, ער זאָל אים אַביסל אויסרייניקן די ווונד. אָבער אָנגעמען צווישן די קראַנקע האָט ער אים נישט געוואָלט, מיטן תירוץ, אַז ר׳האָט נישט קיין 40 גראַד היץ. עס זענען פאַרביי נאָך עטלעכע טעג און יאָקוב טאָובע האָט איבערהויפּט נישט געקענט מער גיין. ער האָט געליטן שרעקלעכע ווייטיקן. האָב איך איבערגעלאָזט מיין דריי־באַנק, ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין מיר, דעם קראַנקן פוס אין דער לופט, איז אונטערגעשפּרונגען, און איך האָב אים צוגעפירט ביז דער ביוראָ פון הויפּט־אינזשיניער; דער זעלבער, וועלכער האָט אונז געבערענגט פון מאַטהאַוזען אין דער פאַבריק. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער האָט אונז אָנגאַזשירט צו דער אַרבעט, אָבער נישט צום ליידן. איך האָב אים געוויזן דעם פוס פון יאָקובן, אַז ער איז מער נישט פעאיק צו דער אַרבעט; אַז צווישן די קראַנקע וויל מען אים נישט אָננעמען. איז ער מיט אונז מיטגעגאַנגען און באַפוילן, אַז מען זאָל אים גלייך אָננעמען אין דער קראַנקן־שטובע.

יאָקובס לאַגע איז שוין אָבער געווען האָפנונגסלאָז. קיין מעדיקאַמענטן, מיט וואָס צו היילן די פאַרגיפטונג, איז נישט געווען. יעדן טאָג זענען אָנגעקומען פרישע קראַנקע, ווייל די עפּידעמיע האָט זיך אַלץ מער פאַרשפּרייט. מענטשן זענען געשטאָרבן מאַסנוויז. האָבן די קאַפּאָס און די אַדמיניסטראַציע פון דער פאַבריק באַשלאָסן, אַז אַלע העפטלינגע מוזן גיין אין טואַלעט אויפן הויף, גאַנץ ווייט פון דער פאַבריק, און נישט מער אין דער האַלע, וווּ מען איז געשלאָפן. דער איינפאַל איז זיי זייער גוט צונוץ געקומען. ווייל די, וועלכע האָבן געאַרבעט נאַכט־שיכט, זענען 6 אַזייגער אַרויס אין דרויסן, געבליבן ביז 8 אַ זייגער, דערנאָך, אַריינקומענדיק האָט מען באַקומען די שוואַרצע וואַסערדיקע קאַפּע, מיט אַ שטיקל ברויט, און גלייך געגאַנגען שלאָפן. אָבער דער גוף איז געווען דורכגעפרוירן; פון דער קאַפּע, פון דער וואַסערדיקער זופּ, האָט מען זיך גלייך אויפגעכאַפּט צו לויפן אין טואַלעט. ווי נאָר מען איז אַרויס אין הויף, האָבן די קאַפּאָס זיי געכאַפּט און זיי געצוווּנגען צו טראָגן די טויטע, וואָס זענען אָוועקגעפאַלן פון דער עפּידעמיע. צוריק גיין שלאָפן, איז שוין נישט געווען קיין צייט.

נאָך דער נאַכט־שיכט בין איך שוין 9 אַזייגער אָװעקגעפאַלן שלאָפן. אָבער אַרום 10 אַזייגער האָב איך מיך אױפגעכאַפּט, צו לױפן אין טואַלעט. איך האָב באַמערקט, װי די קאַפּאָס שטײען, אין דרױסן, צװישן זײ דער פאָלקס־דײטש, דער אַנטיסעמיט, און כאַפּן יעדן, װאָס גײט אַדורך. בין איך דורך אַ זײטן־װעג דערלאָפן ביז צום טואַלעט. דאָס האָט דער פאָלקס־דײטש באַמערקט, האָט ער מיך צוריקגערופן, אַרײנגעפירט צוריק אין דער שלאָף־האַלע, גענומען אַ גראָבן שטעקן, מיך באַפױלן אָװעקלײגן זיך אױף אַ בענקל און מיר געגעבן 25 שטעקנס איבערן נאַקעטן לײב, איבערן רוקן. (חדשים לאַנג דערנאָך האָב איך זיך נישט געקאָנט גלײך אױפשטעלן, און לאַנג נאָך דער באַפרײאונג האָב איך נאָך אַלץ געהאַט אױפן לײב די שװאַרצע צײכנס). עטלעכע חברים האָבן מיר געמוזט העלפן זיך לײגן אױף דער פּריטשע. איך האָב געבעטן אַ חבר ער זאָל מיר ברענגען אַביסל װאַסער. ער האָט אָבער מורא געהאַט אַרױסצוגײן. איך בין געװען כמעט װי פאַרחלשט און געבעטן מען זאָל מיר כאָטש געבן אַביסל װאַסער. אַן אַנדערער חבר האָט דאָך ריזיקירט, איז אַרױס און מיר געבראַנגט אַביסל װאַסער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך טאָר זיך אפילו נישט מעלדן אַלס קראַנקער, װײל דער ברוטאַלער אײנפיר־מיער קען מיך דאָרט צוענדיקן.

דאָס ביסל װאַסער האָט מיך ממש געראַטעװעט. אַ גאַנצן טאָג בין איך געלעגן און זיך נישט געקענט אױפהײבן. אָבער אין אָװנט האָב איך געמוזט אױפשטײן, גײן צו דער אַרבעט אױף נאַכט־שיכט. איך האָב זיך קױם צוגעשלעפּט צו דער דרײ־באַנק, האָב אַלץ דערצײלט מײן מײס־טער און אים געבעטן ער זאָל מיר אין דער נאַכט באַפרײען אַביסל פון דער אַרבעט, װײל איך קען נישט שטײן אױף די פיס. ער האָט זיך מרחם געװען און מיך געלאָזן אױסרוען זיך.

אױף דעם צװײטן טאָג האָב איך נאָך אַלץ נישט געקענט קומען צו מײנע כוחות. איך האָב נישט געקענט גײן זען מײן חבר טאָובע. האָב איך געבעטן שנײבוימען ער זאָל אים גײן זען און דערצײלן אים װי קראַנק איך בין. אין אָװנט האָב איך װידער געמוזט גײן צו דער נאַכט־שיכט.

דאָס שװערסטע פאַר מיר איז געװען דאָס אײנשפּאַנען און רעגו־לירן יעדער־טײל־שטיק אין דער דרײ־באַנק. דאָס טײל־שטיק איז געװען זײער שװער, און איך בין געװען זײער אָפּגעשװאַכט. איז בײם אײנד־רײען די שרױבן, כדי ס׳זאָל זײן גענוי און רונד, האָט זיך עס אַרױסגע־

גליטשט פון די דריי־שרויבן און איז אַראָפּגעפאַלן אויפן מיטלסטן פינ־גער פון דער רעכטער האַנט.

עס האָט מיר זייער וויי געטון, אָבער איך האָב נישט געקענט איבעררייסן די אַרבעט, ווייל מיט אַ נאַכט פריער האָב איך גאָרנישט געמאַכט. איך האָב געמוזט באַווייזן מיין פּראָדוקציע. איך בין צו צום




די בלעכלעך צום באַקומען עסן אין לאַגער גרעידיץ

וואַסער־קראַן, געווייקט די האַנט, און דאָס האָט מיר אַביסל לייכטער געמאַכט. דאָס זענען געווען פאַר מיר די שווערסטע מאָמענטן אין מיין לאַגער־לעבן. איך האָב זיך קוים דערוואַרט ביז אין דער פרי, און נאָך געמוזט שטיין צוויי שעה אין דרויסן. מיין פינגער האָט אָנגעהויבן שוואַרץ צו ווערן, האָט אנגעהויבן צו געשווילן. אַריינקומענדיק אין דער האַלע, האָב איך שנעל גענומען די קאַווע מיטן שטיקל ברויט, געגאַנגען צום שלאָסער־אינפירמיער, אים געבעטן: אפשר קען ער מיר געבן עפּעס אַ שמירעכץ? אָבער ער רעדט צו מיר זייער גוטע רייד, און זאָגט מיר איך זאָל אים געבן דעם גאָלדענעם צאָן אין מיין מויל, וועט ער מיר געבן אַ שטיקל ברויט דערפאַר...

איך האָב זיך געזען מיט יאַקוב טאַובע, אים דערציילט וועגן מיינעליידן. האָט ער מיר געזאָגט, אַז אים איז נאָך ערגער. מען גיט זיי כמעט נישט צו עסן אין דער קראַנקן־שטובע, ווייל דער אינפירמיער נעמט אַלץ צו פאַר זיך. מען טאָר נישט אויפמאַכן ס׳מויל, ווייל ער קען אומברענגען.

איך דערצייל עס אין דער האַלע וועגן דעם אינפירמיער, אַז מען דאַרף זיך פאַר אים היטן. ער איז אַ מערדער. איך ווייז מיין געשוואָלענעם פינגער; זאָגט מיר אייגער, גראַד אַ פיינער בחור: „מיט אַזאַ פינגער, האָסטו אויף אַ טאָג־צוויי, דערנאָך ביסטו — קאַפּוט”. ער האָט עס נישט געזאָגט מיט שאָדנפרייד, נאָר אין יענע באַדינגונגען איז דאָס לעבן געווען זייער ביליק. מען האָט געוווסט, אַז יעדער פון אונז וועט פאַלן, ווער — פריער, ווער — שפּעטער. גראָד אָט דער בחור איז מיט צוויי טעג שפּעטער שוואַרץ געוואָרן, האָט באַקומען 40 גראַד היץ און איז אויסגעגאַנגען.

איך בין געווען אין איבער צען לאַגערן, אומעטום זענען פונדעסטוועגן געווען דאָקטוירים, וואָס האָבן אַביסל געלינדערט די ווייטיקן פון קראַנקע. בלויז אין גרעידיץ איז נישט געווען קיין דאָקטער, נאָר אַ שלאָסער האָט גענומען אויף זיך די שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אין דער צייט ווען ער האָט נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג ווי אַזוי צו היילן. אין יענע טעג, אין יענע טראַגישע טעג, האָט אַ העפטלינג געזונגען דאָס ליד פון אברהם רייזען (פאַרגרייזט). און עס האָט מאָדנע אויסגעדריקט אונזער אַלעמענס שווער געמיט:

אויב לעבן איז ליידן, דאַן לעב איך שוין לאַנג,
גענוג האָב איך שוין מיינע יאָרן;

אויב לעבן איז הערן פון גליק כאָטש אַ קלאַנג,
דאַן בין איך נאָך אַפילו נישט געבאָרן...

מיר זענען געווען אַזוי נאָענט צו דער באַפרייאונג, אָבער נאָך נענטער — צום טויט; אָבער קיינער האָט נישט קיין מורא געהאַט פאַרן טויט. מיר האָבן געוווסט, אַז מיר זענען אַלע פאַרלוירן, מיר וועלן קיינמאָל נישט אַרויס פון דאַנען לעבעדיק.

אַזויווי אונזער לאַגע האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרערגערט, אַזוי האָט זיך די מיליטערישע סיטואַציע אויף די פראָנטן פאַרבעסערט. די אַלירטע אַוויאָנען זענען כסדר געפלויגן איבער אונזערע קעפּ. מ'האָט געשפּירט, אַז דער פראָנט דערנעענטערט זיך.

אָנהייב אַפּריל 1945 האָט די אַדמיניסטראַציע פון דער פאַבריק באַשלאָסן, אַז ווי נאָר ס'וועט זיין אַ לופט־אַלאַרם, מוזן אַלע העפטלינגע אַריינלויפן אין בונקער. די אַרבעט איז שוין נישט געגאַנגען נאָרמאַל. מען איז מער געזעסן אין בונקער, ווי געאַרבעט. בייטאָג איז געווען לייכטער צו זיצן אין בונקער, אָבער ביינאַכט האָבן זיי אונז אָפּגעשלאָסן, ס'איז נישט געווען ממש קיין לופט, מיט וואָס צו אָטעמען. עס איז געווען אַ קליינע פּאָמפּע מיט אַ הילצערן הענטל, און מען האָט עס געמוזט באַוועגן הין און צוריק. עס זענען אָבער געווען צופיל מענטשן צונויפגעשפּאַרט אין בונקער. האָט מען זיך געלייגט מיטן פּנים אַראָפּ, אויפן שטיינערנעם באָדן און געשעפּט אַביסל לופט. מיר איז געלונגען אַפילו איינצושלאָפן און האָב זיך אויפגעכאַפּט ערשט 6 אַזייגער אין דער פרי, ווען מען האָט אויפגעשפּאַרט דאָס טירל און אונז אַרויסגעלאָזט אויפן הויף. אַלע האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט אויף דער פרישער לופט.

איך בין יעדן טאָג געגאַנגען באַזוכן יאַקוב טאַובען, יעדן טאָג איז אים ערגער געוואָרן. ער האָט אַפילו מער נישט געקענט נעמען צום מויל דאָס ביסל וואַסערדיקע זופּ. איך האָב אים געמוטיקט, אים געזאָגט, אַז אין קורצן וועלן מיר באַפרייט ווערן. ס'איז אים אָבער נישט באַשערט געווען צו דערלעבן די באַפרייאונג. דריי טעג איידער מען האָט אונז עוואַקואירט פון דאָרט, איז ער, נאָך שווערע ליידן, אויסגעגאַנגען.

שניבוים איז געווען זייער באַזאָרגט, ווייל דאָס האָט ער אים, נישט ווילנדיק צעקראַצט דעם פוס. און פון אַ געוויינלעכן קראַץ אין פוס, איז אַ מענטש אומגעקומען! איך האָב אים געטרייסט, אַז ס'איז נישט זיין שולד. געשען איז עס ווען ביידע זענען געשלאָפן. שניבוים איז געווען זייער אַ הויכער, 1 מעטער 90 די הויך, זייער אויסגעמאָגערט, פיל מער

פון מיר. ווען מען האָט אונז עוואַקואירט, אַרויסגעפירט פון דער פאַב־ריק, האָט ער מער נישט געקענט גיין צופוס און אויפן וועג האָבן אים די דײַטשן דערשאָסן.

וווּהין מען פירט אונז, האָט קיינער נישט געוווּסט. אין איינעם אַן אינדערפרי האָבן די קאַפּאָס באַפוילן אויסצושטעלן זיך אין ריי. יעדער האָט געמוזט אַרויפציען די הויזן ביז איבער די קני. דער פאָלקס־דײַטש איז דורכגעגאַנגען די רייען, באַקוקט די פיס, און ווען ער האָט געזען, אַז איינער האָט צו מאַגערע פיס, האָט מען יענעם אַוועקגעשטעלט פון פאָרנט. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס דער העפטלינג האָט געזאָגט, אַז ער איז שטאַרק און געזונט, אַז ער קען גיין צוזאַמען מיט אַלעמען, האָט עס נישט געהאָלפן. געווען צוויי ברידער, וועלכע זענען ביז דעמאָלט אומעטום געווען צוזאַמען, האָט ער זיי צעטיילט.

באַלד זענען אָנגעקומען צוויי לאַסט־אויטאָס, אָנגעפירט דורך ס. ס.־לײַט, און די פאַרבראַקירטע האָבן געמוזט אויפשטײַגן. אונטער אַ שטאַר־קער וואַך, האָט מען זיי אַוועקגעפירט. וואָס מיט זיי איז געשען, ווייס קיינער נישט ביזן הײַנטיקן טאָג. אויפן צווייטן לאַסט־אויטאָ זענען אויפ־געשטיגן אַלע קאַפּאָס, אַלע פאַר־אַרבעטער, די, וועלכע האָבן אונדז גע־שלאָגן, זיך איזדעקעוועט איבער אונז. אויך דער שלאָסער־אינפּירמיער — צווישן זיי. אין דער קראַנקן־שטוב זענען איבערגעבליבן די, וואָס האָבן זיך נישט געקענט אויפהייבן פון די בעטן. זייער גורל איז געווען אַ טרויעריקער.

מיט אונז איז פאַרבליבן די דײַטשע־וואַך, ווי אויך דער קאַפּאָ, דער פאָלקס־דײַטש. מיר האָבן אַרויסמאַרשירט פון פאַבריק־הויף, אין דער ריכטונג פון דרעזדען. וווּהין מען פירט אונז האָט קיינער נישט געוווּסט. דעם ערשטן טאָג זענען אַלע געגאַנגען, נישט צו גיך, אָבער מען איז געגאַנגען. דער פאָלקס־דײַטש האָט מיטגענומען אַ ביציקלעט. ער איז געפאָרן פאַראויס, כדי צו געפינען אַ לאַגער, וווּהין אין אָוונט זאָלן אַלע העפטלינגע קענען אַרײַנקומען. מייסטנס איז עס געווען אַ פאַרלאָזענער לאַגער. דאָרט האָבן מיר איבערגענעכטיקט און צומאָרגנס ווײַטער אין וועג אַרײַן. אַזוי זענען מיר געגאַנגען דרײַ טעג, כמעט אָן עסן. די, וועל־כע זענען אָפּגעשטאַנען אין וועג, האָבן די סאָלדאַטן אים דערשאָסן אויפן אָרט. מיר האָבן אַלץ געטון, געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג, ווײַטער צו גיין, און איינער האָט געהאָלפן דעם אַנדערן. ווי נאָר מען האָט געזען, אַז איינער שטייט־אָפּ, ווערט אָפּגעשוואַכט, האָט מען אים

געגומען אונטערן אָרעם. אַזוי האָבן איך געפירט צוויי חברים, וואָס האָבן קוים געקענט גיין. אין אָוונט זענען מיר אָנגעקומען אין אַן אָרט און געבליבן אויף דער גאַס, אויסגעשטעלט זיך אויפן טראָטואַר. די וואַכ־לייט האָבן לסוף געפונען אַ פּויערישע סטאַדאָלע, פול מיט שטרוי און היי. כ'האָב זיך פאַרשטעקט וואָס טיפער, כדי צו דערוואַרעמען זיך. מיט־טאָמאָל דערשפיר איך מיט די פיס עפּעס האַרטס. איך שטעק אַריין די האַנט און דערשפיר ערשט — אַ זאַק מיט ווייץ. האָב איך זיך אָנגעגע־שטאָפּט פולע קעשענעס מיט ווייץ, אָבער די קעשענעס זענען געווען צעריסן, האָב איך דעם ווייץ אַריינגעשאָטן צווישן דער פאָטשעווקע און דעם שטאָף. איך האָב שטילערהייט אָנגעזאָגט די, וואָס זענען געלעגן לעבן מיר און אויך זיי האָבן זיך אָנגעלייגט פולע קעשענעס.

דאָס ביסל ווייץ האָט אונז געראַטעוועט פון הונגער, געגעבן אַ ביסל כוח אויסצוהאַלטן דעם שווערן לאַנגן וועג. מיר זענען אַזוי גע־גאַנגען אין משך פון 9 טעג. איך האָב שוין כמעט נישט געפילט מײַנע פיס. מיר האָבן זיך איינמאָל פאַרהאַלטן אויף אַ פעלד. אין גראָז זענען אַרומגעקראָכן לעבעדיקע שנעקן. אַנדערע האָבן זיך געוואָרפן אויף די שנעקן און זיי אײַנגעשלונגען לעבעדיקערהייט. געגעסן די שנעקן האָט אַפילו איינער, אַ רעליגיעזער בחור, וועלכער האָט אין לאַגער געפאַסט אום יום־כיפור. איך האָב נישט געקענט נעמען צום מויל די שנעקן. איך האָב ליבערשט געקייט דעם גראָז, די געלע בלימעלעך, און דערמיט אַביסל געשטילט דעם הונגער און דורשט.

מיר זענען געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג און זיך דערנענטערט צו דרעז־דען. עס איז נישט געווען מער קיין באַראַק, קיין געביידע איבערצונעכטיקן. די דײַטשן האָבן אונז געפירט פון דער צווייטער זייט שטאָט, כדי צו געפינען אפשר אַן אָרט ווו אָפּצושטעלן זיך. די שטאָט דרעזדען איז געווען אינגאַנצן פאַרברענט און צעשטערט. די נאַכט אין געווען שטאָק־פינצ־טער, מען האָט נישט געזען ווו מען גייט, האָט מען זיך אָנגעהאַלטן ביי די אָרעמס, איינער איז געטרעטן אויפן צווייטן. מען האָט געקענט לײַכט אַנטלויפן, אָבער ווו וועט מען זיך אויסבאַהאַלטן? באַקומען עפּעס צו עסן?

מיר זענען אַ גאַנצע נאַכט געגאַנגען דורך דרעזדען, צווישן חורבות, ביז אין דער פרי, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין א קליינער אָרטשאַפט. די דײַטשן האָבן פאַראָרדנט מען זאָל זיך אויסזעצן אויפן מיטן גאַס. פיל זענען פון מידקייט באַלד איינגעשלאָפן. מיר האָבן געזען ווי דײַטשע

פרויען גייען פאַרביי מיט זייערע קינדער ביי דער האַנט אין די געוועל־בער איינקויפן. יעדע האָט געטראָגן א ברויט, און קיין איינע האָט אונז נישט צוגעוואָרפן קיין שטיקל ברויט.

נאָך עטלעכע טעג גיין, זענען מיר אָנגעקומען קיין טשעכן. פיל פון אונז האָבן שוין געפעלט. זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן וועג. די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט אָבער אַרויסגעוויזן צו אונז פיל סימ־פּאַטיע, זעענדיק ווי מיר שלעפּן זיך קוים. לעבן אונז איז געפאָרן אַ יונגער טשעך אויף אַ ביציקלעט, און פלוצים וואַרפט ער אַוועק די טאַש פול מיט עסנוואַרג, און פאַרט שנעל אַוועק. אַלע האָבן זיך געוואָרפן דערויף, יעדער האָט געוואָלט כאַפּן אַ שטיקל ברויט. דאָס גאַנצע ברויט איז צעקרישלט געוואָרן, אויסגעמישט געוואָרן מיט דער בלאָטע, און מיר האָבן עס געכאַפּט פון דער בלאָטע און אַזוי געגעסן. דער יונגער טשעך האָט ריזיקירט מיטן לעבן, ווייל די דייטשן האָבן אים געקענט דערפאַר דערשיסן.

עס איז שווער געווען צוריק אויסצושטעלן זיך אין רייען, נאָך אַזאַ לאַנגן טויטן־מאַרש. די וואַכלייט האָבן מער נישט געלאָזן אונז עפּעס צווואַרפן דורך די לייט פון דער אָרטשאַפט. זיי זענען געשטאַנען און געגאַסן מיט טרערן, אָנקוקנדיק אונז.

# קאַפּיטל 13

## לייטמעריץ — טערעזיענשטאַט

נאָך ניין טעג מאַרש, אָן עסן און אָן אַ טרונק, נישט שלאָפנדיק, זענען מיר אָנגעקומען אין אַ לאַגער. ס'האָט זיך אויפגעמאַכט אַ ברייטער טויער און מען האָט אונז אַריינגעלאָזן. יעדער איינער האָט זיך געוואָרפן אויף דער נאַסער ערד. מען האָט שוין נישט געפילט קיין גאַנצן אבר. מיר האָבן געפרעגט די אַרטיקע העפטלינגע ווי עס רופט זיך דער לאַגער. זאָגן זיי: לייטמעריץ, אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי.

מיט איין מאָל קומט אַ פאַראָרדענונג, מיר זאָלן גיין אין וואַשרוים. דער וועג האָט געפירט דורך אַ שמאָלן, שטיינערנעם איינגאַנג, עטלעכע טרעפלעך אַראָפּצוגיין. פון אַלע זייטן זענען געווען וואַסער־קראַנען. דאָס האַרץ האָט זיך געשראָקן — צי זענען עס באמת וואַסער־קראַנען, אָדער... גאַז־קראַנען?... וועט מען אונז, נאָך אַלע פּלאָגענישן, דאָ פאַרגאַזן. איך האָב אינסטינקטיוו זיך געוואָלט צוריק אַרויסשאַרן, אָבער ס'איז נישט מעגלעך געווען, ווייל דער אַריינגאַנג איז געווען אַ שמאָלער. האָבן מיר געשריגן צו די, וועלכע זענען נאָך געווען אין דרויסן, אַז מען וועט אונז דאָ פאַרגאַזן. האָבן זיי נישט געוואָלט זיך רירן. האָט מען זיי געשלאָגן און זיי האָבן געמוזט אַריינגיין.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, צום גליק, אַז דאָס זענען טאַקע געווען וואַסער־קראַנען. די שרעק איז געווען אָן אומזיסטע. מען האָט זיך גוט אַרומגעוואַשן.

נאָכן איבערנעכטיקן, זענען מיר צומאַרגנס ווידער געגאַנגען אין דער ריכטונג פון טערעזיענשטאַט. מען האָט כמעט יעדן צווייטן געמוזט פירן אונטער די אָרעמס, אַזוי אויסגעשעפּט זענען מיר שוין געווען. איך האָב נאָך געהאַט ווייץ אין די קעשענעס און דאָס האָט מיר געגעבן אַביסל כוח ווייטער צו גיין און העלפן גיין די חברים לעבן מיר.

אין זעלבן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין טערעזיענשטאָט. די ס. ס. און די ווערמאַכט־סאָלדאַטן זענען אין לאַגער נישט אַריין; און דאָס האָט אונז געחידושט. די אַדמיניסטראַציע איז דאָ באַשטאַנען דורכ־אויס פון יידן. זיי האָבן אונז איבערגענומען, געגעבן עפּעס צו עסן. זיי האָבן איינגעאָרדנט פיל שטעלן, ווו מען האָט אויסגעטיילט אַביסל זופּ, אַ שטיקל ברויט. נאָכן עסן האָט מען אונז געפירט זיך אַרומצווואַשן. פיל האָבן זיך נישט געקענט רירן, און די אַדמיניסטראַציע האָט געשיקט עטלעכע מיידלעך, וועלכע האָבן זיי געהאָלפן וואַשן זיך, אָנטון. איין מיידל, וואָס האָט מיר געהאָלפן וואַשן דעם רוקן, האָט געזען ווי מיין פלייצע איז אינגאַנצן שוואַרץ פון די קלעפּ, וואָס איך האָב באַקומען. האָט זי גערופן דעם דאָקטער, און איך האָב אים דערציילט, ווי אַזוי דער פאָלקס־דייטש האָט מיך מיט אַ גראָבן שטעקן געהאַקט איבערן נאַקעטן לייב, איבערן רוקן, אַז עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד האָב איך נישט געקענט שטיין גלייך. דער דאָקטער האָט מיר פאַרשריבן אַ מאַסאַזש, און מען זאָל מיך איינשמירן און מאַסירן דעם רוקן. נאָך עטלעכע טעג, האָב איך זיך געפילט פיל בעסער.

דאָרט זענען נישט געווען קיין באַראַקן, נאָר קאַזאַרמעס. מיר האָבן באַקומען געלעגערס. שוין יאָרן לאַנג בין איך נישט געשלאָפן אויף אַ ריין געלעגער. ווי מיר וואָלטן דערפילט די ערשטע פרילינג־ווינטלעך פון באַפרייאונג. ס׳איז געווען סוף אַפּריל 1945. מיר האָבן נישט געזען, נישט קיין דייטשן, נישט קיין קאַפּאָס. עס האָט זיך נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז ס׳איז מעגלעך מיר זאָלן באַפרייט ווערן.

אָנהייב מאַי האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער לאַגער טע־רעזיענשטאָט איז מער נישט אַרומגערינגלט פון דייטשע סאָלדאַטן. מען האָט מער נישט געזען די ס. ס. אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט אַרויס־צוגיין אויסער די שטעכלדראָטן. אין שטאָט גופא האָט מען זיך שוין אַרומגעדרייט פריי. מען האָט געעפנט די אַפּראָוויזאַציע־לאַגערן און די העפטלינגע האָבן זיך צוגעכאַפּט צום עסן. ס׳איז געווען אַ גרויסע געפאַר, ווייל דער מאָגן איז געווען איינגעשרומפּן, האָט נישט געקענט פאַרדייען קיין שפּייז. פיל זענען טאַקע אַוועקגעפאַלן פון בויך־קראַמפּן.

אין לאַגער האָב איך אויך געטראָפן אַ פרוי פון פשעמישל. זי האָט געוווינט לעבן אונז, פעשקאַ פאַסטערנאַק. זי איז דאָ געווען מיט איר מאַן. איך האָב איר געבראַכט אַ זעקל קאַרטאָפל, און זי איז געווען זייער גערירט.

פון דער אַדמיניסטראַציע־ביוראָ האָט מען אויסגערופן, אַז די אַלע, וואָס קומען פון מערב־אייראָפּע, זאָלן זיך גלייך מעלדן. קיין פּוילן האָב איך זיך מער נישט געוואָלט אומקערן. צו וועמען? נאָך וואָס? איך האָב דאָך גוט געוווסט, אַז איך וועל קיינעם פון מיין משפחה נישט מער געפינען, אַז אַלע זענען זיי אומגעקומען. האָב איך זיך געמעלדעט אין ביוראָ, אַז איך קום פון פראַנקרייך. איך האָב זיך געקלערט, אַז פון פראַנקרייך וועט מיר לייכטער זיין צו פאָרן קיין ארץ ישראל, כאָטש איך האָב קיין איין וואָרט פראַנצויזיש נאָך דעמאָלט, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט. זיי האָבן מיך אָבער אויפגעשריבן אַלס פראַנצויז, מיך צוגעטיילט אין דעם הויז, וווּ עס זענען שוין געווען אַנדערע, וואָס זענען געקומען פון פראַנקרייך. מיר האָבן זיך גלייך דערפילט היימיש. מיר האָבן באַקומען צוגעטיילט פון פראַנצויזישן רויטן קרייץ אַ פּעקל זיס־וואַרג, קאָנדענסירטע מילך. כ׳האָב זיך געוואָרפן אויף דעם אַלעם, אַן אויסגעהונגערטער, און אַלץ פאַרשלונגען אויף איין מאָל. דאָס האָט מיר אַביסל געבראַנגט צו די כוחות, און כ׳האָב אויך גליקלעך אויסגעמיטן די עפּידעמיע, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין לאַגער.

דעם 8־טן מאַי האָבן מיר זיך דערוווּסט, מיט גרויס פרייד, אַז היטלער־דייטשלאַנד האָט קאַפּיטולירט. ס׳איז געווען אַ ספּאָנטאַנער אויס־ברוך פון פרייד. אַלע אין זאַל האָבן זיך אויפגעשטעלט און געזונגען די „התקווה״. אַזוי אַרום האָבן מיר דערלעבט די באַפרייאונג!

דעם אַנדערן טאָג האָבן עטלעכע פון אונז געפּרוווט אַרויסגיין אויסערן לאַגער. זיי האָבן געזען ווי אָפּגעשליסנע דייטשע סאָלדאַטן לויפן אין דער ריכטונג צו דער דייטשער גרענעץ. מען האָט ביי זיי צוגענומען דאָס עסן, וואָס זיי האָבן געהאַט, און זיי אָפּגעלאָזן. אין לאַגער האָט מען זיך באַלד גענומען דיסקוטירן, צי די העפטלינגע האָבן גוט געהאַנדלט, וואָס מען האָט די דייטשן רואיק געלאָזן אַוועקגיין, אין דער צייט ווען זיי האָבן אונז אַזוי אומברחמנותדיק יאָרן לאַנג געמאָרדעט. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן נישט זיין אַזוי אַכזריותדיק ווי זיי אין פאַראורטיילן יעדן דייטש; אַז מיר גלויבן און זענען זיכער, אַז די וועלט־עפנטלעכקייט, די יוסטיץ, וועט באַשטראָפן אַלע נאַציס און זייערע צוהעלפער.

לענגער פאַרבלייבן אין טערעזיענשטאַט איז געוואָרן געפערלעך. די עפּידעמיע האָט זיך אַלץ מער פאַרשפּרייט. מען האָט אָבער נישט גע־קענט פאַרלאָזן די שטאָט אָן אַ שיין, אַז מען איז געזונט. זאַלבעצענט

זענען מיר געווען, וואָס האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין פראַנקרייך. מען האָט אויפגעשריבן אַ פּראָוויזאָרישן צעטל, מיט אַלע נעמען, אַז מיר האָבן דאָס רעכט צו פאַרלאָזן די שטאָט. ביינאַכט, ווען אַלע אין באַראַק זענען שוין געשלאָפן, זענען מיר אַדורך צווישן די שטעכל־דראָטן, און אָפּגעטראָגן זיך וואָס ווייטער פון דעם לאַגער, ווו עס האָט געווילדע־וועט די עפּידעמיע.

אונזער ציל איז געווען: פראַנקרייך, דאָס לאַנד, וועגן וועלכן מיר האָבן אַזויפיל געהערט וועגן פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט; דאָס לאַנד, וואָס ציט די שענסטע טראַדיציעס פון דער גרויסער פראַנצויזי־שער רעוואָלוציע.

דערווייל אָבער האָבן מיר געוואַנדערט איבער דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד. נישט קיין באַנען, נישט קיין אויטאָס. מיר זענען געגאַנ־גען צופוס. טייל מאָל האָט זיך אונז איינגעגעבן מיטצופאָרן אין אַ וועגע־לע, געשלעפּט דורך אַ פערד. ביז מיר, אַ גרופּע פון פיר חברים, האָבן ענדלעך אָנגעטראָפן אויף אַ וואָקזאַל אַ טראַנספּאָרט־צוג, און מיר האָבן זיך אַריינגעכאַפּט. דער צוג איז נאָך אַלץ פול געווען מיט דייטשן. זיי זענען געזעסן און געפרעסן, און מיר זענען געווען שרעקלעך הונגעריק. אָבער — דאָס געפיל, אַז מיר זענען פריי, אַז באַלד וועלן מיר פאַרלאָזן די פאַרשאָלטענע דייטשע ערד, וואָס ברענט אונטער אונזערע פיס, האָט אונז געמוטיקט. מיר זענען ענדלעך דערפאָרן ביז סאַארבריקן. דאָ האָבן אַלע געמוזט אָפּשטייגן, דורכצוגייען אַ קאָנטראָל. און אַזוי ווי מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום דאָקומענט, נישט געקענט קיין וואָרט פראַנצויזיש, האָט אונז די גרענעץ־וואַך פאַרהאַלטן. איך האָב דעם באַאַמטן גלייך חושד געווען אין אַנטיסעמיטיזם. דער גרענעץ־באַאַמטער האָט אונז באַשולדיקט, אַז מיר זענען... דייטשן. די מיליץ האָט אונז גלייך אָפּגע־פירט אין דער תפיסה. דאָרט זענען טאָקע געזעסן ריכטיקע נאַצים. אַלע האָבן געוואָלט וויסן וואָס פאַראַ פאַרברעכן מיר זענען באַגאַנגען, און מיר האָבן געזאָגט, אַז מיר זענען — יידן און געוועזענע דעפּאָרטירטע.

דעם אַנדערן טאָג האָבן זיי דאָרט געפרעגט: ווער עס וויל גיין אַרבעטן אין שטאָט? מיר, פיר יידן, האָבן זיך גלייך געמאָלדן, מיטן געדאַנק, אַז אפשר וועלן מיר טרעפן עמיצן, ער זאָל אינטערווענירן, מ'זאָל אונז אַרויסלאָזן. מיר זענען געגאַנגען איבער די גאַסן, געזען פרויען אַריינגיין אין אַ בעקעריי קויפן ברויט, און ס'איז געווען אַ גרויס וווּנדער פאַר אונז, אַז מען קען פריי אַריינגיין קויפן ברויט. מען האָט

אונז געפירט ריין מאַכן אין אַ קאַסינאָ פון אַמעריקאַנער אָפיצירן. דאָרט האָבן מיר געטראָפן אַ יידישן אָפיציר, וועלכער האָט גערעדט אַביסל יידיש. פון אָנהייב האָט ער נישט געוואָלט גלויבן, אַז נאָך דער באַפריי־אונג זאָלן זיך ווידער געפינען אַנטיסעמיטן, און נאָך אין פראַנקרייך דערצו. קודם האָט ער פאַראָרדנט מ׳זאָל אונז געבן צו עסן, און אונז צוגעזאָגט צו אינטערוועניִרן מ׳זאָל אונז ווי אַמשנעלסטן אַרויסלאָזן אויף דער פריי.

מיר זענען צוריקגעקומען אין תפיסה פול מיט האָפענונג. אָבער דעם צווייטן טאָג, אַנשטאָט צו שיקן אונז צו דער אַרבעט, האָבן זיי אונז אַרויפגעזעצט אויף לאַסט־אויטאָס און אָוועקגעפירט אין צענטראַל־אַרעסט פון מעץ. דאָ איז שוין נישט געווען קיין האָפענונג אַזוי שנעל באַפרייט צו ווערן, ווייל זיי האָבן דאָרט אַפילו נישט געוווּסט פאַרוואָס מ׳האָט אונז אַרעסטירט.

מיר האָבן נישט צופיל געגעסן, און דאָס האָט אונז אפשר בעסער געמאַכט, צוצוגעוווינען דעם מאָגן ביסלעכווייז, און קיין איינער פון אונז איז נישט קראַנק געוואָרן. דאָ האָט מען אונז ווידער גענומען צו דער אַרבעט אין שטאָט. איך האָב באַקומען אַ דייטשע צייטונג און דאָרט געלייענט, אַז אין מעץ איז פאַראַן אַ שאַך־קלוב. האָב איך ווידער געזוכט אַ געלעגנהייט דורך די שאַך־שפּילער באַפרייט צו ווערן. אין אונזער צעלע איז געווען אַ בחור פון מעץ, האָב איך אים געבעטן ער זאָל זיך פאַרשטענדיקן מיט די שאַך־שפּילער, אַז דאָ געפינט זיך איינער פון פוילן, און ער וויל מיט זיי שפּילן. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער רופט מען מיך אין דער ביוראָ און מען פרעגט מיך צי איך וויל שפּילן אין שאַך? דער באַאַמטער פון ביוראָ האָט מיר געזאָגט, אַז אַליין קען ער מיך נישט לאָזן, אָבער דעם זונטיק וועל איך קענען גיין שפּילן אין שאַך, אין זיין באַגלייטונג.

איך האָב פריער אָנגעשריבן אַ בריוו אין דער שטראַסבורגער „הימאַניטע״, און געבעטן צו אינטערוועניִרן, אַז איך זיץ שוין צוויי חדשים אין אַרעסט, מען האָט מיר גאַרנישט פאַרצוואָרפן, אַז כ׳בין אַ דעפּאָרטירטער, אַ ייד. דעם בריוו האָב איך פון תפיסה נישט געקאָנט אַרויסשיקן, נאָר שפּילנדיק זונטיק אין שאַך, האָב איך איינעם געבעטן ער זאָל אים אַוועקשיקן. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, צוריקקומענדיק אין אָוונט פון דער אַרבעט, רופט מען מיך צום תפיסה־דירעקטאָר, און ער שטעלט מיר גלייך אויס אַ באַפרייאונג־דאָקומענט. האָב איך אים

געבעטן וועגן מיינע דריי חברים, אויך דעפּאָרטירטע. אָבער ס'איז נישט געווען אַזוי לייכט.

איך בין אַוועק אין מיין צעלע, צוזאַמענגענומען מיינע צייטונגען און ביכער, וויל מער האָב איך נישט פאַרמאָגט, זיך געזעגנט מיט אַלע אַרעסטירטע, אויסער מיט איינעם, אַ געפערלעכן אַנטיסעמיט. מיטן באַפרייאונג־שיין, האָט מען מיר גלייך אַרויסגעלאָזן. אין דרויסן בין איך שטיינגעבליבן און נישט געוווסט ווו צו גיין. כ'האָב שוין געקלערט צוריקצוגיין אין תפיסה און בעטן זיי מען זאָל מיר כאָטש לאָזן איבער־נעכטיקן די נאַכט.

ווו איך האָב גענעכטיקט די נאַכט, געדענק איך שוין נישט. מיין אויסזען איז מסתמא געווען אַזאַ נעבעכדיקער, אַז אַ פּאָליציאַנט האָט מיך פאַרהאַלטן. האָב איך אים געוויזן מיין באַפרייאונג־שיין, געזאָגט, אַז כ'בין אַ ייד, האָט ער מיך אַוועקגעפירט צו איינעם אַ יידישן קולטור־טוער, לאָופער האָט ער געהייסן. איך האָב אים אַלץ דערציילט, אַז עס זיצן נאָך דריי יידן, געוועזענע דעפּאָרטירטע. האָט ער טעלעפאָנירט צו אַנדערע יידן, זיי האָבן אינטערווענירט, און דעם זעלבן טאָג זענען אַלע באַפרייט געוואָרן. מען האָט אונז געגעבן באַן־בילעטן, צו פאָרן קיין פּאַריז, מיטגעגעבן דעם אַדרעס: 9 רי גי פּאַטען.

דעם אַנדערן טאָג זענען מיר אַלע אָנגעקומען אויפן באַשטימטן אַדרעס. דאָרט האָט מען אונז געגעבן פרישטיק, דערנאָך געשיקט שלאָפן אין יידישן אַזיל, אויף 18 רי לאַמאַרק. איך האָב זיך געפילט זייער אומגליקלעך, אַליין, אָן אַ קרוב, אָן אַ פריינט, די גאַנצע משפחה — אויסגעקוילעט.

ווען איך בין איינמאָל געגאַנגען אין יידישן טעאַטער, ווו עס האָט געשפּילט די אַקטריסע דינה האַלפּערן, האָב איך ביי דער קאַסע דער־זען אַ שיין יידיש מיידל. איך האָב זי פאַרבעטן לעבן מיר צו זיצן אין טעאַטער. זי איז מיר געפעלן געוואָרן, און אין דריי חדשים אַרום האָבן מיר חתונה געהאַט. מיר לעבן גליקלעך, און עס זענען ביי אונז מיט דער צייט געבוירן געוואָרן דריי טעכטערלעך: געניאַ, אַנעט און וויוויאַן.

אַצינד, דרייסיק יאָר נאָך דער באַפרייאונג, האָב איך שוין צוויי טעכטער חתונה געמאַכט. איך האָב שוין פיר אייניקלעך, און האָפנטלעך, וועט באַלד זיין דאָס פינפטע אייניקל. און עס זינגט אין מיר דאָס ליד פון האָפענונג:

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג...

און:

עם ישראל חי!

***

היינט, דרייסיק יאָר שפּעטער, איז מיר אַליין שווער צו גלויבן, אַז אַ מענטש קאָן איבערלעבן אַזויפיל צרות, שטיין יאָרן לאַנג צווישן לעבן און טויט. נאָך דער מלחמה האָבן מיר פייערלעך געשווירן, אַז מיר וועלן מער קיינמאָל נישט דערלאָזן צו אַ געטאָ, צו אַן אוישוויץ. מיר זעען אָבער ווי די געשיכטע חזרט זיך איבער, כאָטש נישט גאַנץ גענוי, אָבער די זעלבע סימפּטאָמען: אַזוי ווי אין יאָר 1939, האָט זיך דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד פאַרבונדן מיט היטלער־דייטשלאַנד, אַזוי זענען זיי היינט פאַרבונדן, ווי אויך אירע סאַטעליטן־לענדער, מיט אַלע פינצטערע אַראַבישע רעאַקציאָנערע כוחות, כדי צו קעמפן קעגן ישראל. פונקט ווי דער הויפּט־מופטי פון ירושלים האָט זיך פאַרבונדן מיט היט־לערן וועגן דער „ענדלייזונג פון דער יידן־פראַגע”, אַזוי זענען אַלע פאַשיסטישע און קאָמוניסטישע לענדער אויך היינט פאַרבונדן אין דער„אָנו” מיט די אַראַבישע פעאָדאַלן, כדי צו ליקווידירן ישראל. פונקט אַזוי ווי אין יאָר 1943 האָט דאָס וואַרשעווער געטאָ געקעמפט קעגן אַזאַ מעכטי־קער מיליטערישער דייטשער איבערמאַכט, איז געווען אַרומגערינגלט פון אַ פיינטלעכער פוילישער באַפעלקערונג, אַזוי איז ישראל אַרומגע־רינגלט מיט אַ ים אַראַבישע שונאים, וועלכע ווילן אונז פאַרניכטן.

פונקט ווי אין יאָר 1943 האָט דער נאַצי־באַנדיט גזשימעק, אין לאַגער שעבניאַ גערופן צו אַלע יידן „קינדער מיינע” און — געשאָסן, דערמאָרדעט אַרום זיך יידן מיט זיין מאַשין־געווער, אַזוי דערקלערן היינט דער גרויסער ראַטנפאַרבאַנד, און אַפילו פראַנקרייך, אַז „מען דאַרף זאָרגן וועגן דער עקזיסטענץ פון ישראל”, און אין דער זעלבער צייט — שטימען זיי אין דער „אָנו” פאַר די אַראַבישע טעראָריסטן־אָר־גאַניזאַציע, וואָס האָט פאַר אַ ציל די פאַרניכטונג פון ישראל.

פונקט ווי אין יאָר 1944 האָט אייכמאַן, ימח שמו, פאַרגעלייגט אויסצוטוישן יידן פאַר לאַסט־אויטאָס, אַזוי ווילן אין יאָר 1975 די איי־

ראַפּעאישע לענדער אויסטוישן די יידן פון ישראל — פּאַר אַ ביסל נאַפט...

צום גליק האָבן מיר היינט צו טאָג אַ שטאַרק ישראל, און דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט שטייט ווי אַ וואַנט הינטער דער אָפּגעצי־טערטער יידישער מדינה, און מיר וועלן קיינמאָל נישט דערלאָזן צו אַ צווייט אוישוויץ! עם ישראל חי.

פּאַריז, יולי, 1975 מרדכי וואָלפסהויט־דינקעס.

# א י נ ה אַ ל ט


| | |
|---|---|
| ה ק ד מ ה | 7 |
| קאַפּיטל 1 — פּשעמישל מיין היימשטאָט | 9 |
| קאַפּיטל 2 — דער טרויעריקער אָנהויב | 19 |
| קאַפּיטל 3 — 22־טער יוני 1941 | 45 |
| קאַפּיטל 4 — די דורכגעפאַלענע פּאַרטיזאַנער | 57 |
| קאַפּיטל 5 — אפילו די גוטע דייטשן . . . | 65 |
| קאַפּיטל 6 — חורבן־פּשעמישל | 72 |
| קאַפּיטל 7 — שעבניאַ | 127 |
| קאַפּיטל 8 — אוישוויץ־בירקענוי | 141 |
| קאַפּיטל 9 — שוויענטאָכלאָוויצע | 155 |
| קאַפּיטל 10 — מאַטהאַוזען | 173 |
| קאַפּיטל 11 — גוזען צוויי | 178 |
| קאַפּיטל 12 — גרעידיץ — מיטל־דייטשע שטאָלווערקע | 181 |
| קאַפּיטל 13 — לייטמעריץ — טערעזיענשטאָט | 192 |